08/09/2024
A 002133-C 04
HF GROUP-IN

לייב רייזער

אין געראנגל.

זכרונות פון א ייִדן אונטער דעם
לאטישער [illegible] אקופאציע.

אין געדענקעניש

די זכרונות שײַנען אין מײַן ליבער פֿרוי פֿרומקין
פֿאַר האַטערוון מיט איר אייגענער האַנט פֿון גיהנום
דעם 7 טן פֿעברואַר 1943 אונדזער 5 יאָריקע
טאָכטער באָשעלע.

איך שפּרײַ די ווערטער מיט דרך ארץ און בקיצור.
צו מײַן פֿרוי מיט וועלכע איך האָב חוץ יענע אומגליקלעכע
טעג און נאַכט הונדערטער קילאָמעטערס געוואַנדערט
דורך וועלדער און באַקעטעס די דאָזיקע צו ראַטעווען.
אַלע ווײַ צו זײַן אונדזער איינציקע פֿון אונדז שרעקלעכע
צײַט. ניט ווײַן און הײַנט די ייִדישע לאַנד ישׂראל
ווי די הויך אין האַלטן.

לייב הייצער יאַנוואַר 1985
רעננה

E/254

יד-ושם, ירושלים
הארכיון המרכזי לשואה ולגבורה
Yad-Washem, Jerusalem
The Central Archives
for the Disaster and the Heroism

ד ע ר א נ ה ו י ב

א ערד-ציטערניש מיט נאענטע שטארקע דונערן האט (מיר) אויפגעוועקט פון שלאף. די הילצערנע הייזל, אין וועלכע איך מיט מיין פאמיליע האבן געוווינט אויפן ראנד פון שטאט, האט זיך געטרייסלט און געציטערט ווי א קארטן-הייזל. דער טאג האט קוים קוים אויפגעוואכט און העליטע בליצן פון עקספלאדירנדע לופט-באמבעס האבן כ סדר געהקט אין דער ערד, אויפגעהויבן ווי וולקאנען-מעכטיקע שטויב-זיילן און מיט זייער בלאנק-בליצייער געפינטלט און צעשניטן די פרימארגנדיקע טונקלהייט. דערשראקענע און אויפגערעגטע בין איך מיט מיין פרוי ביים אפענעם פענסטער געשטאנענע - פארוונדערט געקוקט אין דער ווייט איבער די פעלדער און גערטנער, וואס זענען געלעגן אונטערן פענסטער, און זיך ניט געקענט פארשטעלן דעם גרויסן נאטור-וונדער, אז דער הימל איז אזוי לויטער-בלוי און די רויטע שטראלן פון דער אויפגייענדיקער זון דעקארירן פרעכטיק דעם הימל ווי אלע טאג – טא פון וואנען נעמען זיך פלוצלינג אזא שטורעם מיט אזוינע דונערן ? אנאנטרוישענדיקער ליארעמען און וויען פון צענדליקער עראפלאנען+מאטארס ווי מהנות וועלף האט באלד מגלה געווען אונז דעם רעטעניש אז דאס איז ניט קיין נאטור-קאטאסטראפע, נאר א פיל שרעקלעכערע קאטאסטראפע און בעת מיר האבן באלד פארשטאנען, וואס דאס באדייט, האבן מיר זיך מיט שרעק איבערגעקוקט און דעם מוט ניט געהאט ארויסצוברענגען אויף די ליפן דעם ווארט – מלחמה, פאר וועלכן מיר האבן זיך אינסטינקטיוו אזוי געשראקן, און וועלכער איז צו אונזער גרויסער איבערראשונג, אזוי פלוצלינג אונערווארטעט אויסגעבראכן אינמיטן דער נאכט פון 21 אויפן 22 יוני.

א האלב-נאקעטער בין איך ארויסגעלאפן אויף דרויסן. די קילע לופט פון פרימארגן האט תיכף אפגעווישט פון געזיכט די לעצטע סימנים פון שלאף. דער קערפער האט פאר שרעק און איבערראשונג קאנוולסיוו געציטערט. אין הויף זענען די שכנים האלב-נאקעטע געשטאנען און געהאלטן די קעפ פאריסן אין דער לופטן און מיט שרעק געקוקט אויף די עראפלאנע וועלכע האבן ווי מחנות שפארבער זיך געטראגן נידער אין דער לופטן – ממש איבער די קעפ. די ווילד-געווארענע רויב-פויגל מיט די געלע צלמים אויף די פליגלען האבן געזייט טויט און פארניכטונג אין שטאטישע גאסן און געסלאך, אומגעשטערט האבן זיי פריי געהוליעט אין דער לופטן – פארשיידענע אקראבאטישע קונצן שטיק האבן זיי יענעם פרימארגן געמאכט – באווייזן זיך אויפהויבן הויך-הויך, זייער הויך אין דער לופטן און פלוצלינג זיך א לאזט טון אין דער נידער, ארויסווארפן פון די בייכער קליינע פינטעלעך, וואס פאלן און ווערן גרעסער, גרעטער, גייען אין א גענייגטער ליניע מיט א אומעטיקן פייפערייז איינע נאך דער צווייטער

Digitized by the Internet Archive
in 2024 with funding from
United States Holocaust Memorial Museum

https://archive.org/details/bib293481

איבערן קאָפּ, פאַלן אין אַ צווייטער גאַס און הויבן אויף אין דער לופטן הונדערט־יעריקע הענט מיט ניט־רעכטצייטיק אַנטלאָפענע מענטשן, וואַרפט צוריק זיי אַף דער ערד, באַגראָבט אונטער זייער גרוז אַלע וואָס האָבן אַפילו אַ באַהעלטעניש געזוכט און געוואָלט דאָ לעבן ראַטעווען אין די קעלערן, אָדער וואָס זיינען וואַנזיניקער צעטרייסקייט געלאָפן ווו די אויגן האָבן זיי געטראָגן און האָבן געכאַפּט דעם טויט לויפנדיק.

אַלע הייל זענען נייע כוואַליעס עראָפּלאַנען געקומען און אויסגעלאָדן זייער טויט־טראָגנדיקן געוויכט ווי אַ גרויזאַמען צאָרן אויף די הונדערט־יעריקע הייזער – זקנים און אומשולדיקע ~~בבעע~~ מענטשן פון דער שטאָט: ווי זיי וואָלטן אַ טרעקלעכן מרד געטון ניט איבערצולאָזן אַ שטיין אויף אַ שטיין און אומברענגען די שטאָט צוזאַמען מיט די מענטשן ווי סדום...

ווי מחנות איבערגעשראָקענע פייגל זענען די מענטשן פון די הייזער און פאַרבאַהעלטענישן געלאָפן דאָרט וווּ אַ באָמבע איז געפאַלן אום צו זוכן אַ זיכערערן אָרט.

אויף דער ערד אונטער די פיס האָבן זיך געוואַלגערט ציבל, בלעך־דאַכוואַקעס, גלאָז, איבערגעקערטע טעלעפאָן)סלופּעס, אַ פלאָנטער פון טעלעפאָן דראָטן און צווישן דעם אַלעם האָט מען געשלעפּט אין גרויס פּאַניק די גע־האַבגעטע און פאַרוווּנדעטע, וועלכע האָבן נאָך זיך איבערגעלאָזן אויף דער ערד רויטע זיג־זאַקן פון בלוט־פליאַמעס – די לעצטע האָבן פול געמאַכט די שטויביקע רויכיקע לופט מיט זייער איומדיקן שרייען און קרעכצן. קיינעם איז אין קאָפּ ניט געלעגן זיך נאָכצופרעגן און אָנקוקן די קרבנות – ניט זייענדיק אַליין זיכער מיטן לעבן.

ברייט האָט דער מלאך־המוות יענעם שיינעם יוני־פרימאָרגן אויסגע־שפּרייט זיינע שוואַרצע פליגל איבער דער שיינער מאַיעסטעטישער שטאָט ביים ברעג פון ניעמאַן און אַלעס וואָס האָט געלעבט האָט געשפּירט זיין קאַלטן אומהיימלעכן אָטעם.

העכער האָט זיך אויפגעהויבן די זון אויפן לויטערן בלויען הימל און ווי אַ מעכטיקער פּראָזשעקטאָר באַלויכטן ~~דעם~~ גרויליקן פּאַנאָראַמע – די שטאָט האָט אין אַלע עקן געברענט.

יד-ושם, ירושלים
הארכיון המרכזי לשואה ולגבורה
Yad-Vashem, Jerusalem
The Central Archives
for the Disaster and the Heroism

מ ע ן ט ר ע ט א פ .

און ווען עס איז אביסל רואיקער געווארן און דער הימל האט אויפגע-הערט מיט פייער צו שיסן, האבן זיך דורך די ברענענדיקע גאסן פון שטאט גענומען טראגן מאשינען ליידיקע און פולע מיט מיליטער פון זאנען-גרעני אין דער ריכטונג קיין מזרח. (עס איז א פראזע געפאלן פון די מאשינען : "אונזערע טרעטן אפ", וועלכע האט דערלאנגט א זעץ ווי מיט א מעסער אין הארצן : און וואס וועט זיין מיט אונז ? און וואס וועט זיין מיט אלעמען ? מיט אונזערע מאמעס, טאטעס, פרויען און קינדער ? ווו וועלן מיר לויפן ? בלייבן מיר טאקע אויף גאטס בארא ? אויפן הסד פון די היטלער-באנדיטן וועלכע באדארפן א ליאדע ווילדע אנקומען. פון דער פרעסע און דערציילונגע פון פליטים האבן מיר געהאט א גאנץ ניכטערנע פארשטעלונג וואס זיי טוען די ווילדע בארבארן מיט יידן.

פייל אויסן בויגן זענען די מאשינען דורכן שטאט געלאפן; ווו-ניט-ווו האט זיך א מאשין אפגעשטעלט. (איבערגעשראקענע) בלייכע געזיכטער פון סאלדאטן, אנדערע פארשלאפענע, ריידן ניט קיין ווארט, אנדערע ווארפן ארויס עטלעכע ווערטער מיט פארדרוס פון פארביטערונג : אינמיטן נאכט - באפאלן אזוינע אויסוואורפן, אן פריערע ווארנונג, אלעמען צעלייגט, אבער עס איז גארניט, דערווײַלע מוזן מיר אפטרעטן, אבער מיר וועלן קומען ווידער. די לעצטע ווערטער שלאגן ווי מיט א האמער איבערן קאפ - "מיר מוזן אפטרעטן" - און וואס זאלן מיר טאן ? און אז איר וועט קומען ווידער, צי וועט איר אז טרעפן?

האלב-ליידיקע מאשינען ווערן מאמענטאן אנגעפולט מיט יידן וואס ווילן זיך ראטעווען איידער די פעסט וועט נאך אנקומען - מען כאפט זיך אן מיט ציין און נעגל ווי טרינקענדע אן די הויכע מאשין-בארטן. רויטע ארמייער כאפן פאר די הענט, פאר די אקסלען און העלפן אריינשלעפן אין די וועגענע אן געפעק מיט פרייע הענט, אט איצט ערשט פון די באהעלטענישן ארויסגע-קראכענע; קיינער פרעגט נישט קיין ערלויבעניש און קלאגט ניט פאר די סאלדאטן. די סאלדאטן פארשטייען אליין גאנץ גוט, אז אין דער ערשטער ריי מוזן אנטלויפן יידן און זייער טעטלעכע פליכט איז זיי צו העלפן.
קיינער פון די אנטלויפנדע פרעגט ניט וווהין די מאשין גייט - קיין נפקא מינה ניט - אבי וואס גיכער אפציען פון דער פעסט וואס מוז קומען, און וואס ווייטער וועט זיין, וועט מען שפעטער זען.

אבער ווו לויפט מען און ווער קען אנטלויפן ? א שטאט מיט צענדליקע טויזנטער יידן קענען דאך ניט אריינקריגן זיך אין די עטלעכע וועגענער און וואס טוט מען מיט עופה'לעך, קינדער, מיט אלטע מאמעס און טאטעס, מיט פרויען - וואס וועט פון זיי ווערן ? מען איז געבונדן ווי מיט קייטן

און צוגעװאקסן צום ארט. אנדערע זאגן — מילא, װאס װעט זיין מיט אלעמע װעט זיין מיט אונז.

אבער מענטשן ! צי האט איר דעם שכל פארלוירן, צי שפירט איר ניט דעם ריח פון טויט ? האט איר ניט געזען, װי אין עטלעכע שעה האבן די באנדיטן געמאכט א שרעקלעכן חורבן פון שטאט און פון דער שוצלאזער באפעלקערונג! װאס באדייט אייער רעזיגנירטער "מילא" ??? לויפט װער עס האט װענט און פיס ! און אויב איר װילט ניט לויפן, הויבט אויף די ביקסן און אויפמאכן, װאס װאלגערן זיך אין די גאסן, װאס סאלדאטן האבן אװעקגע-װארפן אין פאניק; לייגט זיך אויס מיט אייערע װייבער און קינדער — פון די גאסן, הויפן און װינקלאך און הויבט אן מיטן שונא, װאס באדארף באלד אנקומען, א שרעקלעכן קריג, א מלחמה, מיט ציין און נעגל, אויף לעבן און טויט, װייל אלצאיינס בלייבט איר דא, גייט איר ניט אװעק פון דאנען, מוזט איר שטארבן — א טאג פריער צי שפעטער.

מענטשן האבן אויערן און הערן ניט, האבן מוחות און פארשטיין ניט — א װילע האט דער שטורעם אפגעלאזן און עס איז ארויסגעשפרונגען די מענטשלעכע חיה : מען װארפט זיך גאר ברעכן קראמען און בעקערייען — ~~(מען האט זיך פלוצלינג דערמאנט אין דער קישקע)~~ און מען האט שוין מורא געקריגן פארן הונגער, און מען כאפט און שלעפט אהיים אין די צעזעצטע הייזער אלעס װאס קומט ~~אין װעמענס~~ האנט — א בגד, א שוך, א פלאש בראנפן, סיגארעטן, טאבאק, א.ד.ג. איך װער מיטגעריסן מיטן מאסן-פסיכאז, דערלאנג אויך א כאפ פון א אט ערשט אויפגעבראכענע בע-קעריי, 2 לעבלעך ברויט; א װיילע לויף איך מיט זיי, דערלאנג א װארף אין דער ערד, א פארביילויפער הויבט זיי אויף, גיט א קוק אויף מיר און א װארטשע און װערט נעלם אין כאאס.

עס עקבערט מיר דער מוח, איך קען די געדאנקען ניט צונויפקלויבן, און פארלוירן דעם שכל, פונקט װי אלע, װאס ברעכן און שלעפן פון די מאגאזינען אהיים. איך האב באשלאסן אהיים צו גיין און א רעכטע װיילע האב איך געבלאנדזשעט אין די באקאנטע גאסן, ביז איך האב פארשטאנען, אז איך בין ניט אויפן ריכטיקן װעג און ענדלעך אהיים געטראפן.

מאדנע װילד און משוגה'דיק האב איך זיך אויפגעפירט דעם טאג. װידער זענען נאך א האלבן טאג עסקאדרעס אעראפלאנען געקומען און װידער געזייט פארניכטונג און אומקום אויף דער נאך ניט איינגאנצן איינגעלייג-טער שטאט; צעאקערט נאכאמאל די גאסן פון שטאט מיט זיינע הייזער. װאס האבן זיי זיך אין אונז אזוי שטארק אנגעטשעפעט ? און װאס װילן זיי נאך פון אונז, אז קיין סאלדאטן זעט מען שוין אויף א רפואה ניט ? און װאס װילן זיי נאך פון אונז אומשולדיקע װאפנלאזע בירגער ? װידער האבן זיך די מענטשן אין די קעלערן און לעכער פארשטעקט.

און איך — זאל מיר צו קיין חרפה ניט זיין — האב די צװיי עפלבוימעו

אין הויף פארצויגן א האמאק, זיך אויסגעצויגן , געקוקט מיט באַטע-
צייעדיקע אויגן אין הימל און געציילט די עראָפּלאַנען....

א באָמבע האָט איז געפאלן אין װײַטן הויף און אזש צו מיר פאר-
טראָגן א שװארצע בלעך פון א דאַך, האָט מיר אביסל אויסגעטשוכעט און
צו װיסן געגעבן, אז יעצט איז ניט די ריכטיקע צייט פון ליגן אין
האמאק און ציילן די עראָפּלאַנען אין הימל, װייל עס קען אויך צו מיר
א באָמבע פארבלאָנדזשען און פארטומלען מיין גאנצע אריפמעטיקע. איך
בין שנעל װי א גיאַגער אין קעלער אראָפּגעלאָפן און שיעור ניט אראָפּגע-
הארגעט געװאָרן פון די טרעפּ לויפנדיק. באלד האָט א צװייטע באָמבע =דער=
לאנגט א מורא'דיקן זעץ אין דער ערד ניט װייט פון אונזער באהעלטעניש
און עס האָט זיך אונז געדוכט, אז מיר זיינען פארשאָטן און לעבעדיק
באגראָבן געװאָרן. דער קעלער איז געװען איינמיטן אויף עטלעכע מעטער אין
דער ערד, א געבוי־סער פון ציגל, װי אויך די סקלעפּיעניע (סופיט) איז
געװען א ציגלנער. ער האָט אמאָל געדינט אַפּאַ צו באהאלטן עפּל אויף װינטי
און יעצט איז ער געװען א שוץ-גראָבן קעגן באָמבעס פאר א דרייסיג נפשות
פינסטער איז געװען אין קעלער און פון דער לופט האָט געשטונקען פאר-
דומפנקייט און װילגאָטש. פון סופיט האָט זיך געהערט א לאנגזאמער קאַפּען
און די ציגלװענט זענען געװען באדעקט מיט א נאסן שליים - ממש א קבר
אין גרויסן פארנעם. איך האָב קנאפ-װאָס חשק געהאט לענגער צו פארבלייבן
אין דעם קעלער; דער נאטירלעכער דראנג האָט מיר געצויגן צום ליכטיקן
און װארעמען דרויסן.

גערעדט צװישן זיך אין קעלער האָט מען זייער װיניק און זעלטן -
אפילו די קינדער האָבן געפילט די ערנסטקייט פון דער לאגע און װי
געװיינטלעך ניט געשטיפט און געזעסן װי סטאטיקעס ערנסט פארזאָרגט מיט
אראָפּגעלאָזטע קעפּלאך אין די װינקעלאך. װען ניט װען איז א פראגע גע-
פאלן, װאָס װעט זיין מיט אונז ? "זיי" װעלן דאָך מסתמא באלד אָנקומען..
ביי דער לעצטער פראגע האָט מען זיך דערלאנגט װי אינסטינקטיװ א טרייסל.
פארשטייענדיק װער דאָס איז דער "זיי װעלן באלד אָנקומען" - באשייט :
װאָס זאָל איך טאָן ? האָב איך געטראכט : אנטלויפן כל זמן עס איז נאָך
צייט און נאָך ניט שפּעט, אָדער בלייבן דאָ מיט אלעמען צוזאמען און
"פּארשפּעקטיקן" גלייך מיט זיי. די פראגע האָט מיר געמאטערט, געפּיקט
אין מוח און קיין לאָגישן ענטפער האָב איך ניט געקענט געפונען. און
אז איך װעל אנטלויפן, װאָס װעט זיין מיט זיי, מיט מיין פרוי און ליבע
פינף-יעריקע טעכטערל באשעלע ? די אויגן האָבן זיך לאנגזאם צוגעװוינט
צו דער פינסטערניש און אין דער טונקלקייט האָב איך געזען די סילועטן
פון זייערע געזיכטער און די קאָנטורן פון זייערע קערפּערס : מיין פרוי
האָט געהאלטן אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, שטיל געװיינט, געשלוכצט און זיך
געװאָרגען מיט די טרערן און מיין טעכטערל האָט באװיזן א מוסטער פון

אױסגעהאלטנקײט – געזעסן שטיל בײ מײן פרוי אױף די הענט, געהאלטן
די קעפל אײנגעגנורעט אין ברוסט און אפילו קײן עסן ניט געבעטן.
איך האָב פון א װינקל געקוקט אױף זײ, דאָס הארץ איז מיר פאר-
גליװערט געװען, די געדאנקען האָבן מיר מורא'דיק געפײניקט און זיך
קײן עצה ניט געקענט געבן, װאָס צו טאָן. איך האָב װידער אמאָל װי א
קרעמער געמאַכט געװעגן און איבערגערעכנט די געדאנקען און פלענער :
און אז איך װעל מיט זײ לױפן – װי װײט װעלן מיר לױפן צופוס מיט
א קינד אױף די הענט אין אזא האָגל פון פײער; און אז איך װעל זײ
איבערלאָזן דאָ אױפן אָרט, דאָס געליבסטע און טײערסטע װאָס איך פארמאָג,
צו װעל איך זיך דאָס קענען אמאָל שענקען ? נײן, קײנמאָל ניט, איך
װעל זײ האָבן אױף מײן געװיסן אױפן גאנצן לעבן און איך װעל קײנמאָ
דעם קין-צײכן ניט קענען אָפּװאַשן מיט טױזנטער װאסערן, װײל איך בין
אנטלאָפן פון מײן ליבע פרױ און קינד װי א פחדן װאָס ציטערט פאר דער
אײגענער הױט, װײל איך האָב זײ אָפּגענארט – צוגעזאָגט ליב האָבן און
אין געפאר זײ איבערגעלאָזן אלײן בײם ברעג פון אָפּגרונט.

אומהײמלעך און טרױעריק אױפן הארצן איז מיר געװען פון די
פארשײדענע רעיונות און געדאנקען, װאָס האָט געמאַטערט מײן געװיסן
און קײן קלאָרן אױסװעג ניט געקענט געפינען. איך האָב פון צײט צו
צײט בגניבה אױף זײ א קוק געטאָן און װידער די אױגן צו דער ערד
אראָפּגעלאָזן. דאָס הארץ האָט מורא'דיק געקלעמט און אין מוח האָט װי א
פילם-לענטע זיך דורכגעטראָגן די גליקלעכע און פרײדפולע לעצטע זעקס
יאָר פון אונזער צוזאמענלעבן. צװײ געגנזעצלעכע װידערשפּרוכן זענען
ארײנגעבראָכן צו מיר אין קאָפּ, האָבן צװישן זיך מורא'דיק געקעמפט :
פון אײן זײט די מאָראל, די צוגעבונדנקײט און ליבע צו פרױ און קינ
פון צװײטן זײט – די שטרענגע, אײזערנע געזעצמעסיקײט פארן חיה'שן
קאמף פארן דאזײן. דער צװײטער קעגנזאץ האָט פאמעלאך, אָבער זיכער
זיך גענומען אײנבירגערן אין קאָפּ, אז דאָ זיצן איז פאר מיר קײן
צװעק ניט – איך דארף לױפן כל זמן עס איז נאָך ניט שפּעט און װאָס
װײטער װעט זײן װעלן מיר שפּעטער זען – פון שטאָט ארױסגײן
דערװײלע – לכל הפחות – באדארף מען.

עס איז װידער א װײלע רואיקער געװאָרן ; איך בין ארױסגעקראָכן
פון קעלער. די העלקײט פון טאָג א שנײט געטון איבער די אױגן װי א
בלאַנקער מעסער. די זון אין מערב האָט הױפנס שטראַלן אין געזיכט גע-
װאָרפן און די װארעמע לופט פון דרױסן האָט אױפגעלעבט די פארגליװערטע
גלידער. א חבר איז צו מיר צוגעלאָפן, דערלאנגט מיר בײם ארבל א שלעפּ
קום, זאָלן מיר לױפן ! כל זמן עס איז נאָך ניט שפּעט, א שאָד יעדער
מינוט ! א פארצװײפלטער האָב איך א געשרײ געטאָן אין קעלער, א רוף

געטון די פרוי ביים נאָמען. זי איז ארויסגעגאנגען א בלייכע, א פאַר-
װיינטע, דאָס קינד ביים הענטל געפירט, מיט געשאָסענע טראָט צו מיר
צוגעגאנגען, געקוקט מיר גלייך אין געזיכט, װי זי װאָלט מיין טייװלאַ-
ניטן פלאן פארשטאנען, די אויגן צעשראָקן און פארװיינטע, װי זיי װאָלטן
זיך געבעטן : קום, לאָמיר שטארבן צוזאמען....

אין דער געשפרעך איז געװען א קורצער, איך האָב דער ערשטער אָנגע-
הויבן : איך מוז אנטלויפן, האָב איך קורץ און אכזריותדיק א זאָג געטאָן.
זי האָט געקוקט אויף מיר מיט װיינענדע אומבאַשטימטע אויגן. ניין,
אנטלויף ניט, זאָלן מיר זיין צוזאמען, האָט זי ארויסגעכליפעט, װאָס
װעט זיין מיט אלעמען, װעט זיין מיט אונז. אָבער פארשטיי, האָב איך
װידער אָנגעהויבן, אז אנדערש קען איך ניט, יעדער מינוט איז א שאָד.
און װאָס װערן מיט אונז ? אויף װעמען לאָזט מיר איבער ? צי װען איך
דיך נאָך אמאָל װידער זען ? – האָט זי זיך פונאנאנדערגעװיינט. איך האָב
איר פראָבירט טרייסטן : איך װעל פון דיר אויף אייביק ניט אנטלויפן,
בלויז אויף עטלעכע טעג אונטערן שטאָט, – װעט נאָר קלאָרער װערן די לאַגע,
קום איך צו דיר װידער. מיין עלטערע שװעסטער װאָס איז אַן עדות געװען
פון געשפרעך, האָט ברואיקט און געטרייסט מיין פרוי : זאָרגט ניט – האָט
די זיך ביי איר געבעטן – איר װעט זיין מיט אונז צוזאמען, און זאָל
ער דערװיילע אנטלויפן, ער װעט אייך זיכער ניט פארלאָזן און װידער צו
אייך קומען. איך האָב שנעל זיך מיט זיי געזעגנט און זיך איינגעבויגן
א קוש טון מיין 5-יאָריקע טעכטערל. זי האָט זיך טמערצלעך פונאנדערגע-
װיינט, ארומגעכאפט מיר פארן האלז – טאַטעלע – האָט זי געכליפעט – יויל
ניט בלייבן אליין מיט מאַמע, דו גיי ניט אװעק. כ'האָב מיין קינד גלייך
אין די אויגעלאך ניט געקענט קוקן. ניין באַשעלע – האָב איך געװיינט און
זיך ביי איר געבעטן – ניין, פאפא אנטלויפט ניט, איך יעל גלייך װידער
קומען און דיר א גוטע זאַך ברענגען.

מיין חבר האָט מיר װידער א צי געטון ביים ארבל. איך האָב געמוזט
גלייך גיין מורא האָבנדיק די קאָפּ א דריי געבן צוריק כדי ניט צו באַ-
געגנען װידער די טרויריק פארװיינטע אויגן פון מיין פרוי און קינד.
מיר האָבן שנעל געשטעלט די טריט, ממש געלאָפן דורך זייטיקע געסלאַך
צום ראַנד פון שטאָט און נאָענטן שאָסיי װאָס פירט קיין מזרח. א העפטיקע
קנאַלעריי פון איינציקע ביקסן-שאָסן האָט זיך שוין געהערט אין שטאָט.
די זון האָט געענדיקט איר טעגלעכן מאַרש איבערן הימל, זיך באַזאַלטן אין
װייטן האָריזאָנט, פארלעטנדיק אונטער זיך דעם לאַנגן גרויסן טאָג פון

22. יוני 1941 יאָר.

די נאכט האָט ברייט אויסגעשפּרייט אירע אָרעמס, װי זי װאָלט טרייסט
"באַשיץ זיך מענטש אונטער די געטרייע שאָטנס פון מיין טונקלקייט. זיי
זיכער אין מיין פינסטערניש – איך װעל דיר צודעקן, ניט פאַראַכן און

גענויער

אָפּהיטן ווי א זינדיקע מאַמע א קינד.

אונטערן שטאָט אויפן פעלד זענען פיל מענטשן ווי בוראַשקעס געלעגן; זיי זענען ביי טאָג אַנטלאָפן געווען פון דער גיהנום-שטאָט, איבערלאָזנדיק זייער האָב און גוטס און טוך געזוכט אין די טאָלן און גריבער אונטערן שטאָט. די נאַכט האָט זיך באַוועגט און געקנאַטן אין דער פינסטער ווי א מוראַשניק. מאַמעס מיט עופֿה'לעך אויף די הענט, ~~אדמערבעס~~ און פאַרמאַטערטע האָבן מיט די פֿיס געפּלאָנטערט און אַנדערע מיט בלייכע, אויסגעצויגענע און איבערגעשראָקענע געזיכטער, האָבן ביי אונז געפֿרעגט: איז שוין רויִק אין שטאָט? קען מען צוריק גיין? איך האָב פאַרביטערט צוריק-געוואָרפֿן אַן ענטפֿער: רויִק איז רויִק, אָבער צוריק אין שטאָט גייט ניט - אַנטלויפֿט! צעטומלטע און מעטוקנע אויגן האָבן אונז באַגלייט. מיר האָבן פאַרשנעלערט די טריט און גענומען גיכער גיין מיטן שאָסיי. אָפּגייענדיק עטלעכע קילאָמעטער האָב איך זיך א ווײַלע אָפּגעשטעלט דעם אָטעם אָפּצוכאַפּן, זיך אומגעדרייט און באַטראַכט די שטאָט פון ווייטן. דער הימל איבערן שטאָט איז געווען פייער-רויט. עס האָבן זיך געהויבן מעכטיקע פייער-צונגען אין דער קעפּטן. אַרטילעריע-גראַנאַטן האָבן בלוטיקע האַלב-קרייזן געצייכנט אויפן האָריזאָנט. אַלע ווײַלע האָבן דאָ און דאָרטן אויפגעבליצט פייער-וואולקאַנען פון אונטערגעצונדענע בענזין-צענטראַלעס; זיי שיינען מאָמענטאַל אויף מיט מורא'דיקן ליכט, שפריצן פונאַנאַנדער מיליאָנען פונקען אַרום זיך, מאַכן ליכטיק אויף צענדליקער קילאָמעטער און גייען פּאַמעלאַך אויס, איבערלאָזנדיק א שוואַכן ראָזן גלאַנץ אין דעם פינסטערן רוים. איך האָב זיך ווידער גענומען שלאָגן מיט דער דעה: וואָס האָב איך דאָ אָפּגעטאָן?
איבערגעלאָזן אויף הפקר פרוי און קינד אין דער ברענענדיקער שטאָט, איך בין א פאַרברעכער! - האָב איך זיך פאָרוואורפן געמאַכט און אין די אויערן האָבן מיר אָפּגעקלונגען די לעצטע ווערטער פון מיין קינד: "פּאַפּעלע, לאָז אונז ניט איבער אליין" - אין דער נאַכטיקער חשך האָב איך געזען דאָס קינד'ס א פאַרוויינטע אויגעלאַך און דער קליינער אומשולדיקער געשטאַלט איז פון מיר ניט אָפּגעטראָטן. ווי א היזיע האָב איך איר געשטאַלט געזען צווישן די פלאַמען פון שטאָט, וואָס האָט מיר ניט געוואָלט אָפּלאָזן, פאַרפאָלגט און געשלעפּט צוריק אין דער שטאָט. איך האָב ביטערע טרערן געשלונגען און אין דער שטיל געמורמלט: זייט מיר מוחל מיין פרוי און קינד, ווען וועל איך אייך שוין ווידער זען - איך בין דער גרעסטער גרעסטער פאַרברעכער אי דער וועלט!

עס האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף א רגע לעבן אונז א פאַרלאָדענע מאַשין מיט אַמוניציע, וועלכע א געטרייער סאָלדאַט האָט געפירט פון גרעניץ. איך האָב זיך אַרויפגעכאַפּט אויף די בערטער. דער סאָלדאַט האָט ניט פּראָטעסטירט, ערב האָט זיך בלויז געקלאָגט וואָס די מאַשין איז א איבערגעלאָדענע, די רייפן זענען געשעדיקטע, און ער האָט מורא, אז די אַמוניציע זאָל ניט

ארײַנפֿאַלן בײַ די פּאַטריאָטן אין די הענט. ער האָט אַרויסגעשלעפּט פֿון אַרבעל-מאַנקעט אַ שטיקל צײַטונגס-פּאַפּיר, אויסגעקראַצט פֿון קעשענע אַ ביסל װורצל-טאַבאַק און פֿאַררויכערט; ער האָט טיף אײַנגעאָטעמט דעם רויך, גע-קוקט אויפֿן ברענענדיקן האָריזאָנט איבער דער שטאָט און געטאַמלט אײַנ-צעלנע װערטער : אָט אַ/מלחמה, אַ אויסװורף, געמאַכט ניט לאַנג אַ אָפּמאַך מיט אונז, אַ העלדישקייט, און שוין נאָכט באַפֿאַלן, אַסך אַעראָפּלאַנען, אָבער ער װעט האָבן די מפּלה...

עס איז אַרויסגעקראָכן פֿון אונטער די װאָלקן אַ בלײכע לבֿנה און אַ מאַסן שײַן געװאָרפֿן אויפֿן געזיכט, אויפֿן פֿאַרביטערטן, אָבער ניט פֿאַר-צװײפֿלטן סאָלדאַט. אויפֿן שאַסײ האָט געשװיבלט און געגריבלט פֿון מענטשן און מאַשינעס – מיליטער-לײַט און ציװילע; מחנות, פֿאַרװײז און אײַנצעלנ – אַלץ האָט געשפּאַרט קיין מזרח; מחנות מענטשן פֿון אַלערלײ עלטער האָבן װי צעשראָקענע לעמער געלאָפֿן צופֿוס אין דער גרויסער װעלט, – װי געיאָגטע פֿון װעלף, אַנדערע האָבן טשעמאָדאַנעס געטראָגן, װעלכע זײ האָבן שפּעטער אַװעקגעװאָרפֿן, כּדי זיך גרינגער צו מאַכן. װו-ניט-װו האָבן עלטערן "קופּה'-לעך װי ספֿר-תּורות געטראָגן, אַרויסגעשלעפּט זײ פֿון די װאַרעמע בעטלאַך און געהאַפּט װאַרשײַנלעך מיט זײ נעלם צו װערן אין הושך פֿון דער נאַכט. מיט באַדויערונג האָב איך אויף די עלטערן און קינדער געקוקט, װעלכע האָבן די קנאַפּסטע שאַנסן געהאַט זיך צו ראַטעװען; זײ האָבן זיך ניט פֿאַר-געשטעלט, אַז היטלערס טאַנקען לויפֿן גיכער, אַז זײ װעלן זײ דעריאָגן און אין דער ערשטער רײ פֿון זײ אַ תּל מאַכן. איך האָב בײַם סאָלדאַט אַ ציגאַר-טאַבאַק גענומען, פֿאַררויכערט און װידער האָט מיר די מעלאַנכאָליע באַהערשט אין זאָרג פֿאַר פֿרוי און קינד און טיף טיף אין האַרצן האָב איך באַשלאָסן – זיצנדיק אויף דער מאַשין, אַז װי װײַט איך װעל ניט פֿאַרפֿאָרן, װעל איך דאָך קומען צוריק און אויב איך װעל זיך ניט קענען ראַטעװען צוזאַמען מיט זײ, זאָלן מיר לכל הפּחות צוזאַמען שטאַרבן.

מיר פֿאָרן װײַטער! האָט אויסגערופֿן דער שאָפֿער, װאָס האָט זיך גע-פּאָרעט בײַ די רעדער. די מאַשין האָט זיך גערירט און גענומען לאַנגזאַם פֿאָרן פֿאַרויס, קרעכצנדיק אונטער דער שװערער לאַסט.

קאַלט איז מיר געװאָרן זיצנדיק אויפֿן װאָגן. די קילע און בײַסנ-דיקע לופֿט=פֿון דער נאַכט האָט דערגרייכט צום לײַב און געבראַכן די גלידער. איך בין געװען לײַכט זומערדיק געקלײדעט און אָנגעצויגן אַ רעגן-מאַנטל װאָס איז אַ קנאַפּע שוץ געװען קעגן דער נאַכטיקער קעלט.

בלויז אויסגעשטערנט איז געװאָרן דער הימל, זויבער אָן אַ פּיצל װאָלקן, ברייט רחבֿה'דיק איז געלעגן אויסגעצויגן די מילך-װעג װי אַ פֿאַרהאַנגענער בריק אין דער לופֿטן, װו-ניט-װו איז אַ שטערן איבערגעשפּרו: גען לאַנגדיק נאָך זיך שנעל פֿאַרשװינדן אַ לאַנגן עק; אַ קלאָרע זילבערנע לבֿנה האָט תּמעװאַטע אַראָפּגעקוקט, װי די װאָלט ניט פֿאַרשטאַנען דעם ביזן

וואונדער: וואס איז דא פלוצלינג פאר א פאניק אונטערן שטאט אינמיטן נאכט ווו לויפן דאס די מענטשן און וואס שלעפן עפעס בידע עלטערן קינדער יעצט דווקא ביינאכט – ניט אנדערש – א דור איז משוגע געווארן, אראפ פון זינען. די לבנה קוקט אלעמאל געווײנטלעך אריין דורכן פענסטער, טרעפט קינדער שלאפנדיק אין ווארעמע בעטלאך, גלעט און פערהלט זייערע פנים'לעך מיט ליבשאפט און יעצט קינדער גאר אין א קאלטער נאכט אונטערן שטאט! א מאדנער ווילדער בילד, – ניט אנדערש די מענטשן פון דער ערד זענען משוגע געווארן.

לאנגזאם זענען געקראכן די טעלעפאן-סלופעס איינער נאכן צווייטן – דאס האט ארויסגערופן אין מיין נשמה א שטיקל פרייד – ד.ה. מיר פליען ניט גיך, די מאשין וועט אונז ווייט ניט פארפירן, איך וועל בלייבן נאענט פון מיין פרוי און קינד און פילייכט וועט מארגן ביים גרענעץ געוויסע ענדערונגען זיין און איך וועל ווידער קענען קומען צו זיי. מיט אזוינע זיסע אילוזיעס האב איך פארטריבן די ביטערקייט פון מיין געמיט.

ביים זייט פון שאסיי אויף די פעלדער זענען וו-ניט-וו באטעריעס שווערע ארטילעריע געשטאנען אויסגעצויגן מיט די לאנגע העלזער ווי זשיראפן געקוקט קיין מערב און געשוויגן שטימערהייט. פארוואס שווייגן זיי – האב איך ביי זיך געפרעגט; צו וואס האבן זיי מענטשן באשאפן? זיי זענען דאך געווען די ממשות'דיקע האפנונג פון די בירגער; פארוואס צעברומען זיי זיך ניט מיט זייער וונדערבארן כוח? זיי, די שטאלענע ריזן קענען דאך נאך אונז אפראטעווען. (איך האב זיך באלד אויף דעם ענטפער געגעבן, אז אך און וויי איז צו די מענטשן, וועמענס לעצטע האפנונג עס איז די קראפט פון געווער.)

די מאשין האט גענומען אונטערטאנצן, סקריפן, קריכן גאנץ פאמעלאך דער שאפער האט אויסגעלאשן דעם מאטאר, ארויסגעגאנגען פון קאבינע, האט א קללה אין דער לופטן געווארפן און מיט פארדרוס מיטגעטיילט – דער רייף איז אינגאנצן געפלאצט, די מאשין ליגט אויפן דיסק. די סאלדאטן האבן שנעל ארויסגענומען פון קאבינע די ביקסן, קאנטראלירט די פיסטאלעטן און שנעל זענען מיר אלע אוועק צום נאנטן שטעטל סקידל, וואס ליגט הארט ביים שאסיי 32 קילאמעטער פון גראדנע.

עס האט גענומען שארען אויף טאג. ניט ווייט, א האלבן קילאמעטער פון שאסיי איז דאס שטעטל ווי אויפן דלאנע געלעגן – די הילצערנע הייזלאך מיט די טשערעפיצע- און שטרוי-דעכער זענען נאך געשטאנען ווי פארזונקען אין שלאף, ווי די ארומיקע געשעענישן האלטן זיי גארניט אנגעגאנגען און דאס פאקטיש איז געווען דער לעצטער טאג פון דער געמיטלעכער אידישער קליינער שטעטעלע סקידל. אין אייניקע שעה ארום איז די שטעטל מיט די בתי-מדרשים, פאלקסשולע, קלובן און די איבריקע הייזלאך געשטאנען אין פלאמען און געברענט ווי ליכט.

א פארוואלקנטער און ברוגזער איז אויפגעשטאנען דער פרימארגן פון 23.יוני; שנעל זיינען אויפן הימל שטיקער וואלקן געשוומען און געמאכט פינסטלען דער אויפגייענדיקער זון. גלייך מיטן אויפוואכן פון טאג האט אויך אויפגעוואכט דעם שונאס אוויאציע. עס האבן זיך באלד צווישן די וואלקן גענומען באווייזן די שווארצע רויב-פויגל און דענערווירט מיט זייער אייומ'דיקן זשומען – זיי לאווירן צווישן די וואלקנס, באהאלטן זיך אויס פון דעם זעניט וואס קלאפט אויף זיי, דערלאנגען זיך פלוצלינג א לאז אראפ און לאזן איבער אין דער נאנט א טעכטיקן באק.....

עס איז קיין צייט ניט געווען זיך אפשטעלן – מ'האט באדארפט לויפן ווייטער. ביים זייט אין א וועלדל זיינען פארשטעקט געשטאנען פיל ווייט-שיסנדע הארמאטן און זעניטקעס, וועלכע האבן געלויערט און געזוכט דעם שונא'ס עראפלאנען אין דער לופטן. די העכערע מיליטער-לייט האבן זיך צווישן זיך געשושקעט. פון זייערע פנימער האב איך פארשטאנען, אז די לאגע איז ניט פויגלדיק און מען דערקן וועגן אפטרעטן. עס האבן זיך צווישן די סאלדאטן פיל ציווילע ארומגעדרייט – דאס רוב יידן פון גראדנע וועלכע האבן בדעה געהאט פון די סאלדאטן ניט אפטרעטן און וואנדערן צוזאמ מיט זיי. די סאלדאטן האבן ניט פראטעסטירט און קיינעם ניט אפגעטריבן פון זיך און פון די קריגס-מאשינען ווי געוויינטלעך. עס האט זיך שטארק געלאזט באמערקן דאס קעגנזייטיקע צוגעבונדנקייט און צוטרוי אין גרויסן מאמענט פון סכנה. וואו זענען אונזער אוויאציע? האבן סאלדאטן מיט פארביטערונג געפרעגט. אפשר דער איז א אונזעריקער? האט א סאלדאט אנגעוויזן אויף א עראפלאן, וואס האט גאנץ הויך ארומגעשוועבט איבערן וועלדל. א קאפיטאן האט דורך זיין לארנעטע א קוק געטאן, א רגע און אבסערווירט און רעזיגנירט די לארנעטע אראפגעלאזט, א גבנדיק דער-ביי מיט גאל: יע, א אונזעריקער, א פאשיסטישער!

דער עראפלאן האט עטלעכע קרייזן אין דער לופטן געמאכט, בליץ-שנעל דערלאנגט זיך א לאז ארונטער, ווי א שפארבער וואס באמערקט זיין רויב, עטלעכע באמבעס ארויסגעווארפן, קארגע הונדערט מעטער פון אונז, די ערד האט אונטערגעטאנצט און דער רויבער איז ערגיץ שנעל נעלם געווארן. איך האב באלד פארשטאנען, אז מיטן מיליטער גיין צוזאמען, ניט האבנדיק קיין מיליטערישע ערפארונג, איז קיין צוועק ניט. איך האב באלד געטראפן איייניקע ארבעטער פון מיין בריגאדע, מיט וועלכע איך האב צוזאמען אין גראדנע ביזן לעצטן טאג געבויט די טוך-פאבריק. מיר האבן זיך קורץ צונויפגערעדט און שנעל גענומען שפאנען מיטן שאסיי אין דער ריכטונג קיין מינסק. אונזער פלאן איז געווען – דערשלאגן זיך קיין מינסק, עווענטועל צו דער אלטער פויליש-סאוויעטישער גרעניץ פון 1939. מיר זענען געווען נאריש צו דענקען, אז מסתמא גייט היטלערן אין דער שטיקל פוילישער טעריטאריע. אדער – עווענטועל האבן מיר געקלערט – וועט

ביז די מזרח'דיקע גרעניצן פון װײסרוסלאנד זיכער אנטשײדנדע שלאכטן פארקומען און די פאשיסטן װעלן האבן א מפלה, װײל דער ראטן-פארבאנד װ דאך װארשײנלעך זײנע באַרעכטיקטע אלטע גרעניצן מיט צײן און נעגל פארטײדיקן; אױף אזױ פיל נאאיװ זענען מיר געװען און זיך געטרײסט מיט נארישע אילוזיעס, און װי אלעמאל איז דער געפיל בײם מענטשן דער פאטער פון געדאנק, אזױ אױך דעמאלט האבן מיר זיך פארגעשטעלט, װעט זײן דאס װאס אונזער פארלאנג האט געװאלט. אזױ ארום – אונזער הױפטציל איז געװען – די הױפטשטאט פון װײסרוסלאנד מינסק – עװענטועל די אלטע פױליש-סאװיעטישע גרעניץ. מיר האבן בשעת-מעשה נעבעך גאר פארגעסן, אז דער דײטשער גענעראל-שטאב מאכט אױך פלענער, פיל רעאלערע און װײטזיכטיקערע פון אונזערע. די פאשיסטישע הײלות האבן אין פארלױף פון געצײלטע טעג געהאט שױן ארומגערינגלט גאנץ װײסרוסלאנד און מיר זענען במילא שױן אױך געװען אין דעם דאזיקן גרױזאמען קעסל. פאר אונז איז נאך געלעגן א װאזשנע שטיק װעג קײן מינסק – א דרײ-הונדערט קילאמעטער, און צום אלטן גרעניץ – קארגע 200 קילאמעטער. מיר האבן גענומען מיט אימפעט ענערגיש שפאנען פארױס. אױפן שאסײ ~~האבן~~ גלאפן װי פארסמטע כסדר מאשינען מיט סאלדאטן. זײ האבן שױן אבער קײנעם פון די ציװילע נישט געװאלט אױפנעמען. זײ איז געגאנגען אין מאטעװען די מאשינען אמוניציע, אפטרעטן, ארױסקריכן פון פארלױ-פיקן כאאס און זיך צושטעלן ערגיץ-װו צו א פארײניקטן און נארמאלן װידערשטאנד. פיל מאשינען זענען געשטאנען אױפן װעג צעשעדיקטע, פאר-ברענטע, איבערגעקערטע מיט אלערלײ זעלנערישן באדארף – אנהױבנדיק מיט ביכער און מאפעס און ענדיקנדיק מיט אײנשפריצונגען, כירורגישע אינסטרומענטן און באנדאזשן. בײ די זײטן פון שאסײ זענען פיל מאסא-רײזירטע הארמאטן געלעגן איבערגעקערט; ביקסן, קױלן, גראנאטן, מינעס – האבן זיך אן א שיעור געװאלגערט אױף דער ערד. דאס האט אלץ געזאגט עדות, אז עס שמעקט מיט פאניק און פאר דעם טײװל האט זיך פארלױפיג פונאנדערגעשמײכלט צײטװײליקער צערפאלט אין די גרעניץ-געביטן פון דער גרױסער סאװיעטישער מלוכה.

דער יאר איז געװען צו-להכעיס א געראטענער: דער גאלדענער קארן איז געשטאנען הױך, די קעפ מיט שפע אנגעגאסן צו דער ערד געבױגן און געװארט א ליאדן טאג אױפן שניטער; מילד האט דער װינטל זײנע גאלדענע קעפ געװיגט, זיך געשושקעט מיט זײ, װי ער װאלט זײ דעם סוד אײנגערױמט, אז הײנטיקס יאר װעט דער שניטער נישט צו דער צײט קומען; אז די זון װעט זײ אױסטרוקענען, צערטיסן און אומזיסט טראגן זײ אױף זײערע קעפ דער נאטור'ס געבענטשטן געשאנק פארן מענטשן. גרין װי א פלושענער טעפיך זענען געלעגן די פעלדער מיטן רײפן אנגע-װשלענעם גארטנװארג און געװארט אױף די געניטע פױערישע הענט.

א פריבער אנגענומער האָניג־ריה האָט זיך פון די גריקע־פעלדער געטראָג װעלכע האָבן מיט זייער קלאָר־װייסן בליעכץ דערמאָנט די װייסע שנייאיקע קלייד פון פעלד אין װינטער.

שטאַרק האָט די זון געפייניקט מיט דער גרויסער היץ און פילמאָליק שװערער געמאַכט דעם שװערן װעג צופוס. איקע שטראַלן האָבן זיך אריינגע־גנבעט אין קאָלנער און בוזעם און מידער געמאַכט דעם אזוי אויך מידן קערפּער.

ערגער איז געװען אין פרייען פעלד פון די פאשיסטישע עראָפּלאַנען פון װעלכע מען האָט באַדאַרפט שנעל אנטלויפן און זיך קונציג באַהאַלטן אין גריבער, קוסטעס אָדער צװישן שטיינער. די עראָפּלאַנען האָבן װי א פלאָג פאַרפאָלגט און נאָכגעיאָגט אלץ װאָס האָט געלעבט און זיך באַװעגט אויפן שאָסיי; נידריק, כמעט ביים פעלד האָבן זיי זיך אראָפּגעלאָזן און מיט שנעי קוילן־װאַרפער סעריעס געמאַכט ראַזיר־שניטן איבערן שאָסיי. עס איז פשוט ניט געװען פון זיי װו זיך אויסצובאַהאַלטן. דער טויט־טראָגנדער בליי פון די קוילן־װאַרפער האָט זיך װי אַרבעס געשאָטן. פלוצלינג פלעגן זיי אויסװאַקסן, מאָמענטאַל זיך אראָפּלאָזן און פאַרשיטן מיט א האָגל פון קוילן דעם גאַנצן שטח. אזוי האָבן היטלערס רויבער קריג געפירט מיט דער װאָפנ־לאָזער באַפעלקערונג. נאָך אזוינע ראַזיר־שניטן פלעגן אויפן שאָסיי און אויף די פעלדער פיל געהרגעטע און פאַרװונדעטע בלייבן ליגן. די פאַר־װונדעטע װעלכע האָבן זיך ניט געקענט באַװעגן, פלעגן פאַרשטענדלעך בלייב ליגן; װעגן הילף האָט קיין רייד ניט געקענט זיין און זיי פלעגן אויס־צאַנקען אין גרויסע יסורים. פיל זענען ביי די װעגן געלעגן אזוינע דערהרגעטע; אנדערע פלעגן זיך נאָך צאַפּלען, אויסשטרעקן די הענט, בעטן הילף װי טרינקענדע, אָבער קיינעם איז אין קאָפּ ניט געלעגן זיך פאַראינ־טערעסירן מיט די פאַרװונדעטע, פאַרבונדן זייערע װונדען, אָדער א ביסל װאַסער געבן א טרינק – אלץ װאָס האָט געהאַט הענט און פיס איז געלאָפן פאָרויס.

ביים זייט פון שאָסיי אין שיטערע קוסטעס איז א יונגל פון א יאָר 18 געלעגן שװער פאַרװונדעט; ער איז געװען אָנגעטאָן אין א גרויען לייטישן אנצוג; די קאָפּ איז געװען גאַנץ, די אויגן פאַרגאָסן מיט אייטער אויפן זייט פון רעקל האָט זיך געראַיסלט א גרויסע בלוטיקע פלאַמע, דער ברוסטקאַסטן האָט זיך שװער געהויבן. איך בין צוגעפאַלן צום עלנטן און אומבאַקאַנטן יונגל, װעלכער איז מיר דעם מאָמענט אזוי טייער און נאָענט געװאָרן. איך האָב געבעטן ביי די חברים א באַנדאַזש און געװאָלט זיין װונ פאַרבונדן, עס האָבן אָבער באַלד װידער א מחנה עראָפּלאַנען א זשומע געטון די חברים האָבן מיר אויף געװאָלט פאַר די הענט אַװעקגעשלעפּט פון קרבן, פאַרשלעפּט טיפער אין קוסטאַרניק, כדי זיך אויסצובאַהאַלטן.

א עראָפּלאַן האָט זייער נידריק זיך אראָפּגעלאָזן, געמאַכט עטלעכע

קרייזן איבערן טיטערן קוסטאַרניק, געגישטערט און געשמעקט איבער אלע ווי
קעלעך, אונטער יעדן קוסט; עס האָט זיך פונאַנאַנדערגעטרעסטשעט א מאַשין-
געווען איבער די קעפּ. איך בין אינסטינקטיוו אַניידערגעפאלן אונטער א
בוימל מורא האָבנדיק א צוק טאָן מיט א בלויז. דער אעראָפּלאַן איז אזוי
נידריק געפלויגן, אז די לופט-כוואַליעס פון פּראָפּעלער האָבן זיך גאַנץ
קענטיק געלאָזט שפירן איבערן רוקן. איך האָב א זייטיקן בליק געוואָרפן
צום שוועבנדן אעראָפּלאַן ווען ער האָט נאָך א קרייז געמאַכט און אפילו גוט
געזען דעם פליגער אין שלעם, וועלכער האָט מיט ביידע הענט געדריקט אויפן
אויטאָמאַטישן קוילן-וואַרפער ביים באָרט פון מאַשין. אין דעם אויגנבליק
איז דער אעראָפּלאַן געפלויגן אין דער ריכטונג צו אונדז. "איך בין ער-
ליידיקט, דאָ איז מיין קבר"- האָט מיר א בליץ געטון אין קאָפּ; רעפלעקסיוו
האָט זיך דער קערפּער צונויפגעקורטשעט און די קאָפּ אַריינגעצויגן ווי נאָר
מעגלעך אין די אַקסלען, עס האָט איבער מיין רוקן א שטעפּ געטון דער
קוילן-וואַרפער און הארט ביים קאָפּ האָט א שפּריץ געטון זאַד.... איין
שפּאַן נענטער און איך וואָלט די קוילן אין קאָפּ געכאַפּט. איך האָב זיך
אויפגעהויבן און ביים הבה א צעטומלטער געפרעגט : זע, איך לעב נאָך ?..
לאַנג א צעדולטער האָב איך נאָכדעם געזוכט דעם פאַרוואונדעטן יונגל און
בשום אופן אים אינערגיץ ניט געקענט געפונען. פיל טעג נאָכדעם האָב
איך דעם אומבאַקאַנטן יונגל מיטן בלייכן געזיכט פאַר די אויגן געזען
און קיין רו ניט געפונען.

אין אונזער ווייטערדיקן וועג האָבן מיר שנעל גענומען דורכשפּרייזן
פּאַליאַנעס, לאַנקעס און פעלדער, כדי זיך ניט צו באַגעגענען אויג אויף
אויג מיט אעראָפּלאַנען. אויף וועגן דורך וואַלד זענען מיר פיל זיכערער
געווען ; דער וואַלד האָט געטריי געדעקט און א זיכערן שוץ געגעבן.

שיין זענען די וועלדער פון ווייסרוסלאַנד - ווי חשובע זקנים שטייען
גלייך און שטאָלץ די הונדערט-יאָריקע יאָלקעס און סאָסנעס פון די וועלדער
ביי די ברעגן פון שאָסיי. אויך מיט גדלות קוקן די געדיכטע גרינע נאָדל-
קרוינען אין הימל; פון אונטער דער קאָרע אויף די געזונטע שטאַמען
שפּריצט זומער ארויס די פעטע זשיוויצע און פאַרשפּרייט אנגענעמע ריחות
פון טערפּענטין און סמאָלע, וועלכע מאַכט אנגענעם און מחיה'דיק קילע
וואַלד-לופט. ניט אומזיסט האָט דער גרויסער פּוילישער דיכטער מיצקיעוויטש
זייענדיק אויף עמיגראַציע אין פראַנקרייך, אזוי שטאַרק נאָך זיי געבענקט
און מיט אזא ליבע זיי באַשריבן אין "פּאַן טאַדעאוש". די פּרעכטיק שיינע
וועלדער פון נאַוואַגרודקער און לידער קאַנט.

דער טיפער און גרינער מאָך אונטער די ביימער איז געלעגן ווי א
ווייכער פּליושענער דיוואַן, אויף וועלכן עס איז געווען א פאַרגעניגן אָפּצו-
רוען די מידע און צעבראָכענע גלידער פון לאַנגן און שווערן וואַנדערוועג.

פארמאטערטע, פארעטויבטע, פארשוויצטע און אפגעברענטע פון דער זון זענען מיר געזעסן אין וואלדיקן שאטן, גערעכנט וויפיל קילאמעטער מיר זענען שוין אדורכגעגאנגען און וויפיל איז אונז נאך געבליבן צו מינסק. מיר האבן אין פארלויף פון מעת-לעת געהאט אדורכגעמאכט קארגע הונדערט קילאמעטער און האבן זיך געפונען נאענט פון דער ראיאן-שטאט לידע. פארן גאנצן מעת-לעת האבן מיר גארניט געגעסן; זייענדיק כסדר געיאגט פון עראפלאנען, האבן מיר פארגעסן דעם הונגער. ערשט יעצט, זיך אביסל אויסרוענדיק אין ווייכן וואלדיקן מאך, האבן מיר זיך דערמאנט, אז מיר האבן נאך גארניט געגעסן און עס וואלט געווען א יושר עפיס וואס א ביס צו געבן. מיין חבר האט ארויסגעשלעפט פון זייטקעשטל א שטיק פארשטויבטן ראזעווען ברויט. צום גליק האבן מיר ביים זיים פון שאסיי געפונען א בלעך מיט א ביסל [redacted]-שמאלץ, וועלכע סאלדאטן האבן איבערגעלאזן; מיר האבן זיך אביסל אונטערגעפוטערט, א קארגע שעה זיך אפגערוט און כוח געהאט ווידער צו שפאנען אין וועג. נידריק איז שוין די זון געזעסן אין מערב און קארגע סנאפעס שטראלן שיף געווארפן דורך דער געדיכטעניש אויפן וואלד-וועג. ווי א גלוט-רויטער באלק האט זיך לאנגזאם די זון דערנענטערט צו דער ערד - אט-אט און זי וועט פארגיין, איבערלאזנדיק א רויטן ים פייער אין מערב. מיר האבן זיך גענומען הויבן אין וועג ארייין, אבער דער ווייכער מאך האט געצויגן צו זיך ווי מיט א מאגנעט - א שאד געווען אים צו פארלאזן. די מידע גלידער האבן געבעטן - נאך א רגע, נאך א רגע אויסצורוען זיי; די אויגן האבן זיך גענומען קלעבן, די קאפ איז געווארן מאדנע שווער פארשיכורט פון דער פרישער געזונטער וואלדיגער לופט, און אט אט וואלט דער שלאף גובר געווען און אונזערע מידע קערפערס איינגעוויגט אין זיין וואונדערבארן וויג, אבער דער כוח וואס האט אונז פון דער היים ארויסגעטריבן, געיאגט אין וועג, האט אונז אויך דעמלט אויף זיינע מעכטיקע הענט א נעם געטון און מיט אימפעט גענומען ווייטער טראגן אין וועג.

מיר זענען געגאנגען מיט א שנעלן טראט דורכן געדיכטן וואלד-וועג פארויס, האפנדיק אפשר וועלן מיר נאך צו דער צייט אין לידע אנקומען און קענען כאפן א באן, און אט אט - דער וואלד האט גענומען שיטערער ווערן און פון די זייטנוועגן האבן זיך ווידער גענומען באוויזן פעלדער, פאלאנעס און לאנקעס. עס איז פארבייגעפארן לאנגזאם פארביי אונז א פולגעפאקטע דריי-טאניקע לאסט-מאשין; עמיצער פון מאשין האט מיין נאמען אויסגעשריגן; שנעל זענען מיר צום מאשין צוגעלאפן, זיך אנגעהאנגען אן אויסן-בארט און זיך מיט אלע כוחות ארייינגעדראפעט אינעווייניק צווישן דער גרויסער מאסע מענטשן. אין וואגן איז אויך געווען מיין חבר, דער אפטייקער עפשטיין, וועלכער איז אויך געווען א מיטגליד פון בער שטאט-פארוואלטונג, ווי אויך דער ווייסרוסישן דיכטער און דעפו-

טאט פון העכסטן סאָוויעטישן ראט פיליפ פעסטראק (און יעצטיגער פאָלקס-מיניסטער פאר קונסט פון ווייסרוסלאנד); ער איז מיט מיר אויך געווען גוט באפריינדעט און באַקאַנטע ער איז געזעסן צונויפגעקוועטשט מיט זיין פרוי אין א ווינקל און אויף די הענט האָבן זיי געהאַלטן דעם צווילינג, וואָס איז ביי זיי ניט לאנג געבוירן. ער האָט אויף מיר דערלאנגט א קוק און געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי איינער רעדט: "ווי געפעלט דיר מיין באַמבע"; דאָס איז אָבער ניט געווען דערזעלבער פריילעכער און לעבעדיקער פעסטראַק פון פריער; א שטומער און אומעטיקער איז ער געזעסן אין דרייען געבויגן אויפן טשעמאָדאַן מיט זיינע כתבים און צו קיינעם א וואָרט ניט גערעדט. איך האָב געקוקט אויף אים, אויף זיין ווייב און אויף בײדע קינדערלאך, אויפן וואַשנעם טשעמאָדאַן און עפּעס א נאַריטער געדאַנק האָט מיר געקיצלט אין מוח און דווקא געזאָלט פראַווּאַצירן ביי מיר א געלעכטער....

וווּ איז די פרוי און קינד ? – האָט עפּשטיין מיר דערלאנגט אַשטויס ווי מיט רימען איבערן נאַקעטן לייב. – געבליבן אין גראָדנע – האָב איך געענטפערט, – ניט האָבנדיק קיין מוט אים אין די אויגן קוקן. "זייער פיין"! – האָט ער מיר צוגעוואָרפן – "איבערגעלאָזן דער פרוי און קינד אין פלאַמען און לויפט אליין ראַטעווען דאָס אייגענע לייב". יעדער וואָרט האָט געשטאָכן ווי א שפּילקע אין לייב און געטראָפן מיר אין פינטל. איך האָב אויפגעהויבן די אויגן און אים געענטפערט: איך ווייס נאָך ניט, צי מיר זענען שוין די געראַטעוועטע, און מיין פרוי און קינד האָב איך ניט פאַרלאָזן, איך וועל ווידער צו זיי קומען – האָב איך פון ווייטאָג א געשריי געטון. מיין געשריי האָט פאר אים געקלעקט, ער זאָל מיר מער ניט מאַטערן מיט קיין פראַגעס. ער איז געשטאַנען, לעבן מיר רואיק דעם קאָפּ אראָפּגעלאָזן און מער מיר גאָרניט געפרעגט.

די מאַשין איז געווען א פול-געפּאַקטע ווי א פעסל הערינג – א איבערלאַסטעטע, דעריבער איז זי אזוי לאנגזאַם געגאַנגען קרעכצנדיק; עס איז זיך ניט געווען ווו א דריי צו טון און מען איז געשטאַנען צונויפגעקוועטשט ווי פלעקענער. דער עולם איז געווען א פאַרשידנאַרטיקער: פּאָליציייט, באַאַמטע, פויערים, דאָרף-עלטסטע, אינזשעניערן און טעכניקער, וועלכע האָבן געבויט פארן אויסברוך פון דעם קריג אעראָדראָמען, א גרויסע צאָל אַרעסטאַנטן אין פאַרלאָזענע אַרבעטס-בגדים מיט גרעסערע טערמינען תּפיסה, וועלכע האָבן געאַרבעט ביי די אעראָדראָמען, וואָס די ראַטן-מאַכט האָט אזוי פיבערהאַפט געבויט אין די מערב-געביטן פון ווייסרוסלאנד און ביי די גרעניצן. איך האָב געקוקט מיט פאַרווּנדערונג אויף די לעצטע, וועלכע זענען דורכשניטלעכע בירגער, באַשטראָפטע פון דער מלוכה פאר פּאַקשידענע פאַרברעכנס, וועלכע האָבן יעצט די מעגלעכקייט צו בלייבן דאָ פרייע מענטשן און דאָך לויפן זיי צוריק קיין רוסלאנד. פאַרוואָס אַנטלויפן זיי – האָב

1930-33

זיך אליין געפרעגט, זיי זענען דאָך ניט קיין ייִדן ? איך האָב זיך געמוזט אליין דעם תּירוץ געפונען, אַז די דורכשניטלעכע בירגער זענען גרויסע פּאַטריאָטן פון זייער פאָטערלאַנד, ניט קוקנדיק אויף דעם, װאָס די מאַכט האָט זיי באַשטראָפט, ציען זיי צוריק געהערן אַהיים און װילן ניט בלייב קיין "פרייע מענטשן" אין די אָקופּירטע געביטן פון שונא. (איך האָב זיך נאָך מיט פיל פון זיי שפּעטער אין װעג געטראָפן; זיי זענען געגאַנגען אין גרויע אַנצוגער מיט פּוסטע טומקעס אויף די פּלייצעס, אינטענסיװ געשפּאַנט פאָרויס און אויף מיינע אַלע פראַגן האָב איך ביי די "געשמיסענע" מענטשן קיין שום בראָזע אָדער װאָרט פון פאַרביטערונג אויפן חשבון פון דער מאַכט ניט געקענט אַרויסטלעפן. ניט קוקנדיק אויף דעם װאָס זיי זענען אַרעסטאַנטן, האָב איך ביי זיך באַשלאָסן, זענען דאָס אָבער מענטשן מיט אַ גאַנץ אייגנאַרטיקער מאָראַל; איך האָב פאַר זיי דרך-ארץ באַקומען און איינגאַנצן װעגן זיי מיין מיינונג געביטן).

די מאַשין האָט לאַנגזאַם אויף כּוח אונטער דער שװערער לאַסט געקראָכן פאָרויס. דער שאָפער האָט עטלעכע מאָל די מאַשין אָפּגעהאַלטן, זיך געפּאָרעט ביים מאָטאָר און ביין געבורטשעט. ער האָט פּראָטעסטירט װאָס צופיל מענטשן זענען אַריינגעקראָכן און דעריבער קען די מאַשין נאָרמאַל ניט אַרבעטן, אָבער קיינער האָט פאַרשטאַנדלעך די מאַשין ניט געװאָלט פאַרלאָזן און ניט גיין צופוס. פאַר אונז איז געלעגן אַ באַרג אויפן שאָסיי; מיט אַלע קרעפטן האָט דער מאָטאָר געגנומען אַרבעטן. די מאַשין האָט אַרויפגעקלעטערט אַ האַלבן באַרג – עס האָט דערלאַנגט עפּעס אַ טרעשטש אין קאַבינע, די מאַשין איז שטיין געבליבן. דער שאָפער איז אַרויסגעגאַנגען פון דער קאַבינע און מיט פאַרדרוס מיטגעטיילט : די טריב-קאַסטן איז צעשעדיקט, װייטער פאָרן קען מען ניט ! באין ברירה – מען האָט געמוזט די מאַשין פאַרלאָזן און װידער שפּאַנען צופוס. מיר זענען געװען פון לידע ביי אַ צװעלף קילאָמעטער – דער װעג איז געװען אַ געדיכט-װאַלדיגער;טטאָק-פינסטער איז געװען אין װאַלד. װו-ניט-װו האָט זיך אַ שטיקל בלויער הימל געזען צװישן די בוימער די אויגן האָבן זיך װידער גענומען קלעבן, דער קאָפּ איז יעדער מינוט געװאָרן שװערער; כ'האָב געװאָלט כאַפּן אַ דרימל גייענדיק, אָבער דער מידער קערפּער האָט זיך געװיגט אויף אויסגעמאַטערטע פיס און עס איז געװען אַ ריזיקע מיט אַ בוים זיך צו-קושן. מיר האָבן באַשלאָסן זיך אָפּצורוען און כאַפּן אַ דרימל – לכל הפּחות אויף אַ קורצע צייט. מיר האָבן זיך נאָר אַװעק-געזעצט און איך בין װי אַ געהרגעטער באַלד אַנטשלאָפן געװאָרן. עמיצער האָט מיר ביים אָרבל אַ צי געטון – איך האָב מיך אויפגעכאַפּט – מען האָט װייטער באַדאַרפט שפּאַנען. איך בין ברוגז געװען און געשאָלטן – װעמען, האָב איך אַליין ניט געװוסט. עס האָט מיר געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן פון קעלט; די נאַכט איז געהאָנגען אין װאַלד װי אַ פינצטערע קלייד. פון לאַנג טאַנטאַנעס פינצטערן װעג אין װאַלד, האָט געגעבן די מידע אויגן גענומען

אויסװאַקסן אין דער בינטער פֿאַרשיידענע "װאַלדיגע" פּאַלמאַ-מאָרגאַנעס –
עס האָט זיך געדוכט, אַז אָט אָט ביים זייט פון װעג שטייען ריזיקע טעמפּלען
מיט פיל רונדע, געטאָקטע פילאַרן, גרויסע אַװאַלענע פענסטער, הויכע ביזן
דאַך; אַ מאָדנע ליכטיקייט האָט געשלאָגן פון די פענסטער, און – אָט אָט –
עס האָט זיך געװאָלט אַראָפּגיין פון װעג, אַריינגיין אין די מאָדנע פאַר-
כשופטע פּאַלאַצן, װאָס שטייען אַזוי נאָענט פון װעג, װאָס ציען צו זיך מיט
אַזאַ קראַפט און זיך אַביסל אויסרוען די מידע צעבראָכענע ביינער און ביי
דער געלעגנהייט אַנטשלאָפן װערן, שלאָפן, שלאָפן און שלאָפן....

װאָס האָט זיך דער שלאָף אַזוי אָנגעטשעפּעט אָן מיר און װאָס איז ער
מיר אַזוי אַריינגעקראָכן אין די ביינער – האָב איך ניט געװאָלט פאַרשטיין
און געשלעפּט בשעת-מעשה די פיס װי שמאַטעס. צו לידע איז כוין ניט װייט
און דאָ פּלוצלינג גאָר שלאָפן – האָב איך זיך קוראַזש צוגעגעבן – אַ נאָװינע
אַז מען שלאָפט ניט עטלעכע נעכט ביי גאַנץ נאָרמאַלע באַדינגונגען – שטאַרבט
מען דען ?! װו איז דאָס געשריבן, אַז אַ מענטש מוז שלאָפן אַלע נאַכט –
האָב איך זיך געגעבן אַליין צו פאַרשטיין און געגענעצט בשעת-מעשה מיט
אַ גרויסן מויל; ס'איז גאָרניט קיין טראַגעדיע, האָב איך זיך איינגערעדט
און מיט ביידע הענט שטאַרק געריבן די אויגן און באַמיט זיך עפענען זיי
װאָס גרעסער – פיליכט װעט דאָס אַ סגולה זיין קעגן שלעפעריקייט. עס איז
מיר דורכגעפלויגן אַ גאָלדענער געדאַנק : איך האָב מיך דערמאַנט, אַז נאָך
זייענדיק אַ יונגל, האָב איך געאַרבעט/אַמאָל/ אין אַ מאַגאַזין די נעכט ביים באַקן
מצה, פלעג אינמיטן נאַכט אָפּװאַשן דאָס פּנים מיט קאַלטע װאַסער, פלעגט נעלם
װערן אויף אַ קורצע װיילע דער שלאָף. װו נעמט מען אָבער װאַסער – האָב
איך אַ טראַכט געטון – אינמיטן װאַלד ביינאַכט ? נאָר באַלד איז דער רעטעניש
געלעזט געװאָרן : איך האָב איינגעריבן די הענט אין װאַלדיגן גראָז, װאָס
איז קאַלט און נאַס געװען פון דער נאַכטיקער ראָסע און באַלד אָפּגעפּריצט
דעם געזיכט. דער שלאָף איז אַ באַזיגטער אויף אַ שטיקל צייט אָפּגעטרעטן
און די אויגן האָבן זיך מיר ניט אַזוי געקלעבט צום שלאָף.

עס האָט גענומען העלער װערן אין מזרח, די בוימער האָבן זיך גענומ
אויסשיילן פון דער נאַכטיקער פינסטערניש, אַרויסקריכן מיט זייערע שטאַ-
מיקע און צװייגיקע קאָנטורן, פּאַמעלאַך האָבן זיך גענומען אויסגרינען
די נאָדלקרוינען, די קוסטעס װאָס האָבן פריער אויסגעזען װי בערגלאַך,
הייזלעך אָדער רייטער אויף פערד ביים זייט פון שאָסיי, האָבן גענומען
אַרויסקריכן פון הסך, נאַכט אָפּגעטיילט פון די צװייגעלעך די נאַכט און צעבלאָ
געגלאַנצט מיט נאַכטיקער ראָסע אויף גרינע בלעטלאַך. העכער און העכער איז
געקראָכן די מזרח'דיקע העלקייט אויפן הימל, אָפּװישנדיק אונטער זיך די
שטערן און אָט-אָט פון װייטן, אויף לידיקע שטחים אין װאַלד האָבן גענומ:
אויסװאַקסן איינציקע כוטאָרעס און װייטער גאַנצע דערפער : פריערדיקע כאַט-
קעס, װעלכע זענען פון װייטן געשטאַנען װי צונויפגעטריבענע אין איין

קופע ווייס געקאלעכטע ווי אין תכריכים מיט אראפגעלאזענע שטרוי-דעכער איבער די פענסטער, ווי אראפגעצויגענע היטלעך איבער די אויגן, האבן ארויסגעקראכן פון ווער נאכט מיט זייער גאנצער דארפישער פשוטקייט. א ווייס-געקאלעכטער שטיין ביים שאסיי האט באוויזן א שווארצן ציפער 105 קילאמעטער – ד.ה. אז מיר זענען פונקט דריי קילאמעטער אונטער לידע.

מיר זענען פארגאנגען אין א פויערישע כאטע אונטערן שטאט. א ווייס-רוסישער פויער האט אונז העפלעך און מיט זארג אויפגענומען. עטלעכע קאלטע אפגעקאכטע קארטאפל געגעבן מיט א בעכער מילך, און כאטש עס איז מיר אויסגעקומען גאנץ ווילד דעם ערשטן מאל אין מיין לעבן אין א פרעמד שטוב צו עסן אומזיסט, דאך האב איך זיך ניט אפגעזאגט, נאר נאאיוו זיך געשעמט, און הארציג באדאנקט. איך האב געבעטן ביי דער פויערטע א נאדל פאדים צו פאריכטן א כקארפעט וואס האט זיך מיר אין וועג צעריסן. איך האב זיך געזעצט אויפן גאנעק ביים שטוב, געוואלט ארייינציען דעם פאדים אין נאדל און בשום אופן ניט געקענט טרעפן אין לעכל פון נאדל. די הענט האבן זיך געטרייסלט און די קאפ ווי א אנגעגאסענער מיט בליי, האט זיך ווער געבויגן ארונטער. ענדלעך מיט גרויס מי איז מיר דאך געלונגען ארייינצונארן דעם דינעם-פאדים אין דער גראבער נאדל. איך האב עטלעכע שטעך געמאכט אין סקארפעט און ווי א געהרגעטער אייינגעשלאפן אינמיטן דער מלאכה.

אז איך האב זיך אויפגעכאפט, איז שוין געווען אינמיטן טאג. די זון איז איבערן קאפ געשטאנען און הייסע שטראלן אין אלע ווינקעלאך גע-ווארפן. קיינעם פון די חברים האב איך נעבן זיך געטראפן. דער פויער האט מיר געזאגט, אז זיי זענען אוועק צום וואקזאל אויסקוקן א באן קיין מינסק. עס האט מיר זייער שטארק געערגערט, וואס איך בין אליין געבליבן אן חברים אין א אומבאקאנטן געגנט. איך האב שנעל אוועק אין דער ריכטונג צום וואקזאל, האפנדיק מיינע חברים ווידער צו טרעפן און וואנדערן צו-זאמען דורך פארשידענע זייטיקע געסלאך, בין איך אין שטאט אריין. אויך דא אין לידע האט זיך אנטפלעקט פאר מיר דערזעלבער בילד וואס אין גראדנע. די שטאט איז געלעגן אין חורבות, אין אלע עקן האט געברענט, געדיכטע רויך-זיילן האבן זיך צום הימל געהויבן און ווי מיט א גרויען פארהאנג דעם הימל פארהאנגען. די שיינע מויערן פון דער צענטראלער גאס זענען אין חורבות געלעגן. וועגט זענען האלב-צעקרישלטע פארברענטע גע-שטאנען ווי ווארצלען ביי א זקן אין מויל. פון די פענסטער לעכער און הורבעס האט א רויך געשפארט. דער פייער האט אומברחמנות'דיק געברענט אלץ וואס פאר אים האט א ווערט געהאט און די הויכע הייזער האבן א ליאדז מינוט געדראט מיט איינפאלן. ווי פארסמטע מייז זענען די מענטשן ארום-געלאפן; אין וואנזיניגער צעשטרייטקייט האט ווער א שטול מיט דריי פיסלען געטראגן, ווער א צעפלאצטן פארקמירטן שפיגל, ווער א ניט זארגפעליק פאר-

בונדעגעם פּאַק מיט שמאַטעס אויפן רוקן, פון וואַנען א צערפליקטער שטיהל
איז נאָכגעהאָנגען – אלץ איז געלאָפן אָן א ציל און צוועק און לעבעדיקער
געמאַכט די פאניק. אלע ווילע האָט א כוואַליע אעראָפּלאַנען איבער די קעפּ
א זשומע געטון, א פּאָכע געטון מיטן מלאך–המות–פליגל און די מענטשן
צעטומלט און לעקעשעוואַטע באַהאַלט־זיך ווער אין א שמעטניק, ווער אונטער
א בוימל וואָס וואַקסט ביים זייט= פון טראָטואַר, ווער עס גיט זיך א שטעל
אונטער א טיר, מכלומערשט באַשיצן זיך פון די שטאָלענע באָמבע–שפּריצן;
מען פאַרגעסט נעבעך, אַז די באָמבן הויפט אונטער שווערע הייזער, שמעלצן
איבער אין צעזעצטע מויערן גראָבע אייזערנע בעלקעס און לאָזן זיי הענג
ווי צעבויגענע דרעטלאַך, אַז די באָמבעס צערייסן דעם אַספאַלט פון ברוק,
גראָבן אויס מעכטיקע גריבער און צערייסן אין דער טיפער גרוב די קאַנא
ליזאַציע און וואַסערלייטונג. אָבער דער דערשראָקענער און משוגע געוואָרע
נער מענטש פון באָמבן–איבערפאַל פאַרגעסט דאָס און זוכט רעטונג אונטער
א הילצערנעם סמעטניק, פונקט ווי דער צעשראָקענער שטראַוס אין דער וויסט
וואָס באַהאַלט זיין נארישן קאָפּ אין זאַמד, ווען ער ווערט פאַרפאָלגט פון
יעגער.

איך האָב זיך דערמאַנט, אַז איך האָב ניט דעם רעגנמאַנטל, דער
איינציקער בגד מיט וועלכן איך בין פון שטוב אַנטלאָפן; כ'האָב נעכטן,
זייענדיק אין וועג, אים אָנגעטון א פאַרוואונדעטן זעלנער, וועלכער איז
צוזאַמען מיט מיר אין מאַשין געזעסן און געטשוידערט פון קעלט. כ'האָב
ביי איינציקע פאַרביילויפנדע מענטשן געפרעגט דעם וועג צום מיליטערישן
שפּיטאַל, אָבער די צעטומלטע מענטשן האָבן מיר קעגנזעצלעכע אָנווייזונגען
געגעבן די ריכטונג צום שפּיטאָל און זענען נעלם געוואָרן. ענדלעך האָב
איך זיך דערשלאָגן צו א צוויי–שטאָקיגע געטויערטע געביידע. ביים טויער
איז א זעלנער מיט א ביקס געשטאַנען ; איך האָב דערקלערט דעם זעלנער
אין וואָס מיר גייט. ער האָט מיר פאַרדעכטיק אָנגעקוקט און מיר געהייסן
שנעל אָפּגיין. איך האָב אָבער באַשטאַנען אויף מיינער, אַז דאָס איז מיין
איינציגער בגד אונטערוועגנס, אַז איך האָב אויסן געווען צו העלפן א
פאַרוואונדעטן. כ'האָב אים געצייגט מיינע פּאַפּירן, אַז איך בין ניט קיין
שפּיאָן און אויסקוקער. די לעצטע פראַזע האָט אויף אים געווירקט און
ער האָט מיר ערקלערט, אַז אין שפּיטאָל אריינלאָזן קען ער מיך ניט, אַז
איך מוז זיך ווענדן צום הויפּט–דאָקטאָר, וועלכער באַדאַרף באַלד אָנקומען.
באַלד איז אָנגעקומען דער הויפּט–דאָקטאָר, א עלטערער מענטש, פון ראַנג
א פּולקאָווניק. ער האָט אויסגעהערט מיין נארישע בקשה. אין זיין בליק
אויף מיר איז א פונק הוזק געלעגן, ווי איינער רעדט "אַזא חורבן און
אים גלוסט זיך גאָר יעצט זוכן א רעגן–מאַנטל"... און כאָטש דער פּול-
קאָווניק האָט מיר געהייסן צוואַרטן אויפן דיזשורנעם פעלדשער, האָב איך
אָבער פאַרשטאַנען ביין נארישן לאָגע און א פאַרשעמטער אָפּגעטרעטן און

געגאנגען צוריק דורך זייטיקע גאסן אין דער ריכטונג צום וואקזאל. איך האב געמוזט אויסמיידן טיפע גריבער פון באמבעס און מיסן דער וועג איבערשפרייזן איינגעלייגטע טעלעפאן-סלופעס. אינמיטן פון גאס, ביים זייט זענען געשטאנען צעשעדיקטע הילצערנע הייזער. ביי איינעם פון אזא הויז מיט א אויפגעריסענעם דאך און איינגעלייגטע וואנד איז אויפן גאנעק א בר-מינן געלעגן אויפן רוקן, א אויפגעשוואלענער מיט א ווייסן פנים, וואס האט גלייכגילטיק געקוקט אין הימל. ער איז געלעגן אויסגע-צויגן, די בגדים אויפגעקנעפלט, אויפן העמד אין דער ריכטונג פון בויך האט זיך געריטלט א גרויסער פלעק פון פארטרוקנטן בלוט. די שטוביגע זענען ווייזט אויס ערגיץ נעלם געווארן אין כאאס, איבערלאזנדיק דעם קרבן אויף גאס בארא. ווייטער א ביסל, ביי א שיטערן הילצערנעם פארקן פון א טעדל איז א זעלנער אין א שינעל געלעגן, אויסגעצויגן אויף א זייט, א האנט אונטערגעשפארט אונטערן קאפ, ווי ער וואלט געווען פארטיפט אין א הארטן שלאף. דער פויסט וואס איז געלעגן אונטערן קאפ איז געווען פאר-בלוטיקט – משמעות – ער האט דעם שפליטער אין שארבן געקראצן. איך האב א סעקונדע איבער אים א טראכט געטון: דו גוטמוטיקער, אומטולדיקער סאלדאט, ביסט זיכער א זון פון די ברייטע אוקראינישע סטעפעס, אדער פון סיבירער טייגע, האסט זיכער זיך ניט פארגעשטעלט דיינע יונגע צוויי צענדליק יאר אזוי שנעל אוועקלייגן אז אין אלדע שווארצע יאר אין א פינ-סטער געסל אונטער א פארקאן אין דער אומגערעכטער מלחמה קעגן דיר. קיינער וועט ניט וויסן ווו דיין געביין איז אהינגעקומען אין דעם כאאס; היינט אדער מארגן די ערד וועט דיר צודעקן און בלייבסט אומבאקאנט פאר דער גאנצער וועלט ווי דו ביסט יעצט אומבאקאנט פאר מיר. א מאמע וועט ערגיץ וויינען ביזן טויט און א פרוי וועט בענקען ביז זי וועט א צווייטן מאל חתונה האבן און דיר פארגעסן.

דער גרויער לעבן האט זיינע שארפע נעגל באוויזן; עס איז ערשט דער דריטער טאג מלחמה און מאדנע האב איך גענומען קוקן אויף געהרגעטע ווי עס וואלט אזוי געדארפט זיין, ווי איך וואלט שוין לאנג דערצו געווינט געווען, אז געהרגעטע באדארפן זיך וואלגערן אין די גאסן אן שום אפוט-רופסות און אן באוויינען, טויט און מארד ווערט א נאטירלעכע ערשיינונג און קריכט אריין אין מארך און בלוט פון לעבעדיקע מענטשן; אמאל אין נארמאלע צייטן פלעגט מען א מערדער פירן דורכן שטאט געשמידט אין קייטן אלע פלעגן נאכלויפן מיט נייגיר אים אנקוקן, אבסערווירן זיינע אלע תנועות און באוועגונגען, זיך באמיען אים ארייןקוקן אין געזיכט, צי ער איז ענלעך צו אלע מענטשן. פאליציי פלעגט דעם נייגיריגן עולם אפטרייבן מען פלעגט אים מאכן א פראצעס מיט עדות; אדוואקאטן, פראקוראר, צייטונ-גען פלעגן פארשרייבן גאנצע זייטן און די שטאט האט זיך לאנג געווינט

װי א שטילער װאסער, אין װעלכן מען װארפט אריין א שטיין. דעם ערטער־
דעסן פלעגט מען איך פיל פאלן מיט פאראד אין זיין אייבעקער רו פירן,
האלטן רעדעס ביים קבר, א דענקמאָל שטעלן, און היינט - איז מאָדנע א
נאָרמאלע זאך, און א טויטער האָט אזא װערט װי א בוים-בלאט אין הארבסט
װאָס װאלגערט זיך אונטער די פיס און קיינעם פאלט ניט איין, אז דער
מענטש איז א לעבעדיקע זאך געװען, מכח א װעלט פאר זיך.

א צעטראָגענער בין איך צום װאָקזאל געגאנגען און מיט בלאָנקנדע
אויגן מיינע חברים געזוכט. איינזאם און פרעמד האָב איך זיך געפילט
צװישן די אומבאקאנטע צעטראָגענע מענטשן. עס האָבן כסדר אין דער לופטן
עסקאדרעס באָמבאַרצעס געזשומעט און געשװינד געטראָגן זייער פארניכטנדן
לאסט פאר די שטעט און מענטשן אין דער ריכטונג קיין מזרח. צעטומלט
האָב איך געקוקט אין הויכן בלויען זומערדיקן הימל; גאנץ הויך האָבן
זיך קליינע פונקטן באַװעגט,גרויס װי שװאלבן. איך האָב לאנג געשטאנען
די קאָפ פארריסן און בשום אופן ניט געקענט פארשטיין, צי דאָס זענען
עראָפלאנען אָדער פויגל. אָט אָט - זיי שװעבן אין דער לופטן שטאָלץ מיט
פאנאנדערגעשפרייטע פליגל פונקט װי עראָפלאנען, און דאָך ניט קיין
עראָפלאנען - דוכט זיך, עס צאפלען ביי זיי די פליגל פון צייט צו צייט
- זיי פליען װי שװאלבן אָדער שפארבערס. מיין קראנקע פאנטאזיע האָט קיין
קלאָרן אויספיר ניט געקענט מאכן. כ'האָב אראָפגעלאָזן דעם קאָפ און װייטער
געגאנגען. ביים װאָקזאל האָט א טויטע שטילקייט געהערשט, א פארלאָזענער
איז דער װאָקזאל געשטאנען אָן מענטשן און צוגן; אומהיימלעך פוסט זענען
די גרויסע זאלן פון װאָקזאל געשטאנען, די טירן ברייט פונאנאנדערגעעפנט
מיט ליידיקע בענק. די קאסע-פענסטער איז אָפן געװען, אָבער קיינער איז
אין איר ניט געזעסן. װו-ניט-װו איז א מענטש צוגעגאנגען, א שמעק, א
נישטער געטון אינעװייניק און פארשװונדן. די באן-ארבעטער און באן-
באאמטע זענען נעלם געװאָרן. כ'האָב באלד פארשטאנען, אז איך בין א פאר-
שפעטיקטער פאסאזשיר, און איך מעג פארגעסן פון א צוג. א װעכטער װאָס
האָט זיך געפאָרעט ביי דער װאסערלייטונג פון װאָקזאל, האָט מיין השערה
באשטעטיקט, אז דער לעצטער צוג איז נעכטן ביינאכט א פול געפאקטער קיין
מינסק אָפגעפאָרן און װייטער פאָרן קען מען ניט, װייל די באן-רעלסן און
בריקן אויפן װעג זענען צעשעדיקט. עטלעכע לאָקאָמאָטיװן זענען אויפן
באן-פלאנט געשטאנען; איינע האָט גערויכערט און געדאמפט,זיך אומרואיק
באַװעגט הין און צוריק און אלע װיילע א יאָמערלעכן סירענע-װוי ארויס-
געלאָזן. װו-ניט-װו צעװאָרפן איבער די רעלסן זענען רויטע לאסטװאגאָנען
געשטאנען. א געזונטער יונג האָט פון אזא װאגאָן א זאק מעל געשלעפט,
עס אים אנטקעגן א זעלנער געלאָפן, ער האָט אים דערלאנגט
א זעץ אין צורה און געשריי געטון : װאָס ראבעװעסטו אויסװורף ? ער האָט
זיך א כאפ געטון ביים נאגאן, - איך האָב אינסטינקטיװ די קאָפ אָפגעדרייט

אָבער קיין שאָס איז ניט געפאלן. דער יונג האָט אין א צעבראָכנע רוסיש-
פוילישער שפראך ביים זעלנער מחילה געבעטן; ער האָט דערביי דעם זעלנער
געגעבן צו פארשטיין, אז א גאנצע נאכט האָט ער געארבעט און ער איז
הונגעריק... ער האָט דערביי פיל מאָל איבערגעחזרט "איך ארבעט",
– און אז דו ביסט הונגעריק, באדארפסטו א גאנצן זאק מעל – שנעל דעם
זאק אין וואגאָן! – האָט דער זעלנער א דונער געטון. דער יונג האָט
צוריק דעם זאק אין וואגאָן אריינגעשלעפט און אונטערווילעכץ נעלם געוואָר

צום סוף האָב איך מיינע חברים ווידער געטראָפן און באלד אויף דער
מינוט האָב איך זיי מוחל געווען וואָס זיי האָבן מיר אליין געלאָזן.

עפשטיין איז א פארזאָרגטער ארומגעגאנגען, וואָס קיין צוג איז שוין
ניטאָ; ער האָט זיך געערגערט וואָס פעטראק וועט באדארפן מיט זיינע עופה'
זיך ווידער שלעפן צופוס. ער האָט אלץ געזוכט דעם פאראנטווארטלעכן פון
וואָקזאל, האָפנדיק מיטן כוח פון פעטראקן, אלס מיטגליד פון העכסטן
ראט, ביי יענעם באטש א דרינגענע צו פועלן און קענען וואָס גיכער אָפּצי
פון לידע. עס זענען אָבער פון די אלע פלענער גאָרניט געוואָרן און מיר
האָבן באשלאָסן אין א פאָר שעה ארום ווידער גיין אין וועג.

די זון איז שוין נידריק אין מערב געזעסן, ווען מיר האָבן דורך
דער הויפטגאס פארלאָזן לידע. שטיקעדיק טשאדנע און רויכיג איז געווען
אין גאס; אן עיפוש פון געברענטע גומי האָט אנגעפילט די לופט. אויסגע-
גליטע זענען די מויערן געשטאנען און דורך די אויסגעברענטע פענסטער
ווי דורך פוסטע אויגן-לעכער פון א שארבן האָבן זיך נאקעטע צימערן געזען
קאכל-אויוונס האָבן זיך אויף מטקולת געהאלטן, וו-ניט-וו זענען אייזערנע
בעטן מיט דראָטענע סיאטקעס איינע לעבן דער אנדערער געשטאנען און עדות
געזאָגט, אז דאָ מיט צוויי טעג צוריק א שלאָפצימער געווען. די אייזנס
זענען פארברענט און אויסגעבויגן געווען פון דער היץ, צעדרייטע אייזער
נע באלקנס זענען אין דער לופטן מיט נסים געהאנגען, אונטער די פיס
האָבן זיך געוואלגערט שווארצע, צעלעכערטע דאך-בלעכן, בלעכענע רינעס,
דאכווקעס, ציגל, גלאָז, א פלאָנטער פון טעלעפאָן און עלעקטרישע דראָטן,
איינגעלייגטע סלופעס און שטיקער ווענט, וואָס זענען משופע'דיק אויפן
מיטן וועג געלעגן און מען האָט זיי באדארפט איבערקריכן, ווייטער אונטער
דער שטאָט זענען נאקעטע אויוונס און קוימענעס געשטאנען פון פארברענטע
הילצערנע הייזער – זיי האָבן געקוקט מסוכן אין הימל, ווי זיי וואלטן
אויף א רעכטן ווינד געוואָרט, וואָס זאָל זיי איינלייגן אויף דער ערד;
ארום די איינזאמע קוימענס האָבן זיך ניט דערברענטע גרויסע האָלעשקעס
געוואלגערט, קרילן, פארשיידנארטיקע מעטאלענער און ליימענער קיך-באדאר
– זאַטויאטעס, בלעך און אנדערע זאכן, וואָס דער פייער האָט ניט בעקענט
איבערקומען.

מיר האבן פארנכעלערט דעם טראט און וואס גיכער געוואלט פטור ווערן פון דער דאזיקער פיינלעכער פאנאראמע. דער וועג האט געפירט קיין ליפ-נישקע – א קליינעם שטעטעלע, 22 קילאמעטער פון לידע. מיר האבן געהאפט אין עטלעכע וואכן ארום – ד.ה. צוגלייך מיטן [illegible]נכ – זיין דארטן. פון אלע זייטן זענען אנגעקומען אלארמירנדע ידיעות, אז די דייטשן זענען שוין גאר נאענט. פליטים מיט וועלכע מיר האבן זיך באגעגנט האבן אונדז דערציילט, אז זיי האבן זיי שוין געזען און זענען פון זיי קוים אנט-לאפן. פון אלע זייטן האט געברומט; דער וואלד-ארטילעריע האט געקלאפט אן אויפהער, טעמפע צווייאיקע קלעפ – באך-באך, ווי פון א פילקע אויפן ספארט-פלאץ האט זיך פון אלע ריכטונגען געלאזט הערן; ביי דעם אקאמפא-ניעמענט פון קוילן-ווארפער און איינצעלנע ביקסן-שאסן האט אונדז געיאגט גיכער אין וועג. די פוילישע פויערן און בעלי-גופים זענען ביי די טירן פון זייערע דארפישע כאטעס געשטאנען, אויף די גאנקעס ביי די פלויטן און טויערן פון די הויפן האבן אויף אונדז מיט רוגזה געקוקט און פאר-ביסן געשוויגן. אין זייערע אויגן האט געברענט א פייערל פון פרייד און נקמה וואס די ארדנונג וואליעט זיך, די מאכט גייט אוועק, און באלד וועט פאר זיי א בנייער מציה געבוירן ווערן. די פיפיקערע פויערן זענען מיט פארלייגטע הענט ניט געזעסן, ניט פארשלאפן דעם גאלדענעם מאמענט פון רייך ווערן. זיי האבן געכאפט פון וועג דעם אוועקגעשליידערטן באגאזש, וואס די אומגליקלעכע פליטים האבן אוועקגעווארפן, כדי זיך גרינגער צו מאכן; געגריבט פון פארלאזענע אבאזן, וואס זענען אויפן שאסיי געשטאנען זיך ניט געשעמט גאלד און צירונג בעטן ביי די אומגליקלעכע, הונגעריקע פליטים פאר א גלעזל מילך, עטלעכע קארטאפל, אדער א שטיקל ברויט.

און ווידער די דרייסטערע פון זיי, וואס האבן א בייז הארץ געטראגן אויף דער ראטן-מאכט, האבן דאס אוועקגעווארפענע געווער פון דעזערטירן אויפגע-הויבן, אוועק אין געדיכטן וואלדיקן טשערעט און געקנאקט איבער די אפ-טרעטנדע מיליטער, פארגרעסערנדיק דעם פאניק. דאס לעצטע האבן די סאלדאטן בשום אופן ניט געקענט פארשטיין. טיף גערירטע און באליידיקטע פלעגן זיי מיט פארדרוס זאגן: דאס איז דער דאנק וואס מיר האבן די פריצים פאריאגט און דערביי א זידל-ווארט ווארפן: אט הינטישע פריצישע קנעכט... מיט רציחה פלעגן זיך זעלנער אויף דער ערד א ווארף טאן און פון אויטאמאטישן געווער [illegible] בלינד שיסן אין וואלד פון וואנען דער שאס פלעגט זיך הערן. היטנדיק זיך דערביי חלילה ניט אריינשיסן אין א פענסטער פון א פוילישן פויערישן הויז. איך האב באוואונדערט דעם אייזע-נעם סבלנות פון די פראסטע סאלדאטן וואס מאכן ניט פאראנטווארטלעך דעם כלל פארן יחיד, ווי דאס רוב סאלדאטן פון אנדערע ארמייען אין מאמענטן פון כאאס ממילא אומשולדיקע מענטשן פאר פרעמדע זינד. זיי וועלן נאך ווייניקן, אונדז דערמאנען און אין הארצן זיך קלאגן – פלעגן די סאלדאטן

מיט פארביטערונג זאגן, אויפהויבן זיך פון דער ערד, אפרייניקן פון
זיך דעם שטויב און גיין װייטער. איך בין צוגעגאנגען צו א ברונעם
אין א הויף פון א פוילישן פויער זיך מיט װאסער אנצוטרינקען. אין
פענסטער פון הויף איז א היסטארישער בילד געװען ארויסגעשטעלט און
אונטערן בילד א אויפשריפט "די לעצטע טעג פון סטעפאן טשארנעצקי".
דאס בילד האט געצייגט דעם העטמאן פון פוילן, טשארנעצקי, זיצנדיק
פארטרויערט, ביי װעמענס פיס עס זענען געלעגן געהרגעטע זעלנער מיט
זייערע פערד װי אויך צעבראכענע קריגס-װאפן. איך האב באלד פארשטאנען
װעמען די פינסטערע פויערישע נשמה מיינט מיט דעם בילד; װעסט גיך א
מעות האבן, האב איך צו זיך אליין געבורטשעט; מיין ניט נארישער פויע
אז ביים נייעם משיח װעסטו לעקן האניג.

אומהיימלעך האט פון אלע זייטן די שװערע ארטילעריע געברומט,
טעמפ אפקלינגענדיק אין װאלדיגן עכא. אונטער די פיס האבן זיך גרויס·
שטאלערנע שפליטער געװאלגערט; װו-ניט-װו איז א כוטאר אין װאלד געשטא-
נען און געברענט אין העליטע פלאמען. דער פלאם האט מיט אפעטיט בע-
שלונגען די הילצערנע װענט, װעלכע האבן אויך געטרעשטשעט װי שעפסענע
ביינדלאך ביים װאלף אין מויל. די בני-בית זענען פארשטעקטע אין װאלד
געלעגן און מיט װייטאג געקוקט, װי זייער לאנגיאריקע פראצע פארגייט
מיטן רויך. (דער פויער װיינט ניט אזוי נאך דער פרוי און קינד אדער
להבדיל - נאכן פערד און בהמה, װי נאך דער כאטע; די כאטע מאכט אים
פארן בעל-הבית... איז זיין הויז געדוים און מיט געשמאק געבויט, גיט
דאס אים אנזען ביי די שכנים און מען רעכנט זיך מיט אים װי מיט א
לייטישן בעל-הבית, און מ'שטיינס-געזאגט, װאס פאר א בעל-הבית קען
ער טוין זיין אן דער כאטע).

לאנגזאם האט זיך גענומען אנרוקן די נאכט; די זון איז ערגיץ
אונטערן װאלד פארפאלן געװארן, די װאלדיגע לופט איז קילער געװארן
און א געדיכטער נעבל האט געטריי גענומען דעקן די שפיצן פון װאלד.
אלע װיילע האט מען אנדערע נייעסן געהערט װעגן פארנומענע שטעטלאך,
קרייץ-װעגן, איבערגעשניטענע שאסייען דורך באנדעס , פיינדלעכע
שידם-יעגער-דעסאנטן, אומהיימלעכע אפאטיע האבן די אלע ידיעות ארויס-
גערופן - ד.ה. אז עס איז א שאד אונזער לויפן און מי - אלץ איינס
זענען מיר אין פאסקע װי די מייז, און א טאג פריער צי שפעטער מיר
װעלן ארייגפאלן, אבער א כוח האט געטראגן אלץ װייטער און װייטער,
און װי א האנט מיט א בייטש װאלט פון אונטן געשמיסן - לויף גיכער,
קוק ניט צוריק און לויף !
[illegible]איבערן װאלד פון װייטן האבן זיך בלויע ראקעטן געהויבן; זיי
הויבן זיך אויף אין דער לופטן, צייכענען א בלויען בויגן און פאלן
[illegible] שטערן װידער אראפ. דאס האט געגעבן צו פארשטיין, אז די קלאנגען

זענען ריכטיקע – מיר אָטעמען מיטן פיינד'ס לופט.

עס איז שוין גוט טונקל געווען ווען מיר זענען אין שטעטל אָנגעקומען. פריער האָבן אונז באַגעגנט איינצעלנע כאַטעס מיט אַראָפּגעלאָזענע שטרוידעכער, קליינע פענסטערלאך, פון וואַנען עס האָט קאַרג אַרויסגעשיינט דאָס ליכט פון פויערישע נאַפטלעמפלאך. קודלאַטע הינט האָבן אונז מיט א בייזן בילעריי באַגעגנט ווי ניט קיין חשובע אומגעבעטענע געסט. מיר זענען געווען געצוואונגען מיט פּאַרקאַן-פּלעקנער און שטיינער געבן די הינט צו פאַרשטיין, אַז מיר האָבן נאָך זייער אויך ניט געבענקט און גאַנץ פיין, ווי עס באַדאַרף צו זיין, באַדאַנקט זייער פאַרן הינטישן קבלת-פנים.

דאָס שטעטל איז פלוצלינג אַרויסגעוואַקסן ווי אונטערן נאָז מיט איר מאַרק געסלאך און אַלטע, הילצערנע, ווייס-אָפּגעקאַלכטע כאַטעס. אין מאַרק ביי די עטלעכע רעגירונגס-קראָמען האָט געזשומעט ווי אַרום א בינשטאָק – א קלימפּעריי פון אייזערנע לאָמען, א קרעכצן פון זשאַלוזיען און א קלינג פון צעטראַסקעטן גלאָז האָט אָנגעפילט דעם קליינשטעטלדיקן בין-השמשות. רויטע צעקאַכטע פויערישע צורות האָבן מיט אַלע כלים געאַרבעט אום אויפצוברעכן די טיר פון שנאַפּס-געשעפט, אום אַרויסצובאַקומען פון דאָרטן דעם ביטערן טראָפּן; ווי שדים איז מען דורך דער צעזעצטער פענסטער געקראָכן, געשלעפט פלעשער בראָנפן און געמאַכט לחיים פון פלאַש מאַקע אויפן אָרט ביים אויפגעבראָכענעם קרעמל. ליידיקע פלעשער האָבן זיך אויפן מאַרק-ברוי צעמאָטן און שכורע פויערים זענען וואַקלענדיק ווידער דורכן אויפגעבראָכענעם פענסטער געקראָכן, ווילד לאַכנדיק, גראָב-הכמענדיק זיך, שעלטנדיק דערביי עמיצן סתם אין דער וועלט אַריין. צו אונזער גרויס פאַרוואונדערונג האָבן מיר קיינעם פון די שטעטלשע יידן ביי דער "נאָבעלער" מלאכה ניט געטראָפן. א זקן א גרייז, וואָס איז פאַרבייגעקראָכן אין דרייען געבויגן, האָט אונז מיט א ציטערדיקער שטים אָנגעוויזן א יידיש הויז, וואָס האָט זיך קנאַפּ-וואָס אונטערשיידט פון א דורכשניטלעכע פויערישע כאַטע. מיר האָבן אויפגעמאַכט די טיר מיט א ברייטן "גוטן אָוונט" און באַלד אַריינגעפאַלן אין-מיטן פון דער שטוב, א גרויסן איינפאַך מעבלירטן חדר. אינמיטן צימ[ער] איז א גרויסער, פירקאַנטיקער, פראָסטער טיש געשטאַנען, אַרום וועלכן עס זענען אין אומאָרדנונג שכנים-יידן געזעסן, יונג און אַלט. ביי די ווייס-געקאַלכטע ווענט זענען לאַנגע בענק געשטאַנען, אויף וועלכע עס זענען געזעסן פאַרוויינטע און פאַרשטויבטע דורכוואַנדערער. אויפן טיש אין א האַלב לאַבן ראַזאַווע ברויט געלעגן, האַלבע שיסלעל פאַרגליווערטער קאַלטער גריץ, ליידיקע גלעזער פון טיי און עטלעכע שטיקלעך צוקער אויף א טעלערל. איבערן מיטן טיש אויף א דראָט צום באַלקן איז א נאַפט-לעמפּל מיט א שירם געהאַנגען, וואָס האָט א בלייכע ליכט געוואָרפן אויפן צימער, אויף די ווענט און מענטשן. אויף די ווענט זענען גרויסע בילדער פון זקנים געהאַנג[ען], באַבעט אין פּערוקעס, זיידעס אין יאַרמולקעס. פון א ווינקל איבער דער

קאמאדע איז א גרויס בילד פון א רב געהאנגען - אוודאי דער סלאנימער- אדער ווילנער גאון. מיט זייערע אויסגעלאשענע פארגליווערטע בליקן האבן זיי גלייכגילטיק אויפן עולם געקוקט. קלענערע בילדלעך האבן געצייגט ניקאלאיעווסקע סאלדאטן מיט קיילעכיקע היטלען אפן דאשקעס אויף די קעפ מיט לאנג פארלאזענע פארדרייטע וואנסעס, ווי ביי אמאליקע עכטע פאניעס; בילדער פון דער נאנטער פארגאנגענהייט, יונגע בחורימלעך, זעלנער פון דער געוו.פוילישער ארמיי, קליינשטעטלדיקע אינגלאך מיט מיידלעך, וואס זיצן ווי שטייף-אנגעקראכמאליעטע סטאטועטקעס, גאנץ בעל-הבית'יש איינע לעבן די צווייטע אין פעלדיקן גראז, אדער אויף א באנק אונטער א בוים. אין צווייטן ווינקל איז א בילד פון כותל מערבי געהאנגען, געמאלן פון ניט קיין זארגפעלטיק קונסטלערישער האנט - ס'האט ביכער געמאכט דעם איינדרוק פון א חורבע שטיינער, ביי וועמענס זייטן און אויפן שפיץ זענען יאלקעס געוואקסן. אויפן מיטן וואנט אויף דיקן פאפיר איז א יארצייט בילד געהאנגען, געמאלן מיט ארויסרופענדיקע פארבן - ווייזט אויס פון א שטוביקן אמאטאר; ביי זי זייטן האבן זיך געזען צוויי שווארצע ליכט, פון אויבן די לוחות מיט די צען געבאטן, אונטער די לוחות א קין-צייכן ביי די זייטן פון קין-צייכן "פ-נ" און אונטן דער טיטל-נאמען און טאג פון יארצייט. דאס אלץ האט עדות געזאגט, אז דא האט זיך דורות געהערשט א געמיטלעך רואיקער און פאלקסטימלעך יידישער קליינשטעטלדיקער לעבן. אין שטוב האט געשמעקט מיט אבלות, ווי מען וואלט געזעסן שבעה נאך א בר-מינן. גערעדט האט מען ניט -ווי געוויינטלעך- אלע צוזאמען און איינער העכער פארן צווייטן, מען האט אינגאנצן ניט גערעדט, מען איז געזעסן צונויפגעדרייט, דער קאפ ארונטערגעלאזן, און פון צייט צו צייט פון זיך א ווארט ארויסגעווארפן.

די בעלי-הבתים צעבראכענע און פארקלעמטע האבן מיט החנונים אונז געבעטן עסן, געקוקט אויף אונז, אויף אונזער הולך און געווישט די טרער א פרוי, אויך א דורכגייענדע, א גראדנער, האט מיר אין געזיכט אנגעקוקט מיר געפרעגט ביים נאמען ווי איך הייס, און נאך מיין ענטפער זיך ספאזמאטיש פונאנדערגעכליפעט. איך האב בשום אופן ניט געקענט דערקענען ווער די פרוי איז, וואס קלאגט אזוי אויפריכטיק איבער מיין ביטערן גורל איך האב זיך אפגערוקט אין שאטן און מיט דער פארשטויבטער האנט שנעל א וויש געטאן די אויגן וואס זענען מיר אויך נאס געווארן.

מיר האבן זיך ניט געלאזט בעטן, שנעל ארומגעסאן די שטויב פון די הענט, זיך געזעצט ביים טיש, מיט אפעטיט געגעסן פרישן ראזשווןן ברויט און פארטרינקען מיט ווארעמער, נאר וואס אויסגעמאלקענער מילך.

פארצווייפלטע פראגן זענען געפאלן, מייסטנס פון די ווייבער: וואס טוט מען? וואהין לויפט מען מיט עופה'לעך-קינדער? און ווו לאזט מען איבער א שטוב מיט א באלעבאטישקייט און א קו אויף הפקר? א צווי

אידענע האט פון א ווינקל געדראט – זיי וועלן גאר גיך, די טיטולאנים – מסתמא אויך דא זיין; א עלטערער ייד האט לאנגזאם גערעדט – מען באדארף ניט דאגה'ן, גאט איז א פאטער, ער וועט אונז אויך פון דעם אומגליק מציל זיין, איך האב שוין פיר מלחמות איבערגעלעבט, פאגראמען איבערגעקומען און מיר וועלן פון דעם המן אויך פטור ווערן; מען באדארף האבן בטחון און גלויבן אין דעם וואס לעבט אייביק – האט ער געטרייסט. דעם זיידן איז גוט, ער האט א אייזערנע וואנס – האט א יונגער בחורל מיט ~~בריזקן~~ 8/13 ~~/סטך/~~ א זאג געטאן, – אבער הער זיך איין, וואס מען דערציילט, זיידע, וואס זיי טוען אפ מיט יידן, האסט דאך געהערט היינט וואס דער ווארשעווער בחור האט דערציילט, ווי זיי האבן געצוווּנגען יידן ארומצולעקן מיט די צונגען די פארבלאטיקטע רעדער פון זייערע אויטאמאבילן, ווי זיי הייסן זיך יידן לייגן אין בלאטע און זיי מארשירן איבער זיי ווי איבער א בריק ווי זיי ברענען אויס האקן-קרייצן אויף יידן, ווי זיי פארשמייסן אויף טויט און דו רעדסט וועגן ניסים – האט דער בחורל פארביטערט אפגעהאקט.

"עס איז נאך ניט אזוי ווי מען מאכט האס – האט דער אלטיטשקער זיך געראנגלט – מאלע וואס מען דערציילט – ווייס איך וואס? א וועלט איז ניט הפקר, בלוט איז ניט קיין וואסער און אן עדה מיט יידן וועט ער מסתמא הלילה ניט אויסקוילען. ניטקשה – דער אייבערשטער וועט העלפן"! – האט דער אל-טיטשקער פרום פארענדיקט. דער עולם איז געזעסן אראפגעלאזן די קעפ, גארניט גערעדט. מיזן באקאנטע-אומבאקאנטע פרוי האט נאך אלץ אין דער שטיל געשלוכצט, ווי א טרויעריקער אקאמפאניאמענט ביי א אומעטיקער ליד.

איך האב אלעמאל ליב געהאט דער יידישער קליין שטעטעלע מיט איר איינפאכקייט, פאלקסטימלעכקייט און גוטהערציגע יידן, וואס זענען זייט דורות איינגעפונדעטע געזעסן אין זייערע כאטעס, דער גרעסטער טייל עמך', ניקעס, האלבע פויערן אויף שטיבלאך, ערד מיט בהמות און געלעבט פון יגיע כפיך, דארף-שניידער, שארף-טוכטער און אנדערע בעלי-מלאכות, וואס האבן געארבעט פארן פויער: ארימע קראבעלניקעס, וואס פלעגן א גאנצע וואך זיך ארומוואלגערן אויף טויעריקע טערמינעס אין די דערבייאיקע דערפער, צושטעלן די פויערן אלע נייטיקע גאלאנטעריע, אפנעמען ביי זיי דעם פלאקס און הזיר-האר און איילן מיט די זשוואווע פערדלעך אויף שבת אהיים צו ווייב און קינד.

געמיטלעך האט די שטעטעלע געלעבט מיט זייערע כלל-טוער, קולטור-טוער און כלי-קודש, געדרימלט צווישן פארשידענע געזעלשאפטלעכע עפאכעס; סוף אייגעוווּרצלט איז דער יידישער שטאם געזעסן אין די קליינע שטעטע-לאך; געהערט מיט שלום-עליכם'ס און מענדעלע'ס שפראך, ווי אויך אנגעפולט דעם שטעטל מיט זייערע טיפן; אט דער אלטער שטאם האט זיך יעצט געוויגט און געקרעכצט און געהאלטן ביים איינפאלן.

מיר גײען װײַטער, האָט װער א זאָג געטאָן, און שױן זענען מיר גע-
שטאַנען בײַ דער טיר און זיך האַרציק געזעגנט מיט די גוטע מענטשן; זײ
האָבן איבער אונדז געװײנט, געגעבן ברױט אױפן װעג און זיך געװונטשן
װידער לעבעדיקע צו זען אין א בעסערער צײַט. מיר זענען אַרױס מיטן
װעג װאָס האָט געפירט אױף איװיע-אױף א קלײנע יידישע שטעטל, פופצען
קילאָמעטער פון ליפּניטשקע. זאַטע און אַביסעלע אױסגערוטע האָבן מיר אין
דער קילער נאַכטיקער לופט ענערגיש געשפּאַנט פאָרױס. אונדזער גרופּע איז
באַדײַטנד קלענער געװאָרן; אײניקע האָבן זיך אָנגעשטעלט כלומרשט נעבנײ
אין ליפּניטשקע, פילנדיק, אז מיר זעען שױן אַלצאײנס "פאַרספעטיקטע"
און האַלטנדיק ניט פאַר צװעקמעסיק דעם לױפן און מאַטערן אַגמזיטע די פיס
האָבן זיך געדעכט אױסגעבן פאַר אונדז זײערע געפילן אין אונדזער ציל..
א האַזשנער שטיק װעג איז נאָך פאַר אונדז געלעגן ביזן אַלטן סאָװ.
גרעניץ פון 1939 יאָר. מיר האָבן זיך אַלץ געשפּײַזט מיטן געדאַנק, אז
אמדאַי װעלן בײַם גרעניץ גרױסע געשעענישן זײַן, װאָס װעט ענדערן,
אָדער לכל הפּחות קלענער מאַכן די לאַגע. דעריבער איז קײן װוּנדער ניט,
װאָס אונדז האָט אַזױ אַהינגעצױגן און מיר האָבן שױן געװאָלט װאָס גיכער
זיך איבערכאַפּן אױף יענער זײַט. פיל מיליטער פון פאַרשידענע פאָרמאַציעס
זענען אין אומאָרדנונג מיטן שאָסײ געגאַנגען; זײ זענען אױך געװען
פאַרמאַטערטע, האָבן הױכדיק אױסגעזען, אָבער זײ האָבן גאַנץ ענערגיש
געשפּאַנט. פיל פאַרברענטע אױטאָ-מאַשינען און טראַקטאָרן זענען אױפן װעג
געשטאַנען און געטראָקן מיט זײער אימה'דיקן אױסזען. א זעלנער, װאָס
איז װאַך געשטאַנען אױף א בריק איבער א טײַך, האָט אונדז פאַרהאַלטן, די
דאָקומענטן געבעטן, נאָכקאָנטראָלירט זײ און אונדז װײַטער געלאָזט גײן,
אָנזאָגנדיק אונדז בסוד-מעשה די בשורה, אז דער שונא איז ניט װײַט און
דעריבער באַדאַרף מען זײַן פאָרזיכטיק, אז ער װאַרפט אַראָפּ שפּיאָנען און
דיװערסאַנטן, װאָס מאַכן גרעסער די פּאַניק, טימן אין העכערע מיליטער-
-אַנגעט און געבן צײכנס די עראָפּלאַנען.

א זעלנער װאָס איז געגאַנגען לעבן מיר, האָט בשום אופן ניט געקענ
פאַרשטײן, פאַרװאָס זענען די פּױלישע פּױערן פון מערב-װײַסרוסלאַנד
אַזױנע נאַציאָנאַליסטן, װאָס זײ שיסן אױף רױטע אַרמײער און האָבן זיך
פּלוצלינג אַזױ פונאַנדערגעטײלט צו היטלערן. איך האָב אים געפּראָבירט
באַשײדן דעם רעטעניש, אז דער פּױלישער פּױער האָט װאַרשײַנלעך ניט
ליב דעם קאָלכאָז. - יאָ - האָט דער זעלנער מיט בײזקײט געענטפערט -
האָבנדיק צען-פופצען מאָרג ערד, א פינף בהמות און עטלעכע קנעכט, קען
מען דעם קאָלכאָז ניט ליב האָבן.

עס האָט זיך אין יענע טעג (געלאָזט באַמערקן/מער װי אַלע מאָל)
דער קעגנזאַץ פון די פּױלישע רײַכע פּױערן, װאָס האָבן זיך אָריענטירט
אױפן שונא - פון אײן זײַט, און די סאָװיעטן פון צװײטן זײַט. די

פּוילישע מיעשטשאַנעס, װעלכע האָבן געװאַרט אויפן מאָמענט, אַז די סאָװיעטן
זאָלן אָפּטרעטן, האָבן די צײַנער געשאַרפט אויף דער ייִדישער אָרעמקייט,
האַלטנדיק זיי פאַר פרײַנט פון ראַטן-פאַרבאַנד; אַגיטירן די פּוילישע פּויע
פאַר דעם אַנטיסעמיטיזם, האָט מען ניט באַדאַרפט. אין די לעצטע יאָרן פון
דער פּוילישער מלוכה'שער הערשאַפט האָט אַ אינטענסיװע אַנטיסעמיטישע העצע
געפירט דער אָפיציעלער רעגירונגס-בלאָק, דער "אָזאָן", נאָכמאַלפּעװנדיק
מיט אַלע פּיטשעװקעס דער כוליגאַנישער העצע קעגן ייִדן אין דײַטשלאַנד,
מאַכנדיק אויך פון צײַט צו צײַט קליינע "פּאָגראָמטשיקעס" אויף ייִדן.
אין גאַנץ דײַטשלעכע פעדים האָט זיך געצויגן פון געבעלטס פּראָפּאַגאַנדע-
ביוראָ אין בערלין צום אָזאָן קיין פּוילן. אָט צװישן די קעגנזאַצן װי
צװישן האַמער און קאָװאַדלע האָבן זיך געפּלאָנטערט די ייִדישע מאַסן אין
יענע טעג.

אַ באַזונדערער פּלאַג איז געװען דער געדיכטער שטויב װאָס איז געלעג
װי אַ נעבל איבערן אויפגעלעגערטן שאָסיי, ער האָט זיך אָפּגעזעצט אין אַ
געדיכטן שיכט אויפן געזיכט, װײַס געמאַכט דעם קאָפּ, זיך געקלעבט צום
פאַרשװיצטן קערפּער און אים בלאָטיק געמאַכט, אַרײַנגעקראָכן אין די אויגן
האַלז און נאָז, די זאַמד האָט אונטער די צײַנער געטרעשטשעט, מען האָט
געמוזט אַלע װײַלע אַרויסשפּײַען די בלאָטע, כדי קענען נאָרמאַל אָטעמען
- דער שטויב האָט זיך עקשנותדיק געהאַלטן אין די נאָז-קאַנאַלן, פאַרשטאָפּט
די נאָז װי מיט קאָרקעס, און מען האָט געמוזט שלינגען די שטויביקע לופט
מיטן פולן האַלז. עס איז פאַרשטענדלעך, אַז שנעל און װײַט גיין אַזוי
האָט מען ניט געקענט. איך האָב זיך אָנגעשטרענגט און מיטלען געזוכט
ריין צו מאַכן די אָטעמונגס-קאַנאַלן, אָבער איך האָב דאָס אַזוי אומגעלומפּער
געמאַכט, אַז אַ שטראָם בלוט האָט פון דער נאָז אַ שלאָג געטון און אײַנגע-
ריכט מיר דאָס געזיכט, די הענט, די אויבערהעמד און אפילו די הויזן..
דער קערפּער -פאַרשטייט זיך- איז געװען מיד און די האַרץ האָט איבער-
מעסיק שװער געאַרבעט, האָט די צעהיצטע בלוט אָן אויפהער שטאַרק געשטראָמט;
איך האָב זיך פּראָבירט לייגן אויפן רוקן אין פאַרשידענע לאַגעס האַלטן
דעם קאָפּ, אָבער אָן ערפאָלג. פאַרזאָרגטע זענען מײַנע געטרײַע חברים
איבער מיר געשטאַנען, יעדער האָט מיר אָן אַנדערע עצה געגעבן, אָבער עס
האָט גאָרניט געהאָלפן. איך האָב געמוזט מיט אַ שטיקל לײַװנט פון העמד
פאַרשטאָפּן די נאָז און שלונגען די בלוט דורכן האַלז. עס איז ניט געװע
נו אַ ביסל קאַלט װאַסער צו קריגן, װײַל קיינער האָט ניט געװוּסט בײַנאַכט
אין פינסטערן װאַלד װוּ ערגעץ אַ דאָרף געפינט זיך אָדער אַ כוטאָר. גייט -
האָב איך צו מײַנע חברים געזאָגט - בלײַבט ניט לעבן מיר, אַ שאָד די
צײַט, גייט און װאַרט מיר אָפּ אין שטעטל; װעט מיר בעסער װערן, װעל
איך אַביסל שפּעטער קומען. עס האָט זיך דערהערט אין דער פינסטער אַ

רוישן און צוויי לײדיקע לאסטמאשינען זענען לאנגזאם פארבײגעפארן. איך האב זיך בערלאנגט א שטעל פון דער ערד, מיט אימפעט גענומען לויפן צו די מאשינען. איך האב דער לעצטער דעריאגט, זיך אנגעכאפט אויפן בארט פון דער מאשין, זיך באמיענדיק ארײנקריכן אין איר. א זעלנער וואס איז אין מאשין געזעסן, איז שנעל צו מיר צוגעגאנגען, געהייסן זיך אפטשעפן פון מאשין און נים קריכן אינעווייניק. – לאמיך ארײן, וועל איך מיט דער רעדן ! האב איך צו אים א געשריי געטון און ארײנגעקראכן, אויסציענדיק זיך גלייך אויפן פעל פון דער לײדיקער מאשין. דער זעלנער האט זיך אײנגעבויגן, באטראכט מײן פארבלוטיקט געזיכט און זיך בלויז פאר- ענפערט. פארשטײ ! מיר פארן אויף א באפעסטיקטן פונקט, איך טאר קײן ציוויל נים נעמען, איך וועל האבן א שטראף פון קאמאנדיר. איך האב מיט אײן האנט זיך צוגעהאלטן פארן פארבלוטיקטן נאז און'מיט דער צווייטער האנט ארויסגעשלעפט דעם פאספארט פון קעשענע, כדי צו צייגן אים דעם זעלנער. יענער האט א בורטשע געטאן אין דער פינסטער : איך באדארף דײן פאספארט נים האבן, איך זע אז דו ביסט פארוואונדעט און דאס קלעקט שוין, אבער ביי אונז איז קײן מעד-פונקט ניטא, מען וועט דיר גארניט קענען העלפן – איך וועל מערנים כאפן א מפלה פון קאמאנדיר, וואס איך פיר א ציווילן מיט זיך# אויף א געהיימער ארט – האט ער רעזיגנירט פארענדיקט, אוועקזעצנדיק זיך אויף א קארניסטער פון בענזין און געקוקט שטום אויף מיר אין דער פינסטער.

לויטן גאנג פון די טעלעפאן-סלופעס ביים זיים פון שאסיי, האב איך פארשטאנען, אז מיר פארן לאנגזאם. כ'האב געלעגן אויפן רוקן# געקוקט אוןאויסגעשטערנטן בלויען הימל און געשלונגען די בלוט אין האלז. נאך א האלבע שעה פארן איז די מאשין אראפ פון שאסיי, די טעלעפאן-סלופעס זענען פארשוואונדען געווארן און מיר האבן אפגעפארן א שטיקל וועג מיט א זייטגע וואלד-וועגעלע. די מאשין איז שטײן געבליבן; פון צווישן די ביימער האבן ארויסגעקוקט לאנגע העלזער פון ווייטשיסנדע פײער-ארטילעריע. דער סאלדאט האט דערלייגט עבעט אײנעם א עלטסטן, אז עפעס א ציווילער א פאר- בלוטיקטער איז אויפן וועג אין מאשין ארײנגעקראכן. באלד איז אין מאשין דער קאמאנדיר צו מיר ארײנגעשפרונגען, פארדעכטיק מיר אנגעקוקט, געבעטן דעם פאספארט, א קוק געטאן און באפעלעריש א זאג געטאן : די מאשין מוזטו פארלאזן, קײן מעד-הילף האבן מיר נים און גיי אפ פון דאנען, ווארעם דא איז א באפעסטיקטער ארט. באין ברירה, איך האב געלאזט די מאשין פארלאזן. א זעלנער וואס איז וואך געשטאנען ביי די ארמאטן, האט מײן פארבלוטיקט פנים אנגעקוקט, האט פון קעשענע א הויפן פאפיראסן ארויסגענומען, ארײנגעשפארט מיר אין האנט און א זאג געטאן : פון דאנען מוזטו אפגײין ! ביי ארויס אויפן שאסיי, לייג זיך אנידער מיטן פלייצע אין קאלטן גראז, און פארדרויכער – וועט דיר בעסער ווערן. כ'האב געפאלגט דעם

סאַלדאַטס עצה און ווירקלעך – דאָס בלוטיקן האָט אויפגעהערט. איך בין נאָך א רעכטע ווײַלע אויפן שאָסיי געלעגן, האָפנדיק מײַנע חברים צו טרעפן, אָבער איך האָב באַלד אויסגערעכנט, אז וואַרשײַנלעך האָב איך געמאַכט מיט דער מאַיאָן א צען קילאָמעטער און זיי וועלן אזוי גיך נאָך ניט אָנקומען. איך האָב ווידער גענומען שפּאַנען אליין פאָרויס דורך דעם פינסטערן וואַלד-וועג. עס האָט גענומען ליכטיקער ווערן. דער מזרח האָט זיך גענומען רויטלע פאַרן אויפגיין פון דער זון און ווידער האָבן די פײַנטלעכע עראָפּלאַנען לעבהאַפט געזשומעט אין דעם העלן פרימאָרגן. אויפן שאָסיי אין דער רעכטער זײַט איז א ליידיקער לאַסטוואָגן געשטאַנען; איך בין צו אים צוגעגאַנגען, אויפגעמאַכט און אראָפּגעלאָזן זײַן לינקן באָרט, צונויפגעקליבן צווײַגן סאָסנע-בוימער וואָס האָבן זיך ארומגעוואַלגערט, אריינגעקראָכן אינעווייניק, זיך געלייגט אויפן זייט, מיטן פּנים צום שאָסיי, האָפנדיק אז די חברים וועלן באַלד אדורכגיין, וועלן מיר דערזען, מיר אויפוועקן און ווידער צוזאַמ ווייטער גיין. מיט די צווייגן האָב איך זיך צוגעדעקט ביזן קאָפּ, האָפנדיק אז ארום זיך מאַסקירן פאַר די עראָפּלאַנען, וואָס האָבן כסדר געזוכט און געלויערט. זייענדיק מיד און אויסגעשעפּט פון גרויסן בלוטפאַרלוסט בין איך גלייך איינגעשלאָפן.

איך האָב דערפילט, אז עמיצער פאַרעט זיך ארום מיר און קאַטשעט מיר פון זייט אויף זייט. איך האָב קוים א אויג אויפגעריסן און געזען א פויער איז געשטאַנען מיטן פּלייצע צו מײַן געזיכט און מיט התמדה געזוכט מיר אין די קעשענעס. בליצנעל האָב איך זיך אריענטירט וואָס דאָ קומט פאָר און מיט דער גאַנצער קראַפט א זעץ געטאָן אין דער פויערישער מאָרדע. דער מאַראָדערישער פויער האָט זיך מסמנות אויף טויט איבערגע-שראָקן, זיך גענומען בלאָט'ען און שטאַמלען אויף פויליש, אז ער האָט געמיינט, אז איך בין א געהרגעטער און ער האָט בלויז מיר געוואָלט טאָן מײַן רעכט, ווייל עס איז א גרויסע עבירה – האָט ער מיר געגעבן כיטרע צו פאַרשטיין, ווען א לעבעדיקער זעט א געהרגעטן און ער באַערדיקט אים ניט... – זוך ניט קיין מצווה ביי קיין טויטע, האָב איך דעם כיטרען מאַרודער געענטפערט. – זשאַלעווע ניט בעסער דעם הונגעריקן דורכגייער א ביסן ברויט און דעם דורשטיקן א טרינק וואַסער, וועסטו א גרעסערע מצווה האָבן.

ערשט שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אז מײַנע חברים זענען מיר פאַרבייגעגאַנגען, האָבן מיר געפּרובירט וועקן – איך בין אָבער האַרט גע-שלאָפן. זיי האָבן אפילו גלייך באַמערקט מײַן שטאַרק אויסגעשמירטע העמד אין בלוט, און שנעל אָפּגעפּסקנט, אז איך בין טויט. זיי זענען פון מיר אָפּגעגאַנגען און א קלאַנג פאַרשפּרייט, אז זיי האָבן מיר געזען א געהרגעט אין וועג.

איך האָב גיך געשפּאַנט פּאָרויס און געװאָלט װאָס גיכער איך דער סטעטעלע איװיע אָנקומען. די זון איז נאָך גאַנץ נידריק געשטאַנען און געװאַרעמט דעם קילן פרימאָרגן. איך מויל איז מיר געװען טרוקן און ניט גוט נאָך דער היפּטער פּאָרציע בלוט װאָס איך האָב אַראָפּגעשלונגען. עס האָט זיך מיר זייער שטאַרק געדורשט און איך װאָלט בערן װאָס געטרונקען. ביים זייט פון װעג איז געשטאַנען א ריינע פּויעריש הויז מיט א בלעכענעם דאַך, געדוימע פענסטער מיט א געשניצטן גאַנעק (דער בעל-הבית איז געװען א פּוילישער אָסאַדניק). איך בין אַריין אינעװייניק; עס האָט אויף מיר אַן אָטעם געטאָן מיט פּויערישער זעלבסטצופרידנקייט און זאַטקייט. די פּויערטע האָט זיך געפּאָרעט ביים אויװן, פרישטיק געקאָכט און דער פּויער, א געזונט יונג מיט א רויטער צורה, האָט א שטיקל האָלץ געדראָביעט. איך האָב זיי געגרוסט מיט א ברייטן "גוט-מאָרגן" און א זאָג געטאָן - אפשר האָט איר א גלעזל מילך, איך בין מיד און דורשטיק פון װעג, אָדער אַזוי עפּעס א קיי כאָן - איך פאַרלאַנג ניט אומזיסט און װעל אייך באַצאָלן װיפיל איר װעט װעלן. די פּויערטע האָט א זאָג געטאָן װי אין קוימען אַריין: מיר האָבן גאָרניט. דער פּויער האָט זיך אויסגעגלייכט, א פּראַסטיקן בליק געטאָן אויף מיר און געענפערט: מיר האָבן גאָרניט, ניט קיין מילך און ניט קיין ברויט און מיר באַדאַרפן ניט אייער געלט; באַזונדער האָט ער א דרוק געגעבן די לעצטע צװיי װערטער "אייער געלט". אויפן מיטן שטוב איז געשטאַנען אויפגעדעקט אַן עמער מילך נאָך מיטן שוים, מטבעות נאָר װאָס געמאָלקן. אנטקעגן אויפן װאַנד איז געהאַנגען א גרויסער פילפאַרביקער בילד פון דער הייליקער מאַמע מיט גאָטס זון אויף די הענט. איך האָב אין דעם מאָמענט אַריינגעקוקט שטאַרקער אין יעזוסעס געזיכט, צי ער רוימלט זיך ניט פון חרפּה, װאָס פון זיין מענטשן-ליבע איז געװאָרן. דער פּויער האָט מיין קוק אויפן בילד פאַרשטאַנען און געגומען שטאַמלען: פאַרשטייסט, די מילך איז דעם שכנס, און דו װאָלסט האָבן עפּעס-װאָס צום איבערבייסן, עפּעס א רעכטן האַנטוך, אָדער א אַנדערע זאַך, װאָלט איך שוין פאַר דיר א ביסל מילך גע-קראָגן. כ'האָב מיט פאַרביטערונג אָנגעקוקט דער זאַטער פּויערישער צורה, אויף װעלכער ס'איז געלעגן אויסגעגאָסן די טעמפּע און אומזיסטע שנאה צו אונז. עס האָבן מיר געשמאַרצט די הענט - איך װאָלט אויף דער הייסער מינוט מיט פאַרגעניגן אויסגעפּאַטשט דער נאַרישער פּויערישער צורה און אַריינשריי אים מיט קולות אין אויער אז דער גאַנצער דאָרף זאָל הערן: פינסטערע פּויערישע נשמה, מיר זענען אומשולדיק !!!

איך האָב מיט א ברוגז פאַרמאַכט אונטער מיר די טיר, אַרויס אין הויף און זיך אָנגעטרונקען פון ברונעם מיט קאַלט װאַסער. דער דורשט איז מאָמענט פאַרשװונדען און דער צונג איז צוריק װייך און עלאַסטיש געװאָרן. לעבעדיק האָב איך שוין געשפּאַנט קיין איװיע. פון װייטן האָט זיך שוין געזען דער צלם פון שטעטלישן קלויסטער.

„אַ באַסט אויף אַ װײל זעט אויף אַ מײל" – איך בין נאָר װאָס אין שטעטל אַרײַנגעגאַנגען מיטן שאָסײ ליפּנישאַק-איװיע, און כאָטש עס איז נאָך ערבֿ פֿאַרטאָג געװען, אויף די בוימער-בלעטלאַך פֿון די שטעטלשע סעדלאַך איז נאָך דער טוי געלעגן, אין װעלכע די שטראַלן פֿון דער אויפֿגײיענדיקער זון געבראָכן זיך און מיט רעגנבויגן-פֿאַרבן זיך צעשפּריצט, איז אין די ענגע געסלאַך פֿון דער קלײנער שטעטעלע אַ גרויסע באַװעגונג און סאַראַם געװען, אומרואיק און פֿאַרשטאָיעט מיט פֿינצטערע פּנימער זענען די שטעטלשע ייִדן, יונג און אַלט, געפֿלויגן פֿון שכן צו שכן, װער מיט ליידיקע הענט, װער מיט קלומיקעס, װער מיט פּעק אויף די פּלייצעס – משמעות – אַ עצה האַלטן, אַ מיינונג פֿרעגן ביי אַ קלוגן שכן אין אַזאַ ערנסטן מאָמענט. אַט שלעפּט לוים אַן עלטערער ייִד אַ װאַזשנעם פּאַק בעטגעװאַנט אויף די פּלייצעס, אויפֿגעבונדן אין אַ רויטער װאַטענער קאָלדרע; אין דרייען געבויגן פּלאָנטערט דער זקן מיט די פֿיס; ער װיל משמעות זיי כװאַטסקע, לויפֿן גיך װי יונגע מיט פּעק. דער פּאַק איז אָבער איבער זיינע כוחות, ער מאַכט זיך-זאַקן װי אַ שכור און אָט אָט – דער פּאַק ליגט אים באַלד אומברחמנות'דיק אַװעק אויף דער ערד – ער האָט זיך משמעות װאָס פֿאַרגעסן נעמען, קערט זיך אום צוריק. אַ פֿרימאָרגן-װינטל שפּילט זיך מיט זיין גרויער פֿלאַקסענער באָרד, ער פּלאָנטערט מיט די אַלטע פֿיס אויפֿן זעלבן װעג, פֿאַרשװיצט, פֿאַרסאָפּעט – בלייבט אַ סעקונדע שטיין לעבן מיר, ער אָטעמט שװער װי אַ שמידישער בלאָזאַק, די אויגן זענען אונטער די געדיברעמען צו דער ערד אַראָפּגעלאָזן, װי ער װאָלט מיט זיי עפּעס אויף דער ערד געזוכט. – װייזט פֿעטער דעם פּאַק, איך װעל אייך העלפֿן! האָב איך אַ זאָג געטאָן. – איך האָב נאָך עפּעס פֿאַרגעסן – האָט ער װי צו זיך אַליין אַ זאָג געטאָן, און אַריין אין אַ דעבייאַיקע הייזל װאָס איז געשטאַנען מיט אָפֿענע טירן. איך בין אַריין נאָכן אַלטן אין שטיבל. ער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן, האָט גאָרנישט געפֿרעגט און מיט אַלע כוחות געשפּאַרט אין פּאַק אַ אַלט אָפּגעטראָגענעם [illegible] . איך הייזל איז אויסער אונז ביידן קיינער ניט געװען. די איז געשטאַנען װי אַ פֿאַרלאָזענער געסט. אינמיטן שטובל איז געשטאַנען אַ פּראָסטער נאַקעטער טיש, ביים װאַנט אַן אויסגעשטאַנענע נאַקעטע אייזערנע בעטל מיט אַ סיעטקע. עטלעכע גראָבע סאַבורעטקעס, אַ הינקעדיקער שטול. איבערן טיש אויף אַ דראָט איז אַ לאָמפּ געהאַנגען מיט אַ גלעזערנע שירמע, ארום װעלכן עס זענען גלעזלאַך מיט גלעזערנע רעקאַלאַך געהאַנגען, פֿאַרפּאַטשקעט פֿון פֿליגן.

– צו װאָס נוצט אייך די שמאַטע? דער פּאַק איז דאָך ניט פֿאַר אייערע כוחות – האָב איך אַ זאָג געטאָן. – אוי זיי גייען שוין באַלד אַריין, זיי זענען שוין ניט װייט, האָט ער פֿאַרצװייפֿלט אַ בורטשע געטאָן װי פֿון אַ פּאַס. ער האָט אַ װײלע אויפֿגעהויבן די מרה-שחורה'דיקע אויגן, װי ער װאָלט מיר ערשט איצט דערזען, באַטראַכט אַ סעקונדע מיין פֿאַרשטויבטן הולך

און דערקענט וואַרשיינלעך, אַז איך בין אַ בורזשויער, ניט קיין היגער — האָט ציטערנדיק ווי אַ לולב צו מיר אַ זאָג געטון : האָט רחמנות, אַנטלויפט פון דאַנען, גאָר גיכער, זיי וועלן באַלד די שטעטל פאַרנעמען, זיי זענען שוין נאָענט, אַ פּאָר ווערסט פון דאַנען. — און וווּ לויפט איר, פעטער — האָב איך אים אַ פרעג געטאָן; ער האָט אַ ווײַלע אַ טראַכט געטאָן און גענומען שטאַמלען : איך ווייס וווּ מען לויפט ? אין דער ערד לויפט מען — און מיט אַלע כוחות דעם בגד אין זאַק געפּאַקט. די ווײַב מיט די קינדער זענען נאָך בײַנאַכט אַנטלאָפן צו באַקאַנטע גויים אין די דערפער, און איך בין געבליבן היטן די שטוב; די זאַכן טראָג איך אַוועק צו די גוייִשע שכנים באַהאַלטן, אַט דאָ ביים שטעטל; זיי וועלן דאָך ניט אַרײַנכאַפּן און וועלן דאָך דאָס מיר אָפּגעבן צוריק שפּעטער — האָט דער אַלטער זיך פאַרענטפערט, און פאַרשטאַרט מיר די פראַגע צו שטעלן. איך האָב דעם פּאַק אויף די פּלייצעס פאַרגעבן און ווידער האָט ער היסטעריש געוויינט אַ בורטשע געטון צו מיר : אַנטלויפט, אַנטלויפט וואָס גיכער — זיי וועלן באַלד דאָ זײַן.

איך האָב זיך אויף אַ רגע אויף אַ בענקל אַ זעץ געטאָן אינמיטן דער ליידיקער שטוב און אין די אויערן האָט מיר אָפּגעקלונגען דעם אַלטנס לעצטע ווערטער ווי שוואַרצע נביאות — וווּ לויפט מען ? אין דער ערד לויפט מען... אפשר איז דער אַלטער אַמאָל גערעכט — האָב איך אַ טראַכט געטון, — אפשר איז טאַקע אַרויסגעוואָרפן דאָס לויפן און פּייניקן זיך אומזיסט אומגעניסט, און אפשר זענען די חברים מײַנע אימגאַנצן נישט אומגערעכט געווען, וואָס זיי האָבן זיך צוריק אַהיימגעקערט; אפשר האָב איך אויך געדאַרפט צוריק אַהיימגייען צו מײַן ווײַב און קינד און ניט אַרומוואַלגערן אין דער פרעמד אויף אומבאַקאַנטע וועגן; ווער ווייס וווּ די פיס וועלן דעם קאָפּ פאַרטראָגן און וווּ איך וועל די קויל פּאַקן און אונטער וואָס פּאַרקאַנט וועל איך ליגן. ווער וועט מיר דערמאָנען און אַ טרער לאָזן; קיינער פון מײַנע נאָענטע וועלן ניט וויסן וווּ מײַן געביין איז האָנגעקומען און אויפן ברעטל איבער מײַן קבר וועט אפילו מײַן נאָמען ניט זײַן. אַ גוט־האַרציקער ייִדישער אָדער גוייִשער קברן וועט אפשר אויף אַ פּראָסטן אָפּלאַג (ברעטל) אַנאַלפאַבעטיש אויפשרײַבן "אַ אומבאַקאַנטער הרוג פון אַ יאָר דרייסיק רוט דאָ", וועט ער נאָך חסד האָבן, וועט ער אַ דאַטע צושטעלן, און לויט אַלע מעגלעכקייטן, אַ גאַנץ נאָענטע דאַטע, ווײַל דאָס דוכט מיר זענען יעצט די רעאַלסטע פּערספּעקטיוון פאַר מיר. און דאָס וועט זײַן מײַן גערעכטע שטראָף, פאַרוואָס איך האָב אָפּגענאַרט מײַן פרוי און קינד, איבערגעלאָזן זיי אויף הפקר און לויף ראַטעווען די אייגענע הויט. אַזוינע פינסטערע פּעסימיסטישע מחשבות האָט פאַר דעם מאָמענט אין דער ליידיקער איי׳יער היינזל באַהערשט. איך האָב זיך אַ טרייסל געטאָן ווי פון אַ שוואַרצן חלום, אויפגעכאַפּט און האָב זיך אַליין אַ מוסרמל געטאָן : קיינמאָל ניט ! איך אַנטלויף ניט פון דער פרוי און קינד; איך קום ווידער צו אײַך גאַנץ זיכער — איך קום ווידער ! און דער געזונטער געדאַנק האָט

ווי אלעמאל איך דאסמאל אונטערגעזאגט מיר : פארויס מיין פריינד !
פארויס, ווייל צוריק איז פארלויפיק קיין וועג ניטא. די פעסט האט זיך
בריים אונטער דיין רוקן אויסגעשפרייט און די וואכזאמע אויג פון ברוינע
שלאנגען לויערן אויף יידיש בלוט אונטערוועגס; פארויס מיין פריינט !
פארויס, – ווען א געלעגנהייט זיין צוריק, וועל איך דיר אנזאגן.

הארט ביים ראנד פון שטעטל שטייט די וואסערמיל אויפן בריקל איבערן
טייכל. ביי דער אלטער הילצערנער מיל איז דער מילנער געשטאנען, א ייד
פון א יאר פערציק און פארזארגט אין טונקלען וואסער געקוקט וואס אונטערן
בריקל. ער האט געהאלטן אראפגעלאזן די אויגן, ווי ער וואלט עפעס-וואס אין
וואסער באמערקט. די וואסער איז געפאלן אויף דער טורבינע, איר לאנגזאם
געדרייט און א מעלאנכאלישער טלאפ-טלאפ-לידל געזונגען; רוישיק האט
די וואסער געשפארט אונטער די גרין פארשימלטע זאטטאווקעס און זיך אימפעט
זיך געטראגן איבער, דער שיפער הילצערנער פאדלאגע אין טייכל אריין.

דערזעענדיק דעם קלארן לעבעדיקן טייכעלע האב איך גרויס חשק באקומען
אראפווארפן פרן זיך די פארשטויבטע קליידער און אביסל אפפרישן דעם מידן
קערפער אין מחיה'דיקן וואסער, אבער ווידער זענען מיר דעם אלטנס ווערטער
אויפן געדאנק געקומען "לויפט גיכער, ווייל זיי זענען שוין נאענט".
איך האב באלד טאקע אויך אויסגערעכנט, אז עס איז ניט צוועקמעסיג יעצט
באדן זיך – איך קען אין דער צייט א צענדליק קילאמעטער מאכן.

– זאגט מיר, ר' ייד,–האב איך אונטערגעבראכן דעם מילנערס מחשבה
– וויפיל קילאמעטער איז פון דאנען קיין באקשט און צי איז דאס דער
ריכטיקער וועג אהין. דער מילנער האט א מרה-שחורה'דיקן קוק אויף מיר
געגעבן און טרוקן א זאג געטאן : קיין באקשט איז 28 קילאמעטער און די
וועג מיט וועלכע איר גייט, פירט אהין. ער האט ווידער די אויגן אין טייך
אראפגעלאזט און פארגליווערט אהין געקוקט. מאדנע האט מיר דער מענטש
אינטריגירט מיט זיין טרוקענעם ענטפער און פארגליווערטער האלטונג. איך
בין ווי א אנגעבונדענער געבליבן לעבן אים א ווײלע שטיין, זיך אנגעשפאר
אן דער פארענטש פון בריקל, בגנבה אויף אים פון דער זייט א קוק געטון
און זיך כלומערשט אויך אין וואסער פארקוקט; מיר האט דעם מאמענט זייער
שטארק צו דעם מענטשן געצויגן און איך האב גערן געוואלט ביי אים עטלעכע
ווערטער ארויסרייסן. – זאגט מיר ר' ייד, האב איך זיך צו אים געווענדעט
מען זאגט ביי אייך אין שטעטל, אז די דייטשן זענען אזוי נאענט און
איר שטייט רואיק ווי אין א געוויינטלעכן טאג און קוקט אין טייך – באר-
וואס זענט איר ביז יעצט ניט אנטלאפן געווארן, עס קימערט אייך ניט ?
ער האט אויף מיר פארביטערט א קוק געטאן, ווי איך וואלט אים פון א דרימל
אויפגעוועקט און געענטפערט : וואס הייסט דאס לויפן ? וואוהין זאל מען
לויפן מיט א ווייב און קינדער ? און אויף וועמען די מיל איבערלאזן ?
איר דארפט וויסן, אז די מיל גיט מיר שוין 15 יאר ברויט – זאל איך

הייסט עס די מיל פאַרלאָזן, לויפן אין דער װעלט אַריין און שנאָרן אַ ביסן
ברויט ? - אָבער דער לעבן איז טייערער - האָב איך אָפּגענומען. - איך האָב
שוין אַלע פּלענער איבערגעטראַכט פאַר די פאַר טעג, און נאָכאַמאָל אַלץ
איבערגערעכנט, איבערגעמאָסטן און איבערגעװויגן און עס איז שוין ניטאָ
קיין כוח צו טראַכטן, דער קאָפּ איז שוין באַלד אויסגעטרוקנט. און װידער
גערעדט - װאָס בין איך דאָס פאַר אַ יחסן ביי גאָט - װאָס עס װעט זיין מיט
אַלע יידן, װעט זיין מיט מיר; מילא - צװיימאָל שטאַרבט מען ניט - האָט ער
רעזיגנירט פאַרענדיקט. איר זענט כמעט גערעכט, האָב איך אַרויסגעמורמלט,
אַ קורצן "זייט געזונט" געזאָגט און אַװעק אין װעג קיין באַקשט.

פייל אויס בויגן האָבן מיר געשפּאַנט מיט דעם װעג קיין באַקשט. אין
די געדיכטע נאַליבאָקער װעלדער האָט נאָכאַנאַנד געברומט און דער באָדן
האָט געציטערט פון אומאויפהערלעכן אַרטילעריע-פייער, װאָס האָט נאָכאַנאַנד
אָן אויפהער געהאַקט אין גאַנצן ראַיאָן. דער דאָזיקער געדיכטער דזשונגל
פון װייסרוטלאַנד, אין װעלכן עס האָבן שפּעטער זייער שוץ געפונען צענדלי-
קער טויזנטער פּאַרטיזאַנער און טויזנטער יידן, האָט איצט מיט אַ דייטלע-
כער מלחמה-שפּראַך געברומט. די הונדערט-יאָריקע שטילקייט פון דעם קאַנט
האָט זיכער ביז יעצט אַזאַ געװאַלדיקע אַרטילעריע-קאַנאָנאַדע ניט געהערט.
אַ האַרטער נוס איז פאַר די פיינטלעכע היילות געװען דורכצוגיין אָט די
געדיכטע װילד באַװאַקסענע װעגן. אויף יעדער טריט זענען מאַסקירטע אַרטי-
לעריע און טאַנקען געשטאַנען, װאָס האָבן נאָכאַנאַנד זיך אָפּגעפייערט מיטן
שונא. די פיינטלעכע אַװיאַציע האָט אויך קנאַפּ-װאָס געקענט אויפטאָן אין
דער דאָזיקער גרינער געדיכטעניש און ים פון ביימער. ניט האָבנדיק אונטער
זיך קיין געװויסע ציל, האָבן די דייטשע עראָפּלאַנען כסדר נידריק גע-
פלויגן איבערן װאַלד, געניטשערט, געשמעקט און געלויערט=אויף די סאָװיעט-
טישע קריגס-איינהייטן, װעלכע האָבן נאָכאַנאַנד געפייערט אויפן אַנגרייפער
כאַאָטיש, אָן שום ציל האָבן די פיינטלעכע עראָפּלאַנען נאָכאַנאַנד שװערע
באָמבעס געשליידערט איבערן װאַלד, װאָס פלעגן טיפע גריבער אין דער גע-
דיכטעניש אויסגראָבן, אויספליקן ביימער מיטן װאָרצל, אָדער אַנדערע אַלטע
װאַלד-ריזן צעשמעטערן אין שפּענדלאַך. דער געדיכטער װאַלד איז פאַר אונז
אַ נאַטירלעכער פעסטונג געװען; אונז האָט קנאַפּ-װאָס געקימערט די שפּליטערן
װאָס פלעגן אין די ביימער בלייבן שטעקן און גאַנץ דרייסט האָבן מיר
פאָרויס געשפּאַנט. מיר זענען שנעל געגאַנגען און אפילו די קילאָמעטערס
ביים װעג ניט געציילט, בלויז ביי יעדער צען קילאָמעטער פלעגן מיר זיך
צען מינוט אָפּרוען. אויף אַ װאַלדיגער קריין-װעג איז אַ סאָװיעטישער פּול-
קאָװניק מיט עטלעכע אָפיצירן געשטאַנען און עפּעס אָבסערװירט אין דער װייט
איך בין צו אים צוגעגאַנגען און געפרעגט, צי די ריכטונג אין װעלכע מיר
גייען איז גוט און צי װעלן מיר צום פיינד ניט אַריינפאַלן, ער האָט-
אַ רגע אָנגעטראַכט געשטאַנען און אונז געענטפערט: "זיכער זאָגן קען איך אייך ניט

אַבער אַ פאַקט איז, אַז די רויבער זענען דאָ גאַנץ נאָענט. מײן עצה איז סײבעלעך, אַז איר זאָלט זיך פאַרנעמען מיט דעם װעג װאָס פירט קײן באַראַנאָװיטש; דער װעג איז נאָך פאַרלײפיק פרײ און איך קלער, אַז איר װעט בשלום אַהין אָנקומען". אָבער מיר האָבן קײן חשק געהאַט װידער אָנלײגן עטלעכע צענדליק קילאָמעטער איבעריקן װעג און מיר האָבן באַשלאָסן בלײבן פאָרויס; װאָס װעט זײן, אַבי שנעלער קומען צום גרעניץ.

צװײ קילאָמעטער פאַר דער שטעטל באַקשט, עטװאָס אין דער זײט געפינט זיך אַ יידישע קאָלאָניע באָריסאָװקע; העכער אַ צענדליק שײנע הײזער און עטלעכע מנינים יידן לעבן דאָ זײט דורות אַלס יידישע פויערן פון ערד-אַרבעט און פי-צוכט. די רחבות'דיקע הײזער, די גרויסע שײערן און בהמות-שטאַלן זאָגן עדות, אַז די אײנװױנער זענען אַרבײטזאַמע און פאַרמעגלעכע מענטשן. זײענדיק נאָענט בײם דערפל, האָט אונדז אַ יידישער יונגערמאַן, רײטנדיק אויף אַ שײנעם און פעסטן פערד, באַגעגנט זיך מיט אונדז, גוט-ברודערשאַפט געגרוסט און גלײך פאַרבעטן אונדז װי אַלטע באַקאַנטע ניט אויסמײדן זײער ישוב, און אַרײנגײן זיך אָפרוען און עפעס עסן. מיר איז גלײך שטאַרק געפעלן געװאָרן דער לעבעדיקער און שמײכלדיקער פנים פון יידישן רײטער, אויף װעלכן עס איז קײן סימן פון זאָרג און טרויער ניט געװען אין די סכנות'דיקע טעג. פרײ און שטאָלץ איז ער אויפן אומרואיקן פערד געזעסן, גוטברודעריש צו אונדז געלאַכט, געצויגן די לײצעס און נאָכאַנאַנד איבערגעחזרט: קומט, קומט צו אונדז - איר װעט זיך אַביסל אויסרוען און פאַר-אײן-װעגס זען װי עס לעבן יידישע פויערן. האַרציק האָבן מיר זיך די הענט געדרוקט, די מרה-שחורה איז ערגיץ-װו נעלם געװאָרן און מיר זענען גלײך אַרײן אין אײנע פון די הײזער און פונקט געטראָפן צום רב אין הויז. דער רב, אַ ייד פון אַ יאָר פופציק, פײן קולטורעל געקלײדעט, מיט אַ קורץ מתנגדיש בערדל, איז געזעסן בײם טיש און מיט התמדה פרק געזאָגט, (עס איז שבת געװען). אַז ער האָט אונדז דערזען, האָט ער אונדז אַ "שלום-עליכם" אָפגעשטעקט, אונדז אַ װינק געטון מיר זאָלן זיך זעצן און זיך װידער מיט התמדה גענומען צום זאָגן. אין שטוב האָט געשמעקט שבת'דיק; דער טיש איז געדעקט געװען מיט אַ שײנע געבלומטן טישטוך, אויף װעלכן עס זענען צװײ הויכע שײנע ניקלענע לײכטער געשטאַנען. די װענט זענען מיט גרינע טאַפעטן געקלעבט געװען, אויף װעלכע עס זענען אײניקע גרויסע בילדער פון רבנים אין בראָנזענע ראַמען געהאַנגען, װי אויך אַ שײנער אויסגענײטער בילד פון דער כותל-המערבי. בײ דער װאַנט איז אַ שײנער פאַרנירטער שראַנק געשטאַנען אינדער מיט מיט אַ שפיגל און בײ די װענט נײע גלאַנציקע געבויגענע שטולן. אויפן סופיט איז אַ אַלטמאָדישער, אָבער שײנער לאָמפ אַראָפגעהאַנגען און אויף די פענסטער זויבערע טיול-גאַרדינען. די פאָל איז געװען רויט געפאַרבט און געגלאַנצט װי אַ שפיגל. עס האָט זיך קוים געװאָלט גלויבן, אַז

דאָ איז אַ רבנישער צימער און נאָך אין אַ דערפל...

איך האָב ניט־װילנדיק אין שפיגל אַ קוק געטאָן און האָב זיך אַליין
קוים דערקענט. די בגדים זענען געװען װייס פארשטױבט פון װעג, דער
פנים שװארץ פארברענט פון דער זון, די האלז שמוציק פון שטויב, די
האָר פון קאָפּ צעפּוצלט און גרוי פון זאמד און שטויב, װאָס איז אין
װעג אָנגעפאלן. יעצט ערשט האָב איך זיך געכאפּט, אז איך בין ביים רב אי
סטוב אָן א היטל. איך האָב א װונק געטון צו מיינע חברים און מיר זענען
אויף די שפיצפינגער ארויסגעגאנגען, ניט װילנדיק שטערן דעם רב אין
זיין גאָטעסדינסט. מיר האָבן איבערגעשפּרייזט דעם שװעל און אריין אין
א צװייטע יידישע סטוב. אויך דאָ האָט מען אונז זאָרגפעלטיג און מיט
אויסגעשפּרייטע אָרעמס אויפגענומען. דאָרפישע יידן האָבן אונז מיט הארציג
און ברייטן "שלום־עליכם" אויפגענומען, מיט זייערע הארטע און מאזאָליק
דלאָניעס אונזערע הענט געדריקט; דאָרפישע יידישע מאמעס האָבן אונז װי
אייגענע קינדער צום הארצן געדריקט, געקוקט אויף אונז און די אויגן
געװישט, יידישע דאָרפישע מיידלעך, שעמעװדיקע, בהן'טע האָבן אונז זייף
מיט קלאָרװייסע האנטיכער צוגעטראָגן, געפירט צום ברונען און מיט זייערע
געשיקטע, דאָרפישע הענט שנעל װאסער פון ברונעם ארויפגעצויגן, װי
אײנציקע שװעסטער אויפגעגאָסן, אפּװישן זיך געהאָלפן און נאָכדעם מיט
דער גאנצער הארצן און פולער האנט דעם טיש מיט דאָרפישער שפע געדעקט
פאר אונזערטװעגן. דאָרפישע בהורימלעך האָבן אין דערזעלבער צייט פאר
אונז רחבות'דיקע געלעגערן אויסגעקנאָטן אין שמעקעדיקן היי פון גרויסן
שייער. פון יעדער װינקעלע אין סטוב האָט ארויסגעקוקט זאטקייט, שפע
און רואיקער דאָרפישער לעבן זייט דורות, און כאָטש ארום האָט געברומט
דער װאלד און די כװאליע פון אומקום האָט זיך דערנענטערט, איז קוים
קוים געװען צו באמערקן ביי די יידן שטימונג פון כאָאָס און פאניק.
פעסט װי דעמבעס זענען די דאָזיקע יידישע פויערן געזעסן טיף איינגע־
װורצלט אין זייער ערד, װי דער שטורעם װאָלט זיי קנאפּ־װאָס אָנגעגאנגען.
װאָס טראכטן די מענטשן פון דעם דאָזיקן אָאזיס, האָב איך זיך ניט געקענט
פאָרשטעלן; צי דענקען זיי, אז דער שטורעם גייט זיי ניט אָן, אָדער צי
גלויבן זיי, אז זיי װעלן מיט זייערע פעסטע װורצלען אין דער ערד אויך
אָט דעם קריזיס איבערהאלטן? אזוי צי אנדערש – גוט איז געװען די עטלע־
שעה צו אָטעמען אין זייער רואיקער געמיטלעכער סביבה. דער סם פון
פאניק איז ערגיץ־װו נעלם געװאָרן און מיר האָבן זיך געפילט באמת װי
אין א אָאזיס, װעלכן מיר װאָלטן געפונען ערגיץ װו אין א װיסטע צװישן
שטורעמס. "קומט װעט איר זען, װי יידישע פויערן לעבן; איר װעט אָנקוקן
אונזער גוטס און פראצע" – האָט צו מיר דער בעל־הבית א זאָגן געטון
נאָכן עסן.

איך בין מיט אים ארויס אין דרויסן. ער האט אויפגעמאכט א גרויסן שטאל ניט װייט פון שטוב און מיר זענען אריין אינעװייניק. איך זויבער אויפגעראמטן שטאל זענען פונאנאנדערגעצוימטע געשטאנען 6 בהמות, װעלכע האבן מעלה-גרה'ט און טאמעװאטע אויף אונז געקוקט. די פעלן האבן גע-גלאנצט אויף זייערע פעטע, אויסגעפוטערטע קערפערס מיט גראבע העלזער און פעט-אויסגעפאשעטע זייטן זענען די בהמות געשטאנען פארטיפט אין זייער מלאכה. קענטיק געװען, אז אויף זיי גיט אכטונג א געניטער און גוטער פויער.

– װי איר זעט איז דאס מיין פראצע – די בעסטע בהמות פון גאנצן קאנט ! האט זיך פאר מיר געגרויסט דער בעל-הבית. מיר פעלט ניט גאט-צו דאנקען קיין פוטער, קעז און מילך. דערצו איז נאך פאראן א הונדערט עופות, א צװיי פערדלאך, – איין פערד האט איר אװדאי' אויפן װעג געזען,– מיין זון איז ארויסגעפארן באגעגענען פליטים און פארבעטן אויף אפרו צו אונז. און'אויסערדעם האט מען נאך אן אכט מארג ערד אייגענע; עס פעלט אונז קיין פויגל-מילך ניט, אפילו חלה באקט מען פון אייגענעם װייץ.

איך האב בשום אופן ניט געקענט פארשטיין די קאלטע און גלייכגילטיקע באנעמונג פון יידישן פויער אין אזא צייט װען די טריט ברענען און ער רעדט אזוי גלייכגילטיק װעגן זיין האב און גוטס. איך האב בשום אופן דאס ניט געקענט פארשטיין און זיך דאס שענקען. – און װאס רעכנט איר טאן װייטער ? – האב איך אויבערפלעכלעך א פרעג געטון. – איך רעכן גארניט ! – האט ער מיר טרוקן אפגעענפערט. – מיר זענען פראסטע מוזשיקעס און פארטייען זיך ניט אויף פאליטיקע איר באדארפט װיסן, אז מיר זיצן שוין דא פון דורות און יעדער שפאן פעלד איז געװייקט מיט אונזער שװייס און לויפן ערגעץ קענען מיר ניט, – מיר װעלן אויף הפקר ניט איבערלאזן אונזער פראצע פון דורות. אונזער פארמעגן קענען מיר ניט נעמען אין די קעשענעס און גיין אין װעג. אונזער רייכטום געפינט זיך אין די שטאלן, שייערן און אויפן פעלד. און איבעריק גריבלען זיך טאקע װילן מיר ~~טאקע~~ אויך ניט, –"װאס עס װעט זיין מיט כלל ישראל װעט זיין מיט רב ישראל".

איך האב מער קיין קלאץ-קאשעס דעם יידן ניט געקענט שטעלן, פארשטייענדיק די װאגיקייט פון זיין ענטפער. ערשט יעצט שטייענדיק אין שטאל ביי די בהמות און רעדנדיק מיטן יידישן פויער האב איך רעכט פארשטאנען פארװאס אין יידישן דערפל הערשט ניט קיין פאניק-פסיכאז. די ניט-איבער-שפיצטע פויערישע לאגיק, װאס באנעמט ניט קיין איבערנאטירלעכע זאכן, און פארשטייט ניט קיין קרומע װעגן, װאס פאסט אויף דעם היינט װי דעם נעכטן, און דעם מארגן װי דעם היינט, קען אנדערש ניט דענקען און דאס עקסט'ריקסטע אין דעם פאל – די צוגעבונדנקייט צו דער ערד.

אזוי צי אנדערש - איך האב דעם גוטהארציקן יידישן פויער ניט געוואלט מער שפאנירן און קיין זאלץ אויף די וונדן שיטן.

עס איז צוגעפאלן די נאכט און א געדיכטער נעבל האט לאנגזאם זיך גענומען ארפלאזן אויף די ארומיקע געדיכטע וואלדמאסיוון אין יידישן דערפל. די ארטילעריע מיט אירע צוויייאיקע קלעפ האט ניט אויפגעהערט צו ברומען ארום אין די וועלדער; פארקערט - שטארקער און נענטער האט זי זיך געלאזט הערן. אין מייער זענען פיל פידעש יידישע וואנדערער געלעגן, אנדערע האבן אין ווייכן שמעקעדיקן היי געשמאק געכראפעט און טייל האבן געמאכט פלענער צום מארגעדיקן טאג, ווו און מיט וועלכער וועג צו גיין ווייטער.

צום גרעניץ איז כוין ניט ווייט געווען - א פערציק קילאמעטער. די נאנטסטע שטעטעלע וואס איז אויפן סאמע גרעניץ געלעגן, איז געווען וואלמע כדי אנצוקומען אהין האבן מיר געדארפט דורכגיין דורך דער שטעטל איוויניעץ, וועלכע איז געלעגן צווישן באקשט און וואלמע. מיין מיטגייער, בערל איזראעלסקע, וועלכער איז אגב געווען אויך פיינער א שול-חבר און מיט וועמען איך האב דעם גאנצן גיהנום'דיקן וועג אדורכגעמאכט פון גראדנע ביז אהער קיין באקשט, האט מיר רועך ניט געלאזט, האט כסדר פון ארט געשפרונגען און זיך ביי מיר געבעטן, אז מיר זאלן גלייך גיין ווייטער - א שאד די צייט - האט ער געטענה'ט, אין דער מאכט קענען מיר א שטיק וועג מאכן. איך בין געווען אבער דאקעגן שוין מיט דעם אליין, ווייל א עקשנות'דיקער קלאנג איז געגאנגען, אז דייטשע דעסאנטענע באנדעס לויער פון די וועלדער און הרגענען אומברחמנות אלע יידן וואס זיי פאקן אויפן וועג. - קום - האט ער זיך ביי מיר געבעטן, - דווקא ווייל עס איז נאכט, איז גוט, וועלן מיר די געפערלעכע שטיקל וועג זיך דורכגנבענען און מיטן פארטאג וועלן מיר ביים גרעניץ~~ז~~יין. אבער איך האב זיך פעסט געהאלטן ביי מיינינקן און זיך געלייגט שלאפן. ער איז א ברוגזער פון מיר אפגע-טראטן און באלד איז ער פארשוואונדן געווארן אין דער באכטיקער טונקל-קייט. און מער האב איך פון אים ניט געהערט. גאנץ מעגלעך, אז יענע נאכט איז ער אומגעקומען פון א דייטשער קויל, אדער פון א פוילישן וואלד-רויבער, וועלכע זענען ניט וויינציק געווען אין יענעם קאנט און אין די דאזיקע טראגישע טעג געהאלפן די דייטשן אין זייער "~~צ~~אבעלער-ארבעט", פון מערדן און בארויבן יידישע דורכגייער. ~~מ~~ און דארטן האבן זיך כמד קלאנגען גענומען הערן און פוילישע פויערן האבן אנגעהויבן מעשות צו דערציילן, אז זיי האבן שוין אליין געזען די דייטשן, אז זיי האבן אליין מיט זיי גערעדט, אז זיי האבן זיי א סיגארעט געגעבן און אפילו צו זיי געשמייכלט... די דאזיקע פיפיקע פוילישע פויערן פלעגן די אלע באבע-מעשות אויף טעלערלאך צעלייגן, און פאר איינוועגנס פלעגן זיי דערציי[illegible], ווי כיין די דייטשן זענען געקליידעט און וואס פאר א

רויטע, אויסגעפּרעסטע צורות זײ האָבן. אין א געבראָכענער רוסישער שפּראַך פּלעגן זײ דאָס כסדר מעלה-גירה'ען פאַר די סאָװ.-זעלנער, װעלכע האָבן אין אומאָרדנונג מידע און הונגעריקע געשפּאַנט צוריק. דאָס איז געװען א כיטרער אופן פון מאָראַלישער דיװערסיע און א װינק צו די סאָלדאַטן, אז אנטלויפן איז ניטאָ װאָס און אז דער טײװל איז להלוטין ניט אזוי שװאַרץ װי מען מאָלט אים.

אויפן פאַרטאָג האָבן מיר זיך געזעגנט מיט די האַרציקע יידישע פויערן פון באַריסאָװקע, װעלכע האָבן אונז אויפן װעג שפּייז מיטגעגעבן געדריקט אונזערע הענט און אונז געװונטשן מצליח צו זיין די װעג און װידער צו זען זיך לעבעדיקע ! גאָט װייסט, צי דער װונטש װעט אמאָל מקוים װערן, האָב איך אין האַרצן מיט שרעק געטראַכט, שפּירנדיק די גרויסע געפאַר אין רוקן.

איך האָב אונטערװיילעכץ א בליק געטון אויפן יידישן דערפל און שטילערהייט א שעפּטשע געטון : א נס, נאָר א נס קען אונז ראַטעװען. עס איז מיר אין דעם מאָמענט אויפן געדאַנק געקומען די װערטער פון פּרוג'ס א ליד : עס הערט זיך דער דונער פון װייטן

עס ברענט אין די אויגן דער בליץ,
אך גאָט, האָב רחמנות אויף די אָרעמע,
פון ביידן געװיטער באַשיץ !...

יאָ, נאָר גאָט און א נס קען אונז ראַטעװען.

מיר האָבן געשניטן מיטן װאַלד-טראַקט די געדיכטענישן פון נאַליבאָק פּושטשע. יעדערע צען-פופצען קילאָמעטער זענען אָרעמע װייסרוסישע דערפלאך געלעגן ביים זייט פון װעג, איינגהויקערטע כאַטקעס מיט קליינע, װי כינעזישע אויגלעך, פענסטער האָבן צו אונז אומעטיקע אַרויסגעקוקט, גריין באַװאַקסענע מיט מאָך סטרוי-דעכלאך האָבן עדות געזאָגט, אז דאָ װוינען דחקות אָרעמע פויערן. דורשטיקע זענען מיר צוגעפאַלן צו די האַלב-איינגעפאַלענע צעפּוילטע ברונעמער, געצויגן װאַסער מיט די הילצערנע איימער און מיט פאַרגעניגן געטרונקען די קאַלטע װאַסער, װאָס האָט געשמעקט מיט בלאָטע און שימל. װו-ניט-װו האָבן אונז אָרעמע װייסרוסישע פויערן אין די כאַטעס אַריינגערופן און מכבד געװען מיט עטלעכע קאַרטאָפל אָדער א ביסל גריץ, געהאָלפן אונז ציילן די קילאָמעטערס און געצייגט דעם ריכטיקן װעג.

גוט האָבן זיך צו אונז די װייסרוסישע פויערן פון יענעם קאַנט באַצויגן אין אָט די טראַגישע טעג. צי דאָס איז א רעזולטאַט געװען דערפון װאָס זיי אליין זענען זייט יאָרן געװען אונטערדריקט פון די פּוילישע פּריצים און אָסאַדניקעס און האָבן אין דעם ראַטנפאַרבאַנד געזען זייער באַפרייער, צי דאָס איז דערפאַר געװען װאָס װידער איז איבער זייערע קעפּ

געהאָנגען די דאַמאָקלעס-שװערד און די געפֿאַר פֿון פּריציסער הערשאַפֿס, — אַזוי צי אַנדערש — אין דער סימפּאַטיע צו אונדז האָט אַרויסגעבליקט זייער שרעק און פֿערודערונג פֿאַרן אייגענעם מאָרגן.

א װייסרוסישער פּויער האָט פֿון א ליימענעם קרוג אונדז מילך אָנגעגאָסן, האָט געװיינט און גערעדט: מיין זון איז אין דער קריג אַװעק צוזאַמען מיט דער רויטער אַרמיי, גאָט װייסט צי ער לעבט... טרינקט טייבעלעך, איר זענט דאָך אויך עלנטע און געיאָגטע פֿון שונא, טרינקט, טרינקט, גאָט זאָל אייך געבן כוחות אין װעג, אַז איר זאָלט ניט אַריינפֿאַלן צו זיי אין די הענט!

װאָס װייטער און טיפֿער מיר זענען מיטן װאַלד-טראַקט געגאַנגען, אַלץ מער האָבן מיר געטראָפֿן סאָלדאַטן און רייטער, װעלכע האָבן זייערע מידע פֿערד פֿאַר די צוימען געפֿירט. מידע און אויסגעשעפּטע האָבן זיך די "פּאַרספּעקטיקטע" סאָלדאַטן אַלץ פֿאָרויס געשלעפּט. פֿון די װאַלד-געדיכטעניסן איז א מענטש, געקליידט װי א סאָװיעטישער מיליציאָנער אַרויסגעקומען, געפֿירט פֿאַרן צוים א געזאַטלט פֿערד און גענומען גיין אין דער ריכטונג װעגן אונדז, און אַז מיר האָבן זיך באַגעגנט און אויסגעמיטן װי געװיינטלעך, און װייטער געשפּאַנט; אָבער די גענױטע זעלנערישע אויג האָט באַלד באַמערקט אַז דאָס איז ניט קיין "גלאַטער" מיליציאָנער, װאָס גייט אין דער ריכטונג צום שונא, ד.ה. קיין מערב. מאָמענטאַל איז ער דעמאַסקירט געװאָרן מיט דעם אליין, װאָס ער האָט קיין װאָרט רוסיש ניט געקענט און אונטער דעם מיליציאָנערישן שינעל האָט ער א רעקל פֿון דייטשן לופֿט-פֿלאָט געטראָגן מיט היטלער-אָפּצייכענונגען. מיט רציחה האָבן די סאָלדאַטן אויפֿן האַקן-קרייץ געקוקט, װאָס איז װי א שפּין געזעסן אויפֿן שפּיאָנס רעקל. די צערעמאָניע איז געװען א גאַנץ קורצע: א קויל אין קאָפּ, און דער היטלעריסטישע פֿאַנאַטיקער האָט זיין קאַריערע געענדיקט. "זאָל זיין א גוטער אָנהויב אין א גוטער שעה" — האָט זיך דער סאָלדאַט א װיצל געטון, און צוריק דעם נאַגאַן אין קאַבורע באַהאַלטן. "פּונקט דערזעלבער נאָז און דיזעלבע ציינער װי ביי א אונזעריקן" — האָט א סאָלדאַט קוקנדיק אויפֿן הרוג א זאָג געטון און פֿאַרװאָס פֿירן זיי קעגן אונדז אַזאַ װילדע מלחמה — װייסט זיי דער טייװל ן"

ענדלעך נאָך לאַנגע און שװערע מי, מיט פֿאַכירעם אויף די פֿיס פֿון לאַנגן גיין, װאָס האָט אַגב פּילפּאַכיק אונדזער גאַנג באַשװערט, זענען מיר ביי װאָלמע דעם אַלטן גרעניץ איבערגעגאַנגען און געשפּאַנט אויף סאָװיעטישער ערד. מיר האָבן זיך באַלד איבערצייגט דאָס אונדזערע פּלענער אויף װעלכע מיר האָבן געהאָפֿט, אַז דאָ ביים גרעניץ װעט א געהעריקער װידערשטאַנד געשטעלט װערן די איבערפֿאַלער, זענען געװען פֿאַלש. צו אונדזער גרויסער שטױנונג האָבן מיר דאָ שוין ניט געטראָפֿן קיין באַדייטנדע מיליטערישע כוחות, װי אויך קיינע באַפֿעסטיגונגען. עס איז באַלד

געווען ניט שווער ניט-שווער זיך צו איבערצייגן, אז די מיליטערישע קראפט האט באצייטנס עוואקואירט זיך טיפער אין לאנד.

חו-ניט-וו האבן זיך דייטשע אעראפלאנען ווי פרצים אויף דער ערד זיך געוואלגערט, ארונטערגעשאסענע און פארברענטע און געדראט מיט געלע צלמים אויף לאנגע פליגל.

מיר האבן געשפאנט דורך פארשידענע קאלכאזן, וועמענס איינוווינער – דאס רוב פרויען און אלטע לייט – (די יונגע מענער זענען באצייטנס נעלן געווארן) האבן אונז מיט קארטאפל, ברויט און מילך מכבד געווען. וו-ניט-וו זענען קליינע אלטע הילצערנע הייזלעך מיט שטרוי-דעכלאך געשטאנען, אבער ניט ווייט פון זיי זענען מאדערנע גרויסע הייזער געשטאנען, קאל-כאזנע קלובן, שולעס, וו-ניט-וו אויך מוידען מיט איינגעריכטעטע וואר-שטאטן, דאס רוב פוטער-פאבריקן, גרויסע בהמות-שטאלן. - אין איינעם אזא האבן מיר צו אונזער גרויסן וואונדער העכער 100 שטיק אנגעציילט. די קאלכאזנע פעלדער מיט די תבואה- און גארטן-ווארג האט פון ווייטן ווי א מעכטיקער שאך-ברעט אויסגעזען.

עס איז קענטיק געווען, אז די פויערן פון די קאלכאזן האבן דא א העכערע פארם פון לעבן אויסגעקעמפט. דערויף האט עדות געזאגט זייערע רויטע געזונטע צורות און גאנצע קליידונג.

א הייסער ברענעדיקער טאג איז געווען אזוינער אין די ערשטע טעג פון חודש יולי, ווען מיר זענען אנגעקומען אין קאלכאזנעם דארף נאווי-דוואר, ביי א צען קילאמעטער פון מינסק. די זון האט אומברחמנות'דיק געסמאליעט און מיטן שווייס אויסגעצויגן די לעצטע ביסל קרעפטן פון טידן קערפער. פלעגמאטיש ווי שאטנס האבן מיר זיך באוועגט פארויס און פארלוירן די אמביציע פארן ווייטערדיקן און ענערגישן געראנגל. דער פאטאליזם איז אין דער נשמה ארייגעקראכן און דעם אויבנאן דארטן פאר-נומען, און א געפיל פון מרה-שחורה האט געפייניקט, געמאטערט דאס הארץ געקלעמט און כסדר אין דער שטיל אונטערגעזאגט: "א שאד די מי ברודער, איר זיצט אין פעסל". מיר האבן אין פארלויף פון צען טעג ביי 260 קילאמעטער געמאכט צופוס, זיך געפונען אלע ווילע אונטער א פייער פון קוילן און שפליטערן און מיטן מלאך-המוות אין "כאפערלאך" געשפילט און יעצט, זייענדיק צען קילאמעטער פאר מינסק, האבן מיר זיך די "פריילעכע" בשורה דערוווסט, אז מינסק איז שוין נעכטן פארנומען דורך די דייטשן; כאטש שטארק איבערראשט האט דאס אונז ניט, ווייל אלצאיי האבן מיר די לעצטע טעג שוין געשפירט, אז מיר זענען אין א טעמפן ווינקל פון וועלכן מיר זענען ניט געווען ביכולת נעלם צו ווערן, און פריער צי שפעטער וועט זיך ווייזט אויס – וועלן מיר מוזן דעם שונא [זען] אין פנים:

מיין חבר יצחק עפשטיין פון סקידל האט דעם טאג "גליק" געהאט: א טאנק-לייטנאנט, וואס האט גיט געוואלט אריינפאלן אין געפאנגענשאפט,

צו די דייטשן, האָט זיך דערשאָסן אויפן דאָרפישן בית-עלמין. ער האָט דער ערשטער דאָס באַמערקט און ביים געשאָסענעם דעם נאַגאַן אָפּגענומען און אים ביי זיך באַהאַלטן.-ער װעט צונוץ קומען - האָט ער מיר ערנסט אַ זאָג געטון.

דער גרויסער פּלאַץ ביי דער קאָלכאָזנער שולע איז פול געװען מיט זעלנע פון אַלערליי מיליטערישע פאָרמאַציעס - מיט געװער, אַנדערע אָן געװער, װעלכע האָבן אָנגעװוירן זייערע מיליטערישע אָפּטיילונגען, זייערע קאָמאַנדיר און באַפעלער, און האָבן זיך געװאַלגערט אויפן הויפישן גראָז. דאָ זענען געװען גוטמוטיקע אוזבעקן, בימרע טאַטאַרן, פאַרטלאָסענע אוקראַינער און פשוטע װייסרוסן. ניט אַלע האָבן פון זיי ערנסט דעם װיכטיקן מאָמענט אָפּגעשאַצט און פאַרשטאַנען די גרויסע געפאַר װאָס לויערט אויף זייער לאַנד, אויף זייערע משפחות און אויף זיי אַליין.

גרופּקעס-װייז איז מען געזעסן אין די קוסטעס, געגראַבלט פון די קעשענעס װורצל-טאַבאַק מיט ברויט-ברעקלאַך אין צייטונגס-פּאַפּיר געדרייט שטאַרק איינגעביטן מיט די ציינער דעם גראָבן צייטונגס-פּאַפּיר, לאַנג דעם סיגאַרעט אויפן צונג געדרייט, מיט התמדה פאַרויכערט, מיט דעם רויך איינגעאָטעמט און פאַרשידענע פּלענער געבויט. טייל האָבן געפּלאַנעװעט װיאַזוי די קייט אַדורכצורייסן און אָנקומען ביים טייך בערעזינע מיט פאַרטרויערטע בליקן אין דער װייט קיין מזרח האָבן די סאָלדאַטן געקוקט, װי זייער גרויסע פאָטערלאַנד איז פאַר זיי געלעגן יעצט אָפּגעשניטן אונטערן נאַז.

אַ קאָמאַנדיר מיט עטלעכע סאָלדאַטן זענען איבער אַ פעלד-מאַפּע געזעסן, געפּילפּלט זיך איבער עפּעס; ער האָט זיך פּלוצלינג אַ שטעל געטון און אַ זאָג געטאָן צו די זעלנער: חברה, װער עס האָט חשק און איז דרייסט - מיט מיר מאָמענטאַל איז אַ לאַסט-מאַשין מיט זעלנער אָנגעפּולט געװאָרן און שנעל איז די מאַשין מיט אַ זייטיקער װעג אָפּגעפאָרן. עס האָט קיין צען מינוט געדויערט װי אין דער ריכטונג װו די מאַשין איז אָפּגעגאַנגען, האָבן העפטיק גענומען קוילן-װאַרפער אַרבעטן און עס איז באַלד װידער רואיק געװאָרן. עס איז געװען קלאָר, אַז זיי זענען ניט װייט פון דאָרף אויף אַ זאַסאַדע אַרויף און זענען ערלעדיקט געװאָרן.

אַנדערע סאָלדאַטן האָבן זיך קנאַפּ-װאָס געקימערט מיט דער סיטואַציע; זיי זענען גאַנץ געלאַסן אַרום די פייערן אויפן פעלד געזעסן און אין די שטאָלענע העלמען קאַרטאָפל מיט בעבלאַך געקאָכט. אַנדערע װידער האָבן פון קאָלכאָזנעם שטאַל בהמות געפירט, געשניטן און שטיקער פלייש אויפן פייער געבראָטן. אַ יונגער קאַװאַלעריסט האָט צום שטאַל צוגעריטן, פון פערד אַראָפּגעשפּרונגען, אַריין אין שטאַל און אַ ביקל אַרויסגעפירט, שנעל פון רוקן דעם ביקס אַראָפּגענומען, און דעם ציל אין בייקלס קאָפּ גענומען.

- װאָרט שיסער, שיס ניט! - האָט אַ שטים פון װייטן אַ געשריי געטון.

מיטן תבואה-פעלד איז אַ הויכגעװאַקסיקער קאַפּיטאַן אָנגעקומען, די פיס זענע-

ביי אים צעוואנצעוועט געווען און די שטיוול האט ער אין האנט געטראגן. ביים זייט איז אים א לייטענאנט געגאנגען. ער האט א גיפטיקן קוק אויפן סאלדאט געווארפן און דעם פיסטאלעט פון קאבור ארויסגעשלעפט. "וואס רויבסטו ביים קאלכאזניק ? און אזוי פארטיידיקסטו דיין לאנד ? – האט ער בייז צום סאלדאט ארויסגעברומט. דער סאלדאט האט זיך ווי א סטרונע אויסגעצויגן, דעם ביקס צום פוס אראפגעלאזט און דערשראקן גע- שטאמלט : דריי טעג ניט געגעסן, ח' קאפיטאן; דער הונגער פייניקט."

– נו, דעריבער מוזטו א גאנצע בהמה פטרן ? – האט שוין דער קאפיטאן ברויקער גערעדט, און דעם נאגאן אין קאבור באהאלטן. – וואס פאר א מיינונג וועט דער קאלכאזניק האבן וועגן דער רויטער ארמיי ~~אויך~~ נאך אזא ערנסטן מאמענט, ווען דער שונא טרעט אויף אונזער ערד, טאר מען זיכער א אייגענעם בירגער ניט בעוולען, ווייל דאס איז דיווערסיע קעגן אייגע- נעם פאלק. ער האט אויפן זעלנער קרום א בליק געטאן און אפגעגאנגען אין א זייט.

א זעלנער וואס איז פארוואונדעט געווען מיט א שפליטער אין רוקן-ביי און איז אין דער קאלכאז-שלע געלעגן, האט זיך אין טרעקלעכע קראמפן געווארפן, האט ווי א קינד געוויינט, געקרעכצט און האט זיך ביי אונז גע- בעטן : דערלאנגט חברים'לעך מיר דעם מאגנעט פון פעלד-טעלעפאן, וואס וואלגערט זיך דא אונטערן פענסטער, איך וועל מיטן מאגנעט דעם שפליטער פון רוקן באקומען. עס איז פיינלעך געווען אויפן גוסס צו קוקן, וועלכן מיר האבן קיין שום הילף ניט געקענט געבן. אויפן פארטאג איז שוין דער זעלנער פארגליווערט געלעגן, די אויגן גרויסע, אפענע ווי גלעזערנע האבן שטאר אין סופיט געקוקט, ווי דער מת וואלט פארן טויט געוואלט מיטן בליק דעם סופיט דורכבויערן און צום לעצטן מאל זען דעם בלויען, שיינעם זומערדיקן הימל.

דייטשע עראפלאנען האבן געלע פלוג-בלעטלאך געווארפן, וועלכע זענע אויף דער ערד ווי הארבסט-בלעטער געפאלן. מיט זיסע מליצות און גיפטיקע הנופה האבן זיי די סאלדאטן צו פאראט גערופן, צו אונטערגעבן זיך און קומען פרייוויליק אין געפאנגענשאפט. זיי האבן אומפארשעמט צוגעזאגט פרייהייט און אומקערן זיי צו זייערע היימען. "די מלחמה איז פאר דער סאוויעטן-מאכט פארשפילט" – האבן זיי אפגעפסקנ'ט און דערביי געצייגט די מאפע פון ווייסרוסלאנד ארומגערינגלט מיט א שווארצן גראבן שטריך. דאס האט באדארפט איבערצייגן די סאלדאטן, אז קיין אויסגאנג איז ניטא און דער איינציקער וועג איז אונטערגעבן זיך.

די קעפל פון דעם געלן בלעטל האט מיט א פעטן שריפט געלויטעט : "א פאסירשיין אין געפאנגענשאפט" און ביים זייט איז ממזר'יש געווען צוגעגעבן, אז מיט דער באשיינינג דארפן אלע דייטשע מיליטערישע אפטי לונגען דעם באזיצער פון דעם צעטל אויפנעמען....

א ביטערער טריק, װעלכער האָט אָבער קיין גרויסע פּעולה ניט געהאַט.

א לייטנאַנט מיט א צענדליק סאָלדאַטן, צװישן זיי עטלעכע ייִדישע – האָבן פּיבערהאַפט צונויפגעקליבן די אַװעקגעװאָרפענע האַנט-גראַנאַטן, די קוילן-לוסקעס, די מאַשין-פּיסטאָלן, װאָס האָבן זיך פיל אונטער די פיס געװאַלגער און הויך אויפן קול האָט דער לייטנאַנט צו די זעלנער אויסגערופן:

װער פון אייך עס האָט די האָפנונג ניט פאַרלוירן און איז גרייט צו קעמפן מיטן אָקופּאַנט, זאָל גיין מיט מיר – איך בין אן אַלטער פּאַרטיזאַן. א באַדייטנדע גרופּע זעלנער מיטן לייטנאַנט זענען אַװעק אין דער ריכטונג צום װאַלד און באַלד אין זיינע געדיכטענישן פאַרשװוּנדן.

א געהיימע האַנט האָט אן אנדערטהאַלבן קילאָמעטער פון דער קאָלכאָז-שולע אין פרייעם פעלד ביינאַכט א גרינעם עלעקטרישן לאָמפּ אָנגעצונדן, װאָס האָט אין נאַכטיקן הושך געלויכטן װי א שטערן, כאָטש קיינער האָט די באַדייטונג פון דעם עלעקטרישן צייכן ניט פאַרשטאַנען, אָבער עס איז ניט שװער געװען זיך אָנצושטויסן, װער דעם לאָמפּ האָט אָנגעצונדן. אויפן פרימאָרגן זענען פון יענער ריכטונג װו דער לאָמפּ האָט ביינאַכט געברענט, עטלעכע סאָלדאַטן מיט פאַרחושב'טע פּנימער געקומען. זיי האָבן דערציילט, װיאַזוי זיי זענען נעכטן אריינגעפאַלן צו די דייטשן און צו זייער גרויסער איבעראַשונג האָבן זיי די דייטשן גאָרניט געטון – פאַרקערט, זיי האָבן זיי פריינטלעך אויפגענומען, מכבד געװען מיט סיגאַרעטן, סוכאַרעס און צוקער, און – זיי פריי געלאָזן. די סאָלדאַטן זענען איבעראַשט געװע פון זייער באַגעגעניש ‡‡‡ מיט די דייטשן און נאָך מער – פון זייער גוטסקייט.

אנדערע סאָלדאַטן האָבן דעם ביטערן טריק פאַרשטאַנען, האָבן אויסגעשפּיגן, א זידל געטאָן און אין א זייט אָפּגעגאַנגען. אנדערע זייער האָבן נאָכאַמאָל גענומען אויספרעגן די איבערגעטראָקענע זעלנער די גאַנצע מעשה פון אָנהויב, געגנבֿט מיט אַלע פּיטשעװקעס, און האָבן נאָכדעם גרופּקעס װייז גענומען זיך סוד'ן.

דער ביטערער דייטשער מאַנעװער האָט לאַנג אויף זיך ניט געלאָזן װאַרט – א באַדייטנדע גרופּע מידע, אויסגעהונגערטע זעלנער האָבן גענומען גיין אין דער אָנגעװיזענער ריכטונג. – װו גייט איר ברודער, – האָט א סאָלדאַט פון אונטער א קוסט צו זיי א געשריי געטון. א װיילע זענען זיי געבליבן שטיין פאַרטראַכטע, די קעפּ אַראָפּגעלאָזן, װי זיי װאָלטן זיך מיט דער דעה געשלאָגן, אָבער עס האָט בלויז א קליינע װיילע געדויערט און זיי האָבן װייטער גענומען שפּאַנען אין דערזעלבער ריכטונג. – געדענקט !!! – האָט דערזעלבער זעלנער א געשריי געטון צו זיי, – איר גייט דעם טויט אַנטקעגן !!! קיינער האָט אויף זיין געשריי ניט געענטפערט; דער װידערקול פון דער דראָאונג איז געבליבן הענגען אין דער לופטן...

די װאָרנונג פון אומבאַקאַנטן סאָלדאַט איז לייבער מקוים געװאָרן.

אין איניקע מאָנאטן ארום האָט מען די געפאנגענע, אויסגעטריקנטע און פון טיפוס פארפייניקטע, טויזנטער אין איינפאכע מיסט-וועגענער צו די גריבער געפירט און מאסנווייז אין ברודער-קברים געשליידערט.

פאר א האלבן טאָג איז איבערן דערפל א געדיכטע שיסעריי פלוצלינג געוואָרן. די קוילן האָבן פון פארשידענע ריכטונגען איבער די קעפּ געזומען פייפן. לכתחילה האָבן מיר זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, פון וואנען נעמט זיך פלוצלינג אזא טראסקעריי איבער די קעפּ, אָבער פון ווייסן אויף די זאמד-בערגלאך צווישן די ביימער האָבן מיר געזען ווי גרויסע טשערעפאכעס-טאנקעס ארומקריכן, וועלכע האָבן געפייערט אין אונזער ריכטונג. באין ברירה זענען מיר אין די דערבייאיקע קוסטעס ארייַנגעלאָפן, אָבער באלד האָבן מיר זיך געכאפט, אז ליגן יעצט אין די קוסטעס איז א טאקטישער פעלער – זיי וועלן אונז זיכער מיט די טאנקעס צוקוועטשן, – זענען מיר ארייַנגעלאָפן אין שולע, וועלכע איז געווען געפאקט מיט פיל ווענדערער, יידן און רוסן, וועלכע זענען אויך געלאָפן ווי מיר פון דייטש. אין שולע-צימער האָט געהערשט א בית-עלמין שטילקייט. איינעקע מאמעס האָבן זייערע עופהלעך אויף די הענט א נעם געטון, ווי זיי וואָלטן זיי וועלן פארהיטן פון א סכנה, וואָס באדארף באלד אָנקומען, אָדער דאָס קליינע קינד האָט באדארפט זיין א מיטל צו געפונען גענאָד אין די אויגן ביי די אומבאקאנטע מערדער, וואָס באדארפן א ליאדע מינוט אָנקומען. א ייד, א פליט פון פוילן, איז געזעסן צונויפגעקאָרטשעט אויפן פאָל אין א ווינקל און שטיל צו זיך געמורמלט, ווי ער וואָלט תפילה געטון: גאָט אין הימל, עס איז שוין מער ניטאָ קיין כוח צום לויפן! פאר וועלכע זינד שטראָפסטו? – האָט ער כסדר איבערגעחזרט.

אינטערעסאנט, וו האָבן זיך אלע סאָלדאטן אהינגעטאָן – האָב איך ניט געקענט פארשטיין; ערשט ניט לאנג זענען זיי דאָ פול אויפן פעלד געלעגן און געמיטלעך צווישן זיך געשמועסט, און זיי זענען פלוצלינג ווי שדים נעלם געוואָרן.

די שיסעריי איז שוואכער געוואָרן און באלד אינגאנצן אויפגעהערט.

א שטארקער גערויש פון מאָטאָציקלישע צווייטאקט-מאָטאָרן האָט זיך נאָענט ביים שולע פונאנאנדערגעזונגען און באלד אנשטימט געוואָרן. א באקאנטע שפראך, וואָס האָט געמאכט גליווערן דאָס בלוט, האָט זיך אונטערן פענסטער דערהערט. א פויערטע, וועמענס מאן א לייטנאנט, האָט מיט א האלבע שעה צוריק אין צייוילע קליידער זיך איבערגעטון און דעם נאגאן אין הויזן-קעשענע אריינגעלייגט (און איז יעצט לעבן דעם ווייב ווי א נעבעכל געזעסן), האָט פון קאָפּ איר ווייסע טיכל אויסגעטון, זיך דורכן פענסטער ארויסגעבויגן און משונה ווילד מיט איר דורכן פענסטער געדרייט. עס איז באפעלט געוואָרן אלעמען די שולע צו פארלאָזן. מיר זענען אין דרויסן ארויס געזונטע יונגען אין מייז-קאָלירענע קליידער, מיט טעמפּע, נארישע רויטע

צורות, זענען הין-און-הער געלאפן, מיט די פיסטאָלעטן אין די הענט, גע-
שמעקט, געניושטערט, צי ס'איז קיין געווער באַהאַלטן, פאַרשוויצטע, צעקאַכטע
מיט קאלטע, גזלנישע אויגלאך האָבן זיי יעדן איינעם אַפגעטאַסטן און
נאָכאַנאַנד געשריגן : נאך מינסק ! נאך מינסק צום טייוול ! פון ערגיץ-
וו איז א זעלנער אָן א היטל אויסגעוואקסן, ער איז קעגן זיי מיט א געלן
צעטל אין האנט געגאנגען און וואָס דערביי געבאַלבעט. א דייטש איז צו
אים שנעל צוגעלאָפן, מיטן פוס אין געזעס א קלאַפּ געטון און אָן א זייט
אים אַפגעיאָגט. דער סאָלדאט האָט אַוודאי כוין חרטה געהאט, וואָס ער האָט
געפּאָלגט דעם טיי־וולאָנישן געלן פּאַראַט-צעטל, אָבער עס איז שוין שפּעט
געווען. ער און נאָך אייניקע ווי זיין גלייכן - ניט איבערשפיצטע -זענען
שוין אונטער א וואך געשטאנען.

מיר האָבן גענומען שפּאַנען מיטן וועג נאָך מינסק. עס זענען אונז
אנטקעגן געקומען אן אויטאָ-קאָלאָנע מיט דייטשן מיליטער, שטייף אָנגע-
צויגענע אין די מייז-קאָלירענע בגדים מיט גאווה'דיקע פּנימער, זענען
די סאָלדאטן אין די באקוועמע אויטאָס געזעסן, מיט גלייכע, אויסגעצויגענע
רוקנס, ווי זיי וואָלטן פלעקענער איינגעשלונגען, געקוקט אויף אונז
צוויילע מיט הוצפה און רציחה, פון זייערע וואַלפענע אויגלאך עס האָט
ארויסגעבליקט דער מינדערווערטיקייטס-געפיל צו אונז "סלאַוון" און
מענטשן פון א נידריקער מדרגה.

איינער פון דער "אויסגעוויילטער פאָלק" האָט אין אונזער ריכטונג
א שפּיי געטון און זיך אפילו ניט אומגעקוקט. פעסטקייט און זיכערקייט
האָט פון זייערע טעמפּע פּנימער אראָפּגעקוקט, און עס איז קענטיק געווען,
אז זיי פילן זיך אויף דער נייער, נאָר וואָס עראָבערטער ערד ווי ביי זיך
אינדערהיים. צי איז דער זעלבסטזיכערער אויסדרוק פון זייערע געזיכטער
געווען א קינסטלעכער, א געמאַכטער, צי ער איז א רעזולטאַט פון זייער
קליין-קעפּלדיקייט און טעמפּקייט, איז שווער געווען צו אונטערשיידן;
וואָרשיינלעך האָבן זייערע פּוסטע בעל-גאווה-מינעס געשטאַמט פון ביידע
סיבות צוזאַמען. עס איז באַלד לייכט געווען פון זייערע צורות אראָפּצו-
לייענען, אז די דאָזיקע "העכערע ראַסע"- ברואים טראָגן קיין גוטס מיט זיך.

אין סעפּאַראַטע ווייגענער זענען די העכערע אָפיצירן געזעסן - היטלערס
ארמיי-פירער. שטייפע ווי אָנגעקראַכמאַליעטע, באַצירט מיט א ביליקן זעלנער-
שמוק פון בלעכלאך, צלמים, געדרייטע זילבערנע בענדלאך, זילבערנע
עפּאָלעטן, היטלען מיט הויכע דענקעס, לאַקירענע דאַשקעס, מיט גרויסע
זילבערנע שילדן פון פּאַרנס, און אומעטום באַהאָנגען מיט האַקן-קרייצן,
-אויפן היטל, עפּאָלעטן, ברוסט, און א גרויסן האַקן-קרייץ אויפן אָרעם,
ווי מיט קמיעה'ס, וואָס באַדאַרפן פאַרהיטן פון א סכנה, זענען די דאָזיקע
מאַנעקין-אָפיצירן באַהאָנגען געווען מיט די האַקן-קרייצן וואָס האָט אויסגע-
קוקט ווי שפּינען.

צו דער גאַנצער אָפיציר׳שער קליידונג און שמוק האָט געפעלט בלויז א - נאָזבאַנד און א גרויסן קולטשיק אין אויער, און היטלערס אָפיצירן װאָלטן אויסגעזען װי א הערדע װילד-אפריקאַנישע קריגער. (דער דייטשער זעלנער האָט באַדאַרפט האָבן אזא באַבלעכנטן, באַבענדלטן און באַזילבערטן שטורעמלע-עלטסטן, א באַהאַנגענעם מיט האַקן-קרייצן פון קאָפּ ביז די פיס, װעמענס אלע ציװילאַנישע באַפעלן דער סאָלדאַט-גולם פירט אויס אונטער דער היפּנאָז פון דער באַצירטער סטאַטוע) לויט גאָטפּעסט ?

מיר האָבן זיך געלאָזט מיטן שאָסיי קיין מינסק. איך האָב געפּאַקט א פאַרלאָזטע רויט-אַרמייאישע פור א געשפּאַנטע מיט צװיי פערד, אין װעלכער מיר האָבן זיך אריינגעזעצט און לאַנגזאַם פאַרגעזעצט די רייזע קיין מינסק. איך האָב געטראָפן א יונג פּאָר פּאָלק אויפן װעג מיט צװיי קינדערלאַך אויף די הענט, װעלכע האָבן זיך געשלעפּט אזש פון װילנע. זיי האָבן חושכ׳דיק אויסגעזען, מידע, אויסגעשעפּטע און האָבן קוים די פיס געהויבן. מיר האָבן זיי אָן אָרט אין פור געמאַכט. איך האָב זיך שפּעטער דערװוּסט, װער דער יונגערמאַן איז; דאָס איז געװען דער יונגער פּאָפּולערער דיכטער, בער פּאָרן, װאָס פלעגט זיסע לידעלאַך פאַר שול-קינדער שרייבן, און װעמענס אמת׳ער נאָמען - װי איך האָב זיך שפּעטער דערװוּסט - איז געװען בערל לעװין. זיין פרוי שרה יאַמבלוי, איז א לערערין געװען אין א װילנער שולע. די מענטשן, פאַרמאַטערטע אויף טויט, האָבן געזעסן אין דער פור װי פּאַראַליזירטע; די בגדים אָפּגעריסן און פאַרשטויבט, די פיס געשװאָלן און מיט פּאַכירעס. אין רעקל-קעשענע האָט ער א פלעשל מילך געהאַלטן, און אלע װיילע די קינדער א לעק געגעבן. - פּאַפּעלע, גיב עסן, האָט די עלטערע מיידעלע פון א יאָר זעקס, כסדר געקלאָגט. איך האָב אין א קעשענע א שטיקל פאַרדאַרטע סקאָרענע געפונען און אװעקגעשענקט דאָס דעם הונגעריקן קינד. זי האָט ביי מיר פון האַנט דאָס שװאַרצע פאַרשטויבטע שטיקל ברויט א כאַפּ געטון און פעסט איינגעביסן מיט די װייסע ציינדעלאַך. דאָס קינד איז רואיק בעװאָרן און פון דער מוטערס שיינע שװאַרצע אויגן האָבן טרערן גערונען. דער מענטש איז א בעלד און א גיבור - האָב איך געקוקט אויף טאָרענען און געטראַכט, - ער האָט א געװאַלדיקע בריה׳שאַפט באַװיזן צו לויפן צופוס מיט קינדער אויף די הענט, קאַרגע צװיי-הונדערט קילאָמעטער און דורכמאַכן אזא געפערלעכן און בלוטיקן װעג און פאַרלירטן; ער איז ביי מיר אין די אויגן געװאַלדיק אויסגעװאַקסן, איך האָב מיט גרויס יראה אויף אים געקוקט און אין הארצן באַשלאָסן די מענטשן ניט פאַרלאָזן, זיין צוזאַמען מיט זיי און העלפן זיי אין שװערן געראַנגל, און איך בין א לומפּ און פחדן - אַנטלאָפן און איבערגעלאָזן מיין פרוי און קינד אויף הפקר ביים אָפּגרונט - האָב איך אויך דעמזעלבן קונץ ניט געקענט װייזן און לויפן מיט זיי צוזאַמען ? איך האָב װידער פאַר די אויגן געזען דאָס פאַרװיינטע געזיכטל פון מיין טעכטערל באַטעלע און איר לעצטע בקשה "פּאַפּעלע, כ׳װיל

ניט זיין אליין". די לייב האָט מיר א סקראָבע געטון, איך האָב די קאָפּ אראָפּגעלאָזט, צוגעדריקט סארנ'ס טעכטערל צו מיר און איר א קוש אין קעפל געגעבן. זי האָט אויפגעהויבן די פארוויינטע אויגעלאך און מיר קינדעריש אָנגעקוקט. איך האָב נאָך אין טאש געפונען א שטיקל שוואַרצן צוקער, האָב איר פייכטע בעקעלע א קוש געטון און דאָס איר אַוועקגעשענקט. סאַ־יין אליין איז געזעסן אין פור ווי א ארונטערגעשאָסענער פויגל, שטום קיין וואָרט ניט אויסגערעדט, געקוקט מיט אויסגעלאָשענע אויגן פאר זיך, – מען באדארף ניט זיין פארצווייפלט ! – האָב איך פראָבירט פארטרייבן די מעלאנכאָליע – זיי קענען אמאָל אזוי גיך אוועקגיין ווי גיך זיי זענען געקומען. – עס קען אלץ זיין – איז ער מיט מיר מסכים געווען, זיי וועלן זיך דערטרונקען אין גרויסן רוסישן ים, אָבער דער קלאפּ איז געווען אזא שטארקער, אז אזוי גיך וועלן מיר פון זיי ניט לויז ווערן – האָט ער פארצווייפלט צוגעגעבן. – מיר איז ערגער – האָב איך געפרווט זוכן ביי אים א טרייסט – איר האָט כאָטש אייער פרוי און קינדער לעבן זיך און מיינע האָב איך איבערגעלאָזן אין א ברענעדיקער שטאָט און אליין אנטלאָפן. ער האָט באדויערנד אויף מיר א קוק געטון, רעזיגנירנדיק א מאך געטון מיט דער האנט און א זאָג געטון : ווער ווייס וו עס איז בעסער, מיר זענען אלע אין קעסל...

ביים זייט פון וועג זענען פיל קברים געווען; די ערד איז נאָך געווען פריש, ערשט־ניט־לאנג פארשאָטן. וו־ניט־וו איז א ברעטל פון א פארקאָן געווען ארייַנגעשטעלט און וו א בערעזאַווער צלם; גיך, בחיפזון'דיק האָבן די קברנים צונויפגעבונדן מיט א שטיקל דראָט די ביידע פלעקלאך, וועלכע האָבן אפילו אויף אנדערע קברים געשאַפן א כפל־צייכן און געלאָזט וויסן די לעבעדיקע מענטשן, אז דאָ ביים וועג ליגט א פרעמדער, אומבאַ־קאַנטער הרוגי פון איינער אזא קבר־ברעטל האָט ווער פון אונזער חברה איבערגעלעזן אין יידיש דעם נאָמען און פאמיליע פון אונזערן א לאנדס־מאן, וואָס האָט געפונען דעם טויט אזש דאָ – אונטער מינסק. וו־ניט־וו האָבן זיך אויך געזען דייטשע ארומגעארבעטע קברים, באַלייגטע מיט גראָז, גרודעס בלומען, מאַסיווערע צלמים, אויף וועמענס שפּיצן עס זענען געהאָנ־גען דייטשע קאַסקעס און אויף די קברים אויסגעשפּרייט די היטלעריסטי־שער האַקן־קרייץ־פאָן. אין אָט די קברים האָבן מיר אין יענע טעג א טרייסט געפונען, און א סימן פון האָפענונג האָט פון זיי פאר אונז, געיאָגטע, ארויסגעקוקט, ווי אָן אומבאַקאַנטע שטים וואָלט אין אויער גערעדט : זאָרגט ניט ברודער, עס לעבט א שטראָפנדע האנט ! איך האָב געקילט די הארץ מיט די דייטשע קברים און צו זיך אליין געמורמלט : דאָס איז אייך ניט פוילן און פראַנקרייך, – איר וועט דאָ אלע פארלייגן מיט די ברוינע קעפּ. ביים וועג זענען פיל צעריסענע דאָקומענטן און געלט געלעגן, אומגעוואַל־גערטע ארוזיעס און ביקסן. ווי פארסמטע זענען דייטשן ארומגעפאָרן.

אויפגעהויבן די ביקסן און זיי באלד אויפן אָרט צעבראָכן; אפשר האָבן [illegible] זייערע טעמפּע קעפּ פאַרשטאַנען, אַז גאָר אין גיכן קענען די אַוועקגעוואָרפענע ביקסן ווערן אין זייער רוקן אַ גרויזאַמע געווער.

מיר האָבן זיך דערנענטערט צו מינסק. די שטאָט האָט געברענט: גרויסע מעכטיקע רויך-קנוילן האָבן זיך איבערן שטאָט געוויגלט, געדרייט ווי אַ טייוולאָנישע האַנט וואָלט אין דער לופטן ריזיקע מאָנומענטן געוואָלט שטעלן און אַלעווייל זייער פאָרם געביטן; וו-ניט-וו האָט דער טייוול אַ לאַנג-שפּיציקן רויטן צונג באַוויזן און שנעל צוריק אין רויך-וואָלקן אים באַהאַלטן. די שטאָט האָט אויסגעזען ווי אַ גרויסער דעמפנדער קעסל, איבער וועלכן עס האָט כסדר געזשומעט אַ קראַען-חתונה פון עראָפּלאַנען. די רויב-פויגל האָבן זיך איבערן שטאָט געדרייט, צוגעוואָרפן פייער און אַכטונג געגעבן, אַז די שטאָט זאָל אויסברענען ביזן גרונט.

גראָשעווסקי

מיר האָבן דערגרייכט די פאָרשטאָט ביי מינסק, גרושעווסקי-פּאַסיאַלעק. אין אַ פאַרלאָזענע דירה פון אַ הילצערנע הויז האָבן מיר אונזער צייט-ווייליקן אָפּרו געפונען. דאָס איז געווען אַ דירה פון אַ באַן-אַרבעטער, וועלכער האָט זיך באַצייטנס עוואַקואירט. אין צימער איז געווען אַ בעט, אַ טיש, אַ דיוואַן, דאָס נויטיקסטע געציר און אַ זאַק סוכאַרעס אויפן וואַנט, וועלכן מיר האָבן באַלד אויפן אָרט טאַקע צורעכט געמאַכט. מידע, האַלב-טויטע זענען מיר אויף דער פאָל געלעגן און זיך אויסגערוט פון דעם שווערן וועג.

ביידע פערד מיטן וואָגן האָב איך באַלד פאַרהאַנדלט צו אַ קריסטלעכן נאָכשטעכטער, וועלכער האָט מיר פאַר דעם געגעבן אַ שוואַרצן לעבל ברויט.... ער האָט אונז צוגעזאָגט, אַז וויבאַלד ער וועט וואָס פאַרדינען, וועט ער אונז ניט פאַרגעסן... נו, ווי לעבסטו מיט די נייע בעלי-בתים ? - האָב איך אים פאַרזיכטיק אַ פרעג געגעבן. - דערווייל ניט שלעכט - האָט ער גאַנץ פּשוט געענטפערט, - הלוואַי ווייטער. - נו, און ווי באַציען זיי זיך צו דער ציווילער באַפעלקערונג ? - האָב איך ווידער געפרעגט. - עס וועט זיך צו וועמען - האָט ער געוואָלט זאָגן, אָבער זיך פאַרכאַפּט, ניט ענדיקנדיק דעם גאַנצן זאַץ, פאַרשטייענדיק אַז מיר זענען אויך יידן. - אָבער עס איז זיך ניטאָ וואָס צו שרעקן - האָט ער פּראָבירט טרייסטן, - זיי זעען זיך אָן גאַנץ אינטעליגענטע און גוטע מענטשן; זיי גייען שיין געקליידעט, שטעלן זיך איינמיטן גאַס, וואַשן זיך ביז אין דער העלפט, מאַכן מאַניקיר; איך האָב דעם איינדרוק, אַז מען וועט קענען מיט זיי לעבן - האָט ער אָפּטימיסטיש פאַרענדיקט.

מאָרגנס פרייטיק האָבן מיר זיך אַלע געשפּירט נאָך דעם דאָזיקן געשפּרעך מיטן נאָכשטעכטער קאַליניק. זיין זאָרגלאָזער טאָן און פריילעכער געזיכט איז געווען ה[...]ויפּנט זאַלץ אויף אונזערע וואונדן, כאָטש קיין פיינטשאַפט צו אונז פון פּשוטן ווייסרוס האָבן מיר ניט באַמערקט, אָבער שוין דאָס אַליין, [illegible]

[illegible] ארויסגעקוקט.

די זעלבסטצופרידענע שטימונג און רואיקער געדאַנק וועגן זיין אייגענעם גורל און פּשוטע גלייכגילטיקייט צו אונזער געפערלעכן מאָרגן, האָט אָנגערירט די טיפעניש פון דער נשמה. עס האָט זיך ניט געוואָלט גלויבן, אַז דער איינפאַכער נאַכטוועכטער מאַכט שוין שלום מיטן טויט-פיינט פון זיין פאָלק, אַז ער גלויבט אין דער מענטשלעכקייט פון די ברוינע און האָפט מיט זיי צוזאַמענלעבן. יעדנפאַלס קיין פאַרגנוגן פון קורצן געשפרעך מיט קאַלינקין, האָבן מיר ניט געקענט האָבן, און מיר האָבן נאָכן געשפרעך מער דערפילט אונזער עלנטקייט, און זענען ווי אָפּגעשמיסענע מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפ שטומערהייט געבליבן זיצן אויפן פאָדלאָגע.

איך האָב באַשלאָסן גיין אויפזוכן מיין פרוי'ס א ברודער, וועלכער האָט אַן ערך 20 יאָר געוווינט אין מינסק, און איז ביי מיר א יאָר פאַר דעם קריג געווען אין געסט. איך האָב זיך לאַנג געשלאָגן מיט דער דעה, צי זאָל איך גיין אים זען, אָדער איינגאַנצן זיך פאַר זיינע אויגן ניט באַווייזן. ער וועט מיר זיכער ניט פאַרשטיין און ניט וועלן מוחל זיין וואָס איך האָב זיין שוועסטער אויף הפקר איבערגעלאָזן און אליין געלאָפן זיך ראַטעווען; ער וועט מיר קיין זאַך ניט וועלן גלויבן, ער וועט מיר אַרויסיאָגן און זיין גערעכט. נאָר מילא – זאָל זיין וואָס עס וויל – האָב איך ביי זיך אָפּגעמאַכט – איך מוז אים זען. איך וועל פּראָבירן אים אויפקלערן – אפשר וועט ער מיר פאַרשטיין, מיין גרויסן ווייטאָג פילן, – אפשר וועט ער מיר מוחל זיין און א ריכטן ראַט געבן.

ווי א גנב האָב איך די טריט געשטעלט דורך דער רוישיקער נייע מאָסקווער גאַס. מיין ספּעציפיש סעמיטישער געזיכט האָט באַלד געקענט באַווייזן אַז איך בין א ייד. טיף די קאָפּ צו דער ערד געבויגן, בין איך שנעל געגאַנגען און פלינק גנבישע בליקן אין די זייטן און פאַר זיך געוואָרפן. אין גאַס האָט געשוועבלט און געגריבלט פון דייטשן מיליטער; כמאַרעס, ווי א היישעריק זענען זיי געלעגן אויסגעשפּרייט אין אַלע ווינקעלאַך – פוסגייער און ראָדפאָרער*; די ביקסן אין קאָזלעס אויסגעשטעלט זענען זיי געזעסן אויף די ראַנדן פון די טראָטואַרן, גערויכערט, געלאַכט און זיך געברענט אויף דער זון; אנדערע זענען ביי די פּלומפּן געשטאַנען, ביז די העלפט נאַקעטע, זיך געוואַשן, געראַזירט און מיט פאַרשידנאַרטיקע ניקעלנע אינסטרומענטן די נעגל געפּוצט. ביים זייט גאַס זענען געשטאַנען אויסגעברענטע הייזער, שוואַרץ פאַרויכערטע ווענט; צעמענטענע באַלקאָנען מיט אייזערנע שטאַכעטן, וואָס זענען געהאָנגען איבערן קאָפּ אויף משקולת, אָנגעטרעשטשעטער גלאָז, ווייטער אביסל צעפליקטע, צעטראָמפּלטע ביכער, שטיקער געאָגראַפישע מאַפּעס, צעקנייטשטע גלאָבוסן, א איבערגעקערטער ראָיאַל, מאַסן שולבענק און טאַפּעס האָבן זיך ביי די זייטן פון טראָטואַר געוואַלגערט. דאָס האָט געשטאַמט וואַרשיינלעך פון דער ניט-אָפּגעברענטער פאָלקסשולע-געבײדע וואָס איז דאָנעבן געשטאַנען און דורך וועמענס פענסטער עס האָבן אַרויסגעקוקט

* א ראָווער פּאָרוצ

נאַרישע פּנימער פון דײַטשע זעלנער, װעלכע האָבן די טולע פאַרװאַנדלט אין א קאַזאַרמע. – נײַן, האָב איך נאָכאַמאָל איבער באַטראַכט די מענטשן – פאַרמאָגן ניט קײַן פונק פון קולטור און ציװיליזאַציע, זײ טאָפּטשן דאָס אַלץ מיט די באַטשװעקלטע שטיװל, און אין זײער טואַלעט ליגט קײַן שום קולטור-עסטעטישער זין; זײ פּוצן די נעגל און ראַזירן די מאָרדעס פּונקט װי א אַנדערע פיזיאָלאָגישע באַדערפענישן. די מאַניקיר-קעסטלאַך און די פלעשער פּאַרפום זענען זיכער געגנבעט אין פראַנקרײַך, און דער זין פון זײער טואַלעט איז – אין בעסטן פאַל –"א גאַװה-דעמאָנסטראַציע פאַר דער איבערמענטשלעכער, ראַסישער און דײַטשער קולטור".

אין א טאָג גאָס האָב איך באַמערקט א פריש אױפגעקלעבטע מעלדונג – די גרױס װי א העפט-זײַטל אין דער װײַסרוסישער שפּראַך. מיט גראָבן טריפט איז צװישן געגעבן געװאָרן דער מינסקער באַפעלקערונג די "פרײלעכע בשורה", אַז באַלד מיטן אַרײַנמאַרש פון די דײַטשן קײַן מינסק זענען אַרעסטירט געװאָרן 100 ײדן אַלס ספּעקולאַנטן....קאָמוניסטן און אַזױנע װאָס האָבן זיך איזדיעקװעט איבער דער װײַסרוסישער באַפעלקערונג, און זײ זענען אױך באַלד דערשאָסן געװאָרן.... נידריקער אַביסל איז צוגעזאָגט געװאָרן, אַז דער טאָג איז געקומען װאָס די דײַטשע געװער האָט באַפרײַט דאָס װײַסרוסישע פאָלק פון דער ײדישער קאָמונע-הערשאַפט. ציװילע װײַסרוסן זענען דורכגעגאַנגען, א שמעק געטון דעם טעקסט, אױסגעשפּיגן און אָפּגעטראָטן. איך האָב דעם אשר-יצר-צעטל ניט דערלײענט, – עס האָט מיר א ברעג געטון װי איך װאָלט געװען אײנער פון די הונדערט. דער טײַװל הױבט אָן זײַן שפּיל – האָב איך א טראַכט געטון, און ער מאַכט דאָס פלינק און ממזריש – ער פּראָבירט שפּילן אױף א דעליקאַטע און געפערלעכע סטרונע (אױפװעקן אין דער װײַסרוסישער האַרץ פּאָגראָם-שטימונג, אָפּלענקען די אױפמערקזאַמקײט פון דער פאַרבי-טער ציװילער באַפעלקערונג אין דער זײַט פון דער ײדישער אומשולדיקער בלוט). צי װעט דאָס אים געלונגען ? – האָב איך מיט פּײַן בײַזיך אַלײן אָן ענטפער געזוכט און גערניט געקענט אָראָפּלײגן פון די פאַרגליװערטע און פאַרשלאָגנג װײַסרוסישע געזיכטער, װאָס האָבן אױך געצױגן דורכן גאַס, כמעט מיטן זעלבן שנעלן גנבישן טריט װאָס איך.

איך האָב באַלד געטראָפן מײַן שװאָגערס װױנונג. א צעבראָכענע און פאַרװײנטע האָט זײַן פרױ מיר מיטגעטײלט, אַז שױן א װאָך צײַט װי ער איז אין לאַגער. באַלד װי די דײַטשן האָבן מינסק אָקופּירט, האָבן זײ צונױפגעקליבן אַלע אײנװױנער פון 18 – 45 יאָר און זײ געהאַלטן אַרומגערינגלט מיט זשאַנדאַרמען אױפן פרײַען פעלד אונטער דער זון, ניט צוגעלאָזן צו זײ קײַן עסן, זיך איזדיעקװעט איבער זײ און געפּײַניקט מיטן דורשט. פיל האָבן זײ מיט דרײַנגער פאַרהרגעט, אַנדערע געשאָסן, און כל-ערלײ טײַװלאָנישע אָרגיעס מיט די קרבנות געפּראַװעט. אין דעם ראַזיקן גיהנום האָבן זײ די װײַסרוסן 9 טעג געהאַלטן, און די ײדן 18 טעג, באָכדעם זײ פרײַ געלאָזן. יונגע מענטשן זענען קױם געקראָכן, אױסגע-

געטריקנטע, פארברענטע פון דער זון און ווילד באוואקסענע זענען די לעבע-
דיקע מתים אונטער די הענט געפירט געווארן פון זייערע שוועסטערס און
עלטערן אהיים...

מיט טרערן אין די אויגן האט מיין שוועגערין מיין צעוויינטע הארץ
אויסגעהערט, געטרייסט מיר און פארזיכטיק מיר געשטראפט פארן אנטלויפן
אליין. זי האט מיר עסן געשאפן און דערציילט דעם גרויליקן ווי פון די
איבערגעלעבטע עטלעכע טעג. איך האב זיך א דריי געטון, געוואלט מיין
געזיכט אין דיוואן-שפיגל אנקוקן און בין א פארצאפלטער געווארן: איבערן
שפיגל איז דאס בילד פון מיין טאטער געשטאנען; איך האב ווילד דאס בילד
א כאפ געטון, נאענט צו די אויגן צוגעטראגן און... די אויגן זענען מיר
מיט טרערן פארלאפן, אין האלז איז מיר ענג געווארן ווי עמיצער וואלט מיך
געווארגן – כ'האב נענטער דאס בילד צו די אויגן צוגערוקט, געקוקט אויפן
ליבן, קינדעריש געזיכטל פון מיין טאטער, אבער איך האב איר ווי א
פארנעבלטע געזען, ווייל די אויגן זענען מאמענטאל מיט טרערן פארגלאזט
געווארן. מיין קינד, מיין טייערע באסיעלע ! – האב איך מיט ווייטאג ארויס-
געיאמערט, – ווען ווייסט צי דו לע.... – האב איך מיין קלאג ניט פארענדיקט.
דיין פאפא האט דיר אפגענארט, צוגזאגט גרוי זאכן ברענגען, און ווי א
פחדן פון דיר אנטלאפן; מיין טייער קינד – האב איך געדריקט די פאטא-
גראפיע צום הארצן און זיך געקורטשעט אין ווייטאג. איך גיב א הייליקע
שבועה אז איך קום צוריק און וועל ביי דיר מחילה בעטן....

איך האב זיך שנעל מיט דער שוועגערין געזעגנט, די פאטאגראפיע אין
בוזעם באהאלטן און אוועק צוריק צו די חברים. א קראפט איז יעצט ביי
מיר אין בוזעם-טאש געלעגן, וואס האט געשטאכן, געבריט און קינדעריש
געכליפעט : קום פאפא אהיים, האסט דאך מיר צוגעזאגט ! טא קום – איך
וואַרט אויף דיר ....

דער הונגער האט שנעל זיינע נעגל באוויזן. דאס ברויטל וואס איך האב
פאר די פערד באקומען, איז גיך נעלם געווארן און מער קיין ברויט האט
קאלינ יק ניט געוואלט געבן; ער איז אויף מארגן געקומען א אומעטיקער און
ברוגזער, און דרך-אגב אונז דערציילט, אז ער האט זיך אביסל אנגעטויעט
אין די דייטשן – זיי האבן ביי אים איינדערפרי א פערד צוגענומען און
באצאלט מיט א קולאק אין קארק.... אין א סטאדע איז פאראן פארשידענע
טאף און ניט אלע זענען פארשיווע, א פאקט – איין פערד האבן זיי מיר דאך
איבערגעלאזן – האט ער זיך אליין געטרייסט. – הלואי זאלסטו אמת זאגן,
האב איך אים חמעוואטע צוגעווונטשן, – כאטש איך האב מורא, אז זיי זענען
אלע ניט אזוי וואשנע – האב איך פארזיכטיק אים געגעבן מיט די הענט צו
פארשטיין וואס איך מיין; ער האט מיר גארניט געענפערט און א פארטראכטער
פון מיר אוועק. ער האט משמעות אויף דער מינוט געמוזט טראכטן, צי איז
כאקע א האלבע סטאדע א פארשיווע, צי זיי זענען אלע קרעציקע. יעדנפאלס –

אין צוויי טעג אַרום האָט ער זיך ווידער פאַר אונז באַוויזן. דאָס מאָל איז
אים געווען אַ אַוויג שטאַרק אונטערגעקלאַפּט און די אונטערשטע ליפּ האָט אַ
געשוואָלענע ווילד אַראָפּגעהאַנגען. ער האָט געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט די אויגן
צום פּאָל און אונז דערציילט, אַז צוויי דייטשן זענען צו אים צוגעגאַנגען
האָבן עפּעס וואָס געבאַלבעט אויף זייער טייוולאַנישער שפּראַך, משמעות גע-
הייסן אים אויסשפּאַנען דאָס פערד פון וואָגן. ער האָט זיך ניט אַזוי גיך
אָריענטירט, וואָס זיי פאַרלאַנגען פון אים, האָבן זיי אים מכבד געווען
אונטערן אויג און אונטער די ציין, האָט ער זיך גלייך געכאַפּט, אַז זיי
מיינען דאָס פערד און ער האָט זיי אים טאַקע אַוועקגעגעבן. אַ ווײַלע איז
ער אַנטשוויגן געוואָרן און באַלד אַ האַסטיקן שפּיי געטאָן, און צוגעגעבן,
אַז זיי זענען אַלע פאַראַזיטן און קרעציקע.... דאָס מאָל האָבן אונז שוין
קאַליניקס ווערטער געטרייסט - ד.ה. ער האָט זיך איבערצײַגט אויף פּאַקטן..

דער הונגער האָט געיאָגט אַ ביסן ברויט צו געפינען, אַלצאַיינס - ביי
באַקאַנטע צי אומבאַקאַנטע. מינסק איז אין יענע טעג איבערפולט געווען
מיט פּליטים - אַרבייטער און אינטעליגענץ, אָן אונטערשיד איז מען גע-
גאַנגען פון הויז צו הויז זוכן וואָס אַ קיי צו טון, אָדער אַלעפּל געקעכץ
און די באַפעלקערונג פון מינסק האָט ניט געזשאַלעוועט, זיך געטיילט
מיט די הונגעריקע מיטן לעצטן ביסן. ערשט אין אָט די טראַגישע טעג האָב
איך געהאַט די מעגלעכקייט צו דערקענען די גוטמוטיקע נשמה פון גאַרקיס
פּאָלק.

אין אַ קליינע הילצערנע הייזל בין איך מיט מיין חבר אין אַ ברע-
נענדיקן יולי-טאָג הונגעריקע און פאַרשמאַכטע אַריינגעפאַלן. אַ אַלטיטשקע
וואָס איז ביים טיש געזעסן און וואָס געגעסן, האָט אָן אונזערע געזיכטער
באַלד פאַרשטאַנען דעם הונגער וואָס האָט אונז געפּייניקט, האָט זיך פון
שטול אויפגעהויבן, אָפּגעגעבן דעם הילצערנעם לעפל, צוגערוקט דאָס
ליימענע שיסעלע באָרשט, און דורכאויס פאַרלאַנגט, אַז מיר זאָלן עסן.
מיר האָבן זיך געוואָלט צוריקציען און געטענה'ט אַז מיר האָבן בלויז גע-
וואָלט אַ טרונק וואַסער בעטן, אָבער די אַלטיטשקע איז פון אונז ניט אָפּגע-
טראָטן און דורכאויס פאַרלאַנגט, אַז מיר זאָלן זיך ביים טיש זעצן.
-מאַמעלע, אָבער דו אַליין וועסט דאָך מאָרגן ניט האָבן וואָס צו עסן? -
האָב איך זיך געעקשנ'ט ! - עסט טייבעלעך, האָט זי געקלאָגט איבער אונז,
ווער ווייס צי מיין אַליאָשקע לעבט נאָך... - און אַריינגעשפּאַרט מיר די
הילצערנע לעפל אין האַנט, ווי אַ הייליקייט האָב איך די איינפאַכע היל-
צערנע רוסישע לעפל געהאַלטן, עטלעכע לעפל באָרשט אין מויל גענומען
און בגניבה געבליקט אויף דער אַלטער און געזוכט אין איר פיזיאָנאָמיע
ענלעכקייט צו מיין מוטער. זי האָט נאָך פון ערגיץ-ווו אין קאַסטן אַן
איי באַקומען, אַריינגעשפּאַרט מיר אין האַנט און ביים אַוועקגיין אָנגעזאָגט
למען השם - וועט איר הונגעריק זיין, זאָלט איר זיך ניט שעמען און

קומען. גערירט ביז די פּיפּעניישן פון דער נשמה זענען מיר געווען פון דער איבערלעבונג אין דער קליינער שטיבל ביי דער אומבאקאנטער רוסישער מאמען.

עס האָט זיך גענומען שיסן קלעפּ אויף די אומגליקלעכע מינסקער יידן; עס זענען אלע טאָג נייע באפעלן ווי די נבלות אויף די פּארקאנעס געהאָנגען: איין באפעל סם-המות'דיקער פאַרן צווייטן: באפעלן וועגן דעם שאנד-צייכן – די געלע לאטע, וועגן קלויבן זיך אין געטאָ, וועגן פארשידענע קאָנטריבוציעס און נאָך אנדערע.

פיינלעך איז געווען צו טראָגן אויפן ברוסט און רוקן די שטיקל רונדע, געלע שמאטקע, וואָס האָט לויטן באפעל באדארפט האָבן א דורכמעסער פון 8 צענטימעטער. שווער איז געווען צו טראָגן אויף זיך אָט די שווערע מאָראלישע לאסט, וואָס האָט געווויגן אפשר צען פּוד. דעם ערשטן מאָל ווען מיר איז אויסגעקומען אויף זיך אָנטון דעם שאנד-פלעק און גיין אין גאס, האָב איך געפילט אזוינס, וואָס איך האָב זיך קיינמאָל אויף מיין לעבן ניט פאָרגעשטעלט; דער שטעמפּל האָט געברענט אויף מיין רוקן און ברוסט מיט שפּיזלען, געשטאָכן אויף דורך און דורך, פון געבויגענעם רוקן אראָפּגעשריגן מיט קולות: אכטונג, עס גייט א ייד! היט זיך פאר אים! רעדט ניט מיט אים! מיידט אים אויס! שמייכלט ניט צו אים! רירט זיך ניט צו אים צו, אָבער שלאָגט אים, טמיתט אים, פּאטשט אים, טרעט אים מיט די פיס און שפּייט אים אין פנים, – ער איז אויסטערן געזעץ, ער איז א נידעריקע באשעפעניש, מאכט אים צו שאנד און שפּאָט, ווייל ער טראָגט א געלע לאטע און קיינער וועט זיך פאר אים ניט אָננעמען.

דאָס זענען געווען מיינע געדאנקען, וועלכע איך האָב געטראָגן אין קאָפּ צוזאמען מיט דער לאטע אויפן רוקן. ווי א פארברעכער האָב איך שנעל דורך אונטערגעסלאך געלאָפן, דורכגעמיטן פארשידענע הויפן און קרומע וועגן זיך געאיילט צום יודנראט, וואָס האָט זיך געפונען אויף ניי-מאָסקווער קעגן רעספובליקאנער-גאס. א יונגער רוסישער מענטש, וואָס האָט אויפן צווייטן טראָטואר געגאנגען אין מיין קעגנזעצלעכער ריכטונג און פאַר-שטאנען ווארשיינלעך מיין "גנבישן" גאנג, האָט צו מיר הויך אויפן קול א געשריי געטון: "וואָס לויפסטו פריינטל !? דיין לאטע וועט זיך איינגיכן שפּרייסן !!! איך האָב א ווילע דעם קאָפּ אויפגעהויבן, באגעגנט א שמייכל-דיקן געזיכט אנטקעגן. עס איז מיר אויפן מאָמענט גרינגער געוואָרן די שווערע לאסט אויפן רוקן. איך האָב זיך אויסגעגלייכט, געענטפערט מיט א שמייכל דעם אומבאקאנטן מענטש, וואָס האָט מיין טיפן ווייטאָג געשפּירט און וואָס האָט אזוי אייגנארטיק און פארשטעלט מיר א טרייסטווארט געשאָנקען.

איך האָב נאָכאמאָל אויף דער לאטע א קוק געטון און פארשטאנען, אז דאָך בין איך נאָך א מענטש.

ביים יודנראט וואס האט זיך געפונען אין א נידריקער, האלב חרובער הייזל, זענען פיל יידן געשטאנען, יונג און אלט, אומעטיקע און מיט מרה-שחורה'דיקע פנימער האט מען אויסגעהערט די יאמערדיקע רעדע פון יודנראט-עלטסטן, אינזשעניער מושקין. ער האט גערעדט אין רוסיש (אונטערן פרייען הימל) און באקאנט געמאכט די צוהערער מיט דער טראגישער לאגע פון די מינסקער יידן. ער האט רחמים געוועקט און געבעטן, אז מען זאל ניט לאזן שטארבן פון הונגער די "פרישע" יתומים, אז מען זאל זיך טיילן מיטן לעצטן ביסן ברויט, אז מען זאל געבן כאטש צו גלאז גרויפן פון זייערטוועגן. - ברודער-יידן ! - האט ער מיט יאמערדיקן קול געשריגן - געבענקט, אונזער לאגע איז אויסערגעוועהנלעך ערנסט, מיר ווייסן ניט, וואס דער מארגן קען אונז ברענגען, - יעדנפאלס קיין גוטעס ניט, זייט געאייניקט, נעמט אלע אויף זיך דעם אחריות פון די אומשולדיקע, הונגע-ריקע יתומים, זיי זענען אונזערע אלעמענס קינדער, ווייל זייערע עלטערן זענען אומגעקומען אין דער ערשטער ריי ווי יידן ! ער האט מיטן טאשן-טיכל די אויגן אויסגעווישט, איבערגעריסן אויף א ווילע די איכה-רעדע און ווייטער מיטגעטיילט : זייט וויסן, מיר האבן א באפעל באקומען צו באצאלן א געוואלדיק גרויסע קאנטריבוציע, וואס איז ווייט איבער אונזערע כוחות, און איך ווייס ניט וואס מיר וועלן טון ; 5 קילא גאלד און פופצען קילא זילבער, ווען איך ווייס ניט צי מען קען אפילו ביי פינף יידן אזוי-פיל ברויט געפונען היינט-צום-טאג. די קאנטריבוציע שמעקט מיט בלוט - וועלן מיר דאס ניט שאפן, ווייס איך ניט וויפיל קרבנות דאס וועט אונז קאסטן. מען וועט דאס אונז ניט שענקען, דאס וועט זיין א פרעטעקסט פאר אומברענגען הונדערטער און אפשר טויזנטער קרבנות ! פארשטייט ברודער, אין וואס פארא לאגע מיר געפונען זיך. איך זע ניט קיין טרייסט אין אונזער האפנונגסלאזער לאגע. ער האט פארענדיקט ריידן, זיך אויסגעמישט מיטן עולם און אריין אין יודנראט. א ווײלע איז די מאסע ווי פארגלי-ווערט געבליבן שטיין מיט טויטע געזיכטער און אויסגעלאשענע אויגן. אין דער הויף אויפן בארג איבערן יודנראט איז די תפיסה מיטן הויכן געמויערטן פארקאן געשטאנען. שנעלע און קורצע סעריעס פון א מאשין-געווער האט נאכאנאנד געשטעפט אויף יענער זייט וואנט און געגעבן דעם האלב-טויטן עולם צו פארשטיין, אז מושקינס רעדע האט א גרונד, אז עס שמעקט טאקע מיט בלוט.

פיבערהאפט האבן זיך די מינסקער יידן אין געטא געקליבן. דער טערמין איז געווען א קורצער : דעם 1-טן אויגוסט האבן שוין אלע יידן באדארפט וווינען אין די געגנט אנגעצייכנטע שמאלע געסלאך אין א זייט פון שטאט, ביים יידישן בית-עלמין און יובילעאום-פלאץ. אויף די רוקנס אין דרייען געבויגן, האבן יונג און אלט אין זעק און טלומיקעס גע-שלעפט די ארעמקייט אויפן אנגעוויזענעם ארט, אויף צעבראכענע קינדער-

װעגעלאך איז געװען ארויפגעלאָדן דאָס װיכטיקסטע און נײטיקסטע פאר דער שטוב־װירטשאפט, טעפלעך, גלעזלאך, טעלער, א װאנט־הענגער, א אלט־מאָדישער זייגער, װאָס האָט פירנדיק אים אויפן װעגל, צוגעצימבלט צום טאקט, אויסגעריבענע קעם־און װאש־בערשטל, װאָס װאָלטן אין א נאָרמאלער צייט גערוט שוין אויפן מיסטקאסטן, און נאָך אנדערע זאכן פון ערשטן שטוביגן געברויך. טיף אין מוח האָט זיך מיר איינגעקריצט אָט די טראגישע פראָצעסיע צו די ענגע געטאָ־געסלאך פון די שטאָלצע מינסקער יידן, װאָס האָבן 20 יאָר ניט געפילט דעם ממשן ביטערן יאָך פון גערודפטן ייד. װי אבלים נאָך א לװיה זענען זיי געגאנגען, טיף דעם קאָפ צו דער ערד געזונקען; פון רוקן האָט דער שאנדפלעק אראָפגעהוזקט און מיט א געמאָסטענעם טראָט, װי זיי װאָלטן דעם לעצטן מאָל זיך געזעגנט מיט די ברייטע מינסקער גאסן, געטראָגן אין געטאָ די לעצטע ביסל אָרעמקייט צוזאמען מיט די קעפ. איך האָב פון אָנפאנג בשום אופן ניט געקענט פארשטיין, פארװאָס האָבן זיי זיך ניט עװאקואירט טיפער אין לאנד, — זיי האָבן דאָך נאָך געהאט 7 טעג צייט... פארװאָס זענען זיי אין אזא גרויסער מאסע אין מינסק געבליבן ? צי האָבן זיי די אכזריות'דיקייט פון פיינט ניט דערשאצט ? צי האָבן זיי איבערשאצט די ממשות'דיקע קראפט פון זייער פאָטערלאנד ? צי האָבן זיי ניט געװאָלט צעברעכן זייערע נעסטן און װאָגלען אין די שװערע מלחמה־טעג אויף אומבאקאנטע װעגן אין זייער גרויסער היימלאנד ? איך האָב ביי זיי קיינמאָל קיין קאָנקרעטן ענטפער װעגן דעם ניט געקענט באקומען. משמעות — האָבן די אלע אויבן אָנגעװיזענע סיבות צוזאמען גורם געװען צו זייער אומבארחמנות'דיקער פארניכטונג.

אָפשאצנדיק גאנץ ניכטערן זייער לאגע, האָב איך פארשטאנען, אז מען באדארף זיין א איבערדורכשניטלעכער מענטש, זיין געװאגט און אמביציעז, האָבן א מעכטיקן לעבנס־לוסט, כדי דאָס אלץ קענען פארויסזען און דער עיקר — זיך װעלן געזעגענען מיט דער פראצע פון צענדליקער יאָרן — (א מאך־געבנדיק אויף אלץ מיט דער האנט). עס קען זיין, אז אויך אין דעם פאל האָט דעצידירט דער ספעציפישער יידישער פאטאליזם. אָנהענגען זיך דעם בלינדן גורל און האָפנונג, אז מסתמא אויך דאָס מאָל װעט מען איבערלעבן. (אָבער צום גרויסן אומגליק האָט דװקא יעצט דער גורל זיי פונקט װי אלע יידן — אָפגענארט און די האָפנונג פארפירט).

. אין די טעג פון קלייבן זיך אין געטאָ בין איך צופעליק אריינגעגאנגען אין א אומבאקאנטע שטוב פון א יעצט "יודנלאָזער" גאס, עפעס אָפעסן. ביים טיש איז געזעסן דער יעצטיקער אייגנטימער פון װוינונג, א קריסט און דער געװעזענער בעל־הבית, א ייד. דער ייד האָט עפעס־װאָס געענדיקט אויף פאפיר שרייבן און אונטערגעדרוקט דעם פאפיר דעם קריסט,

צום חתמענען; דערבײ האָט דער ייד נאָכאַמאָל דעם פּאַפּיר אויפן קול איבער-געלייענט. עס איז פאַר מיר קלאָר געװאָרן, אז דאָס פּאַפּיר איז א אָפּמאַך, אין װעלכן עס איז גענוי באַשריבן, װאָס פאַר א געגנשטאַנדן און שטוביגע מעבל דער ייד לאָזט איבער ביי זײַן קריסטליכן חבר, מיטן באַדינג, אז נאָך דעם װי מען װעט באַפרייט װערן און דער ייד װעט זיך אומקערן פון געטאָ באַדאַרף זײַן חבר אים דאָס אויבן באַשריבענע גאַנץ און אומבאַשעדיקט צוריק-געבן.... דער ייד האָט דעם פּאַפּירל אין בוזעמטאַש באַהאַלטן, זיך האַרציג געזעגנט מיטן חבר און אַרויסגעגאַנגען.

פאַר גנבים, מערדער און אַנדערע קרימינאַליסטן, װעלכע די דײַטשן האָבן פון דער תפיסה באַפרייט, האָט זיך יעצט אָנגעהויבן א גאָלדענער סעזאָן. נאָך א קאַטעגאָריע, זייערע פאַרבינדעטע, די פאָלקסדײַטשן, װעלכע האָבן'מיט א צייט צוריק אויסגעװאַנדערט אהער צוליב א הונגער בײַ'דער װאָלגא, װו זייער אויטאָנאָמיע־ראַיאָן איז געװען -(אויסגעװאַנדערט אהער אזש קיין מינסק), האָבן גענומען פײַניקן, איזדיעקעװען זיך און רויבן די שולדלאָזע געטאָ-אײַנװוינער; אלע מיט געװער און שװאַרצע שיפּעלעך אויף די קעפּ, האָבן די ניי-געבאַקענע פּאָליציאַנטן און די טרײַע הענקער-געהילפן, אויסגעלאָדן זייער טעמפּן, אומבאַגרינדעטן צאָרן אין ניי-אויפגעבלאָזענעם אַנטי-יידישן גיפט אויף די אומשולדיקע יידן פון דער געטאָ. נאַכט און נאַכט האָבן זיי פאַרשידענע הײַזער אין געטאָ באַפאַלן, ממיתן די יידן מכות-רצח און צורויבן אלץ װאָס האָט זיך געלאָזט. ספּאַזמעס און געװײנערײַ פלעגט אלע נאַכט דאָ און דאָרט אויפאַקערן די נאַכטיקע פינסטערניש. עטלעכע ביקסן-שאָסן און אלץ פלעגט װידער פאַרזינקען װערן אין נאַכטיקן חושך װי קיינמאָל גאָרנים. זיי פלעגן רויבן דאָס רוב די נעכט; בײַטאָג פלעגן זיי ניט װאָגן דאָס צו טון, ניט מחמת זיי האָבן זיך געשעמט, אָדער הלילה מורא געהאַט פאַר דער דײַטשער מאַכט, נאָר פּשוט דערפאַר װייל בײַטאָג פאַר דער ליבסטיקער זונענשײַן האָבן געהאַט רעכט בלויז צו ראַבעװען די העכערע ראַסע אַליין, ד.ה. די דײַטשן, און קיינער האָט זיי ניט באַדאַרפט שטערן. גאַנץ זיפער, קאַלט און גענוי פלעגן זיי אלץ אַדורכקוקן, דורכטאַפּן און װאָס פאַר זיי האָט א װערט געהאַט, גענומען מיט זיך. דאָס האָט משמעות באַדאַרפט זײַן מתנות װי "קריגס-טראָפייען" פאַר זייערע געליבטע און פריינד אין דײַטשלאַנד. און נאָך די טאָגיקע רויבערייען פלעגן בײַנאַכט קומען די פּאָליציי-לײַט װי היענעס, און נאָכאַמאָל איבעררייען די איבער-געבליבענע. שפּעטער אביסל האָט מען אָנגעהויבן כאַפּן מענטשן אין די געטאָ-געסלאָך. װי פון אונטער דער ערד ~~[illegible]~~ פלעגן פּלוצלינג אויסװאַקסן די ברוינע רויבער, כאַפּן קלענערע און גרעסערע גרופּעס, ניט באַקירנדיק מיט דער עלטער און געשלעכט, ממיתן אומברחמנות'דיק דערבײַ, אַרויסשלעפּן קראַנקע פון די בעטן און נעלם װערן מיט זייער מענטשלעכן רויב אין אומבאַקאַנטער ריכטונג. מיט יאָמער און קלאָג פלעגן אָנגעפּרלט

ווערן די געטאָ-געסלאַך נאָך אַזוינע "אַקציעס". (עס האָט זיך געדוכט, אַז שטיינער אין ברוק וויינען מיט אויפן גורל פון די נאָר וואָס פאַרשוואונדענע).

אַרומגיין אַזוי איז קיין תכלית ניט געווען, שוין ניט דעם אַליין, וואָס מ'האָט געמוזט האָבן אַן אַרבעטס-קאַרט, אָן וועלכן מען האָט געקענט גאַנץ לייכט אַריינפאַלן אין אַזאַ אַקציע, ווי אויך דער הונגער האָט דאָצו געצוואונגען. כ'האָב באַשלאָסן אַוועקגיין אַרבעטן אין דער געוו. שניידער-פאַבריק "אָקטיאַבער", וו ער עס איז יעצט געווען דער באַקליידונגס-לאַגער פון לופט-פלאָט 2-טע קאָמאַנדע. ניט גרינג איז מיר אָנגעקומען אָנצונעמען דעם באַשלוס, וואָס האָט באַדאַרפט פאַקטיש הייסן צולייגן אַ האַנט צום זעלבסט-פאַרניכטונגס-פּראָצעס, אָבער פון איין זייט דער הונגער, וואָס האָט גע-פייניקט און פון צווייטן זייט - די מאָמענטאַלע געפערלעכע סיטואַציע האָט מיר געיאָגט ווי הונדערטער אַנדערע יידן צו גיין אַרבעטן ביים שונא. אָבער טיף אין האַרצן האָב איך באַשלאָסן, אַז מיין "ביישטייער" פאַר די ברוינע זאָל זיין אַ מינימאַלער און עווענטועל - אויב עס וועט נאָר זיין די געלעגנהייט - אַ שעדעקערישער און געגנזעצלעכער. אַלס סטאָליער איז מיר גאַנץ לייכט אָנגעקומען אַריינצוקריכן אַהין צו דער אַרבעט.

די אַרבעטס-קאָנטראָל איבער מיר איז געווען אַ גאַנץ לויזע און עס האָט מיר ניט געשטערט גאַנצע טעג אַ פינגער אָן אַ פינגער ניט אַ קלאַפּ טאָן, אַרומצודרייען זיך אַהין און אַהער איבערן הויף מיטן זעג אין האַנט, כדי צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון די אויפזעער, אַז איך בין "שטאַרק באַשעפטיקט". דאָ האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט אָפטער צולייגן אָן אויער און הערן וואָס עס דערציילן די סאָלדאַטן, וואָס קומען אַהער נעמען קליידונג פאַר די פליער-רעגימענטן.

מיט טיפער סאַטיספאַקציע האָב איך אַמאָל צוגעהערט אַ געשפּרעך צווישן צוויי שאָפערן, וואָס זענען נאָר וואָס פון סטאַלינסק געקומען. איינער האָט דערציילט דעם צווייטן, וואָס פאַר אַ ריזיקע קאַמפן עס קומען דאָרט פאָר. - אונזערע פליגער - האָט ער זיין חבר דערציילט - האָבן קיין מינוט אָפּרו, זיי האָבן קיין צייט אַפילו אַ טרינק וואַסער צו נעמען, די רוסישע זענען טייוולאָנים און זייער אַרטילעריע שפּייט מיט וואולקאַנען פייער - האָט ער צו מיין גרויסער פרייד מיט אַ אומעטיקער מינע פאַרענדיקט....

וואַרטן וואַרט! - האָב איך געטראַכט, געבאַפט כלומרשט די ציינער פון מיין זעג און בגניבה אויף זיי געקוקט; וואַרט! איר וועט אַלע אין דעם פייער פאַרברענט ווערן, - עס וועט זיך אייך שוין איבערוועלן לעבנס-רוים.

מען האָט געדאַרפט האָבן אַ פאָרזיכטיקן צוגאַנג און זיך היטן מיט די זעלנער וועגן פּאָליטיק צו ריידן, בפרט מיט די עלטערע, וועלכע זענען פון באַרוף געווען בעאַמטע און קויפלייטע, אויך קליינע ערד-באַזיצער. די דורכשניטלעכע איינפאַכע זעלנער זענען אין גרעסטן טייל אַרבייטער און

פאלקסמענטשן, קלײנקעפלדיקע, פארפירטע, אונטערגעהעצטע נאציאנאליסטן, אויפגעבלאזענע פאטריאטן פון זײער פאטערלאנד, װילדע מיליטאריסטן און בלינד גלויביקע אין פירער'ס כוח. אין װעמענס הענט די מארדװאפע איז יעדנפאלס געװען א גרױזאמע געװער. פארשיכורטע פון די זיגן אין מערב- און דרום-אײראפא, זענען זײ געװען איבערצײגט אין דעם פירערס געניאַליטעט. אויך דא, אין מזרח-אײראפא האבן זײ געגלױבט, װעט אויך ניט אנדערש דער פירער זיגן; פיל פון זײ האבן גאנץ שטארק געגלױבט און אפילו געװנוי אריטמעטיש אויסגערעכנט, אז זײט צװײ װאכן מוז מאסקװע פאלן. דער חשבון איז געװען א גאנץ קלארער : ביז מאסקװע איז בײ 800 קילאמעטער, די דײטשע טאנקען מאכן טעגלעך בײ 50 קילא-מעטער – אלזא עס איז גאנץ קלאר, אז אומגעפער נאך צװײ װאכן און עס איז נאך דער מלחמה .... פון טאג צו טאג האבן זײ אלץ דעם טאג פון זיג פראלאנגירט און געהאפט נאכדעם צו פארן "נאך הויזע". קײן גרױסע פאליטיקער זענען די סאלדאטן ניט געװען; די גאנצע שולד פון דער מלחמה האבן זײ פאקטיש געװארפן אויף ענגלאנד, אויף די קאפיטאליסטן און יידן, װאס האט פארכאפט דער גאנצער װעלט, װאס האט זײ אנגעהאנגען א װערסײלער אפמאך, און װאס נעמט צו בײ זײ דאס רעכט צום לעבן.

– און װאס בין איך שולדיק ? – פלעג איך אפטמאל/בײ אזא אײנעם א פרעג טון. ער פלעגט זיך װארגן לעקעשעװאטע מיטן ענטפער, אבער לסוף אויסברעכן, אז פאקטיש שולדיק בין איך טאקע ניט שולדיק, אבער דערפאר װאס איך האב א רײכן פעטער אין אמעריקע און אין ענגלאנד, װאס װיל די מלחמה מיט דײטשלאנד – דערפאר אלײן בין איך אויך שולדיק.... קרילאװ'ס משל "דער װאלף און שעפס" – אזוי מער-װײניקער האט געארבעט דער דענקונגס-אפאראט פון דורכשניטלעכן דײטשן מיליטער-מאן.

נאך אזוינע קורצע געשפרעכן פלעגט זיך מיר אפט װעלן ארײנזאגן די דײטשע סאלדאטן דעם גאנצן אמת, אז יידיש בלוט איז די ביליקסטע זאך אויף דער װעלט, אז מיט אונזער בלוט װערט געשמירט די אקסן פון דער גרױסער קריגסמאשין, אז אונזער בלוט גיט מען טרינקן די סאלדאטן אײדער זײ קומען נאך אויפן פראנט, כדי בײ זײ די היה ארויסצורופן, אז פון דור דורות באדן זיך אין אונזער בלוט פארשידענע טײװלאנים און שװארצע פירער, װײל מיר זענען זײט טויזנטער יארן א פארװאגלט פאלק, װאס װאלגערן זיך װי שטויב בײ די פיס, איבער װעמען עס קײקלען זיך די שװערע רעדער פון דער געשיכטע אין אלערלײ טראגישע תקופות; און דאס – נאר דאס װאלט געװען דער רײנער אמת װעגן אונזער "שולד" אין דער יעצטיקער מלחמה.

א בײטשער זעלנער האט מיך ארײנגערופן אין זײן צימער; אין װעלכן די פאדלאגע איז געװען צעבראכן און געהײסן זי פאריכטן. אויפן װאנט איבער זײן בעט איז געװען אויסגעמאלן דער נאציאנאלער עמבלעם

פון היטלערס מלוכה — אַ רויבפֿויגל מיט ברייט פֿונאַנדערגעשפּרייטע פֿליגל
מיט גרויסע נעגל און געזונטן שנאָבל איז געשטאַנען איבערן ערד-קוגל,
אויף וועלכן דער האַקן-קרייץ איז שוואַרץ געווען אָנגעמאָלן, מיט אַ פעטן
אונטערשריפט "אַלץ פֿאַר דייטשלאַנד". ווי טומאה'דיקע אָקאָנע האָט דער בילד
פון וואַנט אַראָפּגעקוקט; משמעות, אַז די טעמפּע סאָלדאַטסקע קאָפּ האָט אין
כלאָפּלאָזע נאַכט גייסטיקע יניקה פון דער אָרט אָפּגאָט גענומען...

מיין געהילף איז געווען דער לאַנדסמאַן חיים אַלעקסאַנדראָוויטש, וואָס האָט
האָט ווי איך, ביז מינסק דערלאָפֿן. ער איז געווען אַ אַלטער רעוואָלוציאָנער
און באַקאַנטע פיגור אין גאַנץ פּוילן און אין די מערב-געביטן פון ווייס-
רוסלאַנד. אַ געשוואָלענער פון הונגער האָב איך אים אין מינסק געטראָפֿן
און אים צו מיר אַלס געהילף ביי דער אַרבעט אַריינגענומען, ווו ער האָט
ברויט און זופּ באַקומען פּונקט ווי איך. ער פֿלעגט קיינע געשפּרעכן מיט
די סאָלדאַטן ניט פֿירן, און מיר אָפֿט ראָטן אויך מיט זיי ניט צו ריידן.
מיט רציחה פֿלעגט ער אויף זיי קוקן, און מיר אָפֿט זאָגן, אַז עס איז
איבעריק מיט זיי אַ וואָרט צו פֿאַרלירן. — איין איינציקער אַרגומענט קען
פֿאַר זיי זיין, דאָס איז נאָר די קויל.

אין צימער אויפֿן טיש איז אַ גרויסער און נייער פּיסטאָלעט געלעגן.
איך האָב ווינציק אַכט אויפֿן געווער געלייגט, און גאַנץ געלאָסן געריכטעט
דעם פֿאַל. ווי געוויינטלעך, איז מיין געהילף איינציקע מאָל אַריין און
אַרויס פֿון צימער, מיר וואָס געהאָלפֿן ביי דער אַרבעט און די פֿאַדלאָגע
איז פֿאַרטיק געוואָרן. איך האָב דעם דייטש דעם שליסל פֿון צימער אָפּגע-
געבן און אַוועק צוריק אין וואַרשטאַט. אויף מאָרגן באַלד אינדערפֿרי האָט
מיר דער דייטש צו זיך אין צימער אַריינגערופֿן און מיר מיטגעטיילט,
אַז זיין פּיסטאָלעט איז נעלם געוואָרן — אפֿשר ווייס איך עפּעס ? איך בין
איבעראַשט געווען פֿון זיין פֿראַגע; ער האָט באַלד מיין איבעראַשונג דער-
קענט, אַראָפּגעלאָזט פון טאָן און געפּראָבירט אַנדערש ווירקן אויף מיר.
— דו קריגסט צען ברויטן — האָט ער צו מיר אַ זאָג געטון — אַבי געפֿון
מיר נאָר מיין פּיסטאָלעט. איך האָב באַלד אַ גלאַטן תירוץ געפֿונען און
אים געענטפֿערט, אַז וואַרשיינלעך האָבן זיין פּיסטאָלעט צוגענומען זיינע
קאַמעראַדן, וועלכע האָבן בעת אונזער אַרבעט אין צימער געווען. — איך באַ-
דאַרף אייער פּיסטאָלעט ניט האָבן, איך בין אַ גוטער-ייד און דאַנק גאָט,
אַז מען טשעפּעט מיר ניט — האָב איך אים געגעבן צו פֿאַרשטיין. — האָסטו
אים ניט אונטערן פֿאַל פֿאַרבויט ? — האָט ער ווידער מיר ערנסט אַ פֿרעג
געטון. איך האָב די האַק גענומען און געוואָלט אויפֿרייסן די פֿאַדלאָגע,
אים צו ווייזן, אַז ניין. ער האָט מיר דעמאָלט אָפּגעלאָזט און ווי אַ חיה גע-
ברומט: "איך וועל האָבן פֿעך". (ערשט שפּעטער, זייענדיק אין וואַלד, האָב
איך אַ גרוס פֿון אַלעקסאַנדראָוויטשן באַקומען, דאָס ער איז אַ קאָמאַנדיר פֿון
פּאַרטיזאַנער-אָפּטיילונג, און האָט אויף זיין "חשבון" קאַרגע 200 דייטשן

ווי אויך א צענדליק עשאלאנען, און דעם אנפאנג צו דער "וואלדיגער קאריערע" האט ער געמאכט מיטן אוועקגעגנבעטן פיסטאלעט....)

שווער איז געווען מיט א הונגעריקן מאגן צו ארבעטן. די שטיקל ברויט און די ביסל שיטערע מיטאג-וואסער, וואס איז געווען געמישט מיט בלעטער-שפאלן, און אנדערע "אומבאקאנטע" מאכלים, האט קוים געקענט כוח געבן צו דער ארבעט. דער סיסטעם פון פארטיילן דאס עסן די עטלעכע-הונדערט ארבעטער, איז געווען א ריין "ארישער". דער קיבער, א געוועזענער קרימינאליסט, פלעגט אין דער ערשטער ריי דאס געדיכטערע פון קעסל פארטיילן זיינע באקאנטע רוסישע ארבייטער; אין דער צווייטער ריי טיילן די פרויען - פארשטייט זיך - פריער די רוסישע, און די גאנץ לעצטע, שיטערע וואסער אפגעבן די יידן, - אויסערדעם וואס ער פלעגט ארויסגנבענען זיך דאס נעבעכדיקע ביסל פלייש, וואס פלעגט באדארפן פארפלעגן 300 מענטשן. עס איז קיין וואונדער ניט, אז מען האט זיך געמוזט קלוגן און זוכן אנדערע וועגן, כדי אויפצובאלטן דעם זינדיקן גוף.

פאר דער ארבעט אינדערפרי, פלעגן זיך אלע ארבייטער אויסשטעלן לויט זייערע פאך-גרופעס, און א דייטש פלעגט איינטיילן יעדן איינעם א קווימל צו באקומען די פארציע ברויט, טאבאק און זופ. אבער גאנץ געשיקט פלעג איך זיך ארייכאפן אין א צווייטער, דריטער און פערטער גרופע און אויך דארטן באקומען דעמזעלבן קווימל צום עסן. אין אזא פאל האב איך שוין געהאט גענוג ברויט, ווי אויך געקענט העלפן מיינע הונגעריקע חברים, כאטש איך האב גאנץ לייכט ריזיקירט מיטן קאפ, אבער עס האט זיך געלוינט... דער קיך-שעף פלעגט נאכדעם זיך וואונדערן און ברעכן דעם מוח, אז ארבייטער זענען דא מער ניט ווי 300, און ער פרעסן 305 - פלעגט ער בייז ווערטען. ער האט זיך געקליגט, אז מסתמא מאכט מען אים נאך די קווימלען... און גענומען טיילן געשטאנצטע בלעכענע נומערן, אבער אויף איינעם פון די גוידעמער האב איך געפונען א רעכטע ביסל אזוינע בלעכלאך און בין געווען וידער זיכער מיט ברויט אויף א לענגערע צייט.

און אפטמאל - זאל מיר צו קיין הרפה ניט זיין - פלעגט מאקע אויך אויסקומען מאכן א "אנפאל" אויפן פערד'ס זשלאב און ארויסרייסן ממש אים פון די ציין דאס ביסן ברויט וואס דער דייטש פלעגט אים ארייננווארפן צום עסן. אבער איך פלעג אים דאבײ א גלעט טון און געבן צו פארשטיין, אז די קארטאפל-שאלעכץ וועט ער אויך פארדייען....

איינמאל, ביים ענדיקן די ארבעט, איז געווארן אפגעשלאסן די טויערן און די דייטשע אדמיניסטראציע האט גענומען גענוי אונטערזוכן די ארבייטער צי מען שלעפט גארניט ארויס פון פאבריק. מאמענטאל האט זיך אויף דער ערד גענומען וואלגערן קלעצלאך פאדים, שטיקלעך שטאף און נאך אנדערע

שנײדערישע צודאסן. קײנער איז חלילה פון די ײדישע ארבײטער ניט
געכאפט געװאָרן - מען האָט זיך באצײטנס "אױסגעדרײניקט", אָבער גלײך
האָבן מיר דערהערט דעם שעף'ס קול, ער האָט װילד געשריגן און געשלעפט
פאַרן קאָלנער דעם קעכער; יענער האָט געטראָגן אין האנט א גרױסן קרוג
פלײש... -קוקט - האָט דער שעף געשריגן - װער עס פרעסט אײער פלײש!
ער האָט אים עטלעכע מאָל מכבד געװען מיטן קולאק אין קארק און אױפן
קול געמאָלדן: באלד װעלן מיר אים שיסן. דער דאָלמעטשער, אן אונטער-
אָפיציר, האָט באלד אים די "גוטע בשורה" איבערגעזעצט אױף רוסיש. יענער
האָט געמאכט אזא װילדע מינע, אז מען האָט באדארפט זײן שטארקער פון
אײזן, און ניט לאכן. אָבער דער אינצידענט האָט זיך גאנץ אנדערש געענדיקט
מען האָט אים בלױז ארײנגעצימבלט אין מחילה גאנץ באלעבאטיש, אָבער אונז
האָט דאָס גאָרניט געערגערט, װאָס ער קריגט געשמיסן, - אדרבה, עס האָט
הנאה געטון, װאָס דער ניי-געבאקענער אריטער קעכער קריגט באצאָלט פון
זײנע אריטע באלעבאטים פאר די אריטע מיטאָגן װאָס ער טײלט אונז.
לסוף האָט ער נאָך געקריגן א צולײג מיטן שטיװל אין הינטן און מיט א
װויערײ איז ער פון הױף אנטלאָפן.

פון טאָג צו טאָג איז די לאגע אין מינסק קריטישער געװאָרן. פון
שעה צו שעה איז אלץ ענגער געװאָרן די פעטליע אױף די העלזער פון די
מינסקער ײדן. אלע טאָג פלעגן כסדר מײנע באקאנטע פארשװונדען מיט
די "אקציעס". די מינסקער ײדן האָבן גאנץ דײטלעך זײער אפגרונד דער-
זען, װעלכער װעט אלעמען א טאָג פריער צי שפעטער פארשלונגען. אָבער די
גרױסע קראפט פון דער האָפנונג האָט נאָך די אומגליקלעכע בײם לעבן
דערהאלטן. פון מויל צום אויער פלעגן אין געטאָ פארשידענע קלאנגען
און װערסיעס קורסירן - אמתע און אױסגעטראכטע - אז דאָ ערגיץ-װו איז
א דעסאנט אראָפגעזעצט, אז א גרױסער טײל פון דער פײנטלעכער ארמײ
איז ארומגערינגלט, אז "זײ" ציען זיך אין פאניק צוריק אױף דער
גאנצער ליניע א.א.װ. - אין די אלע קלאנגען איז געװען דאָס װאָס די
פארפאָלגטע האָבן זיך געװונטשן צו זען אָבער די צײט און געשעענישן
זענען געגאנגען מיט זײער לאנגזאמען װעג און אָפגענארט די פריצײטיקע
האָפנונגען. די מענטשלעכע אױג איז שארף געװאָרן און געניט אָבסער-
װירט די כסדר'דיקע מאטן-באװעגונגען פון די דײטשע חילות איבער די
גאסן פון שטאָט.

אין אײנעם א פארנאכט איז עמיצער מיט אימפעט אין שטוב ארײנגע-
פלויגן און אױסגעשריגן: גײט זעט! זײ טרעטן אָפ!!! זײ פליען
פון פראָנט מיט צעקלאפטע מאשינען!!! די פרײד און איבערראשונג איז
געװען ניט צו באשרײבן. שנעל זענען מיר ארױס צו דער ניעמיגע-גאס
און װירקלעך - א געװיסע צאָל לאסט-אױטאָס צעלעכערטע האָבן זיך געשלעפט
אין דער געגנזײטלעכער ריכטונג פון פראָנט און דאָס האָט געגעבן א גרונט

א "היץ-קאפ" צו דרינגען, אז די פיינד גייען אוועק. אפגעגאַרטע מיט אראפגעלאזטע קעפ זענען מיר צוריק אין געטא געגאַנגען, מיט א טיפערע דעפרעסיע אין הארצן ווי פריער. מיין חבר אלעקסאנדראוויטש האט אונז סארקאסטיש אויסגעלאכט און א זאג געטון: גלויבט ניט קיין גיכע גאולה די מלחמה איז א לאנגע און שווערע, און אויב איר וועט וועלן לעבן, וועט איר נאך אויך עפעס בארארפן טון....

די מינסקער גאסן זענען אויסגעלעבט געווען פון א געוואלדיקן מיליטערישן פארקער. לאנגע קאלאנעס מיליטער- און לאסט-וועגענער, אלערליי ארטילעריע, טאנקען און בענזין-טראנספארטן האבן כסדר ווי גיפ- טיגע שלאנגען זיך געצויגן אן ענדע דורך סאוועטסקע מיטן שאסיי קיין סמאליענסק. אימה'דיק איז געווען צו קוקן אויף די ברואים, וואס האבן אויף זייער געווער געטראגן די צייכענונג פון דער מענטשלעכער ציוו י- ליזאציע, צוקוקנדיק זיך גאווה'דיקע האלטונג, בלייכע פנימער, נידריקע שטערנס און גארניט-זאגנדיקע אויגן. באגאנגענע און באבענדלטע ארום און ארום מיט דער טומאה פון האקן-קרייץ, האט ביי יעדן מענטשן געקענט שוידער ארויסרופן, וואס אט די "העכערע ראסע" איז ביכולת פון דער וועלט צו מאכן.

אין דער מאכט-פינסטערניש פלעגט זיך אפט פון יענע באוועגלעכע גאסן שיסערייען הערן, און אויף מארגן באלד פלעגט שוין זיין א מיט- טיילונג פון שטאט-קאמענדאנט, אז עס איז באשאסן געווארן ביינאכט א מיליטער-טראנספארט ביי דער און דער הויז, פאר וואס עס זענען פאראנטווארט- לעך געמאכט געווארן צוואנציק מענטשן פון דאס דערמאנטע הויז. אזוינע מיסטיללונגען זענען געווארן א אפטע דערשיינונג. עס זענען אויך גע- נומען געווארן שומרים צו היטן ביינאכט דעם פעלד-טעלעפאן. יעדערע הונדערט מעטער טעלעפאן פלעגט א מענטש מוזן היטן - בעסער געזאגט - לויפן נאכאנאנד הין און צוריק די הונדערט מעטער, האלטנדיק דערביי דעם דראט אין האנט, כדי עמיצער זאל ביינאכט אים ניט איבעררייסן - פארוואס דער שומר וואלט באדארפט באצאלן מיטן קאפ. עס האט גענומען שמעקן מיט ווידערשטאנד און די פארטיזאנקע האט גענומען באווייזן סימנים פון לעבן.

איינמאל, ענדיקנדיק דעם טאג ארבעט, פארן גיין אהיים, האט מיר א דייטשער שאפער געהייסן פאריכטן זיין מאשין. איך האב זיך גע- נומען צו דער ארבעט און אין פארלויף פון עטלעכע שעה בין איך געווען פארטיק, פאר וואס איך האב באקומען א ברויטל און א ביסל טאבאק. איך בין אוועק ווי געווייגטלעך, דורך הינטערגעסלאך אהיים אין געטא. קומענדיק אין הויף פון מיין וווינונג, האב איך זיך באלד דערוווסט, אז אקארשט איז דא געווען א באנדע געסטאפאווצעס, וואס האבן כמעט אלעמען פון אונזער הויז אוועקגענומען מיט זיך - דאס רוב יונגע מענטשן. ניט קוקנדיק אויף

די ארבייטס-שײנען, האָבן זײ געפּאטשט, געטמיהט, מיט די פיס געטראָטן
און לסוף די קרבנות ערגיץ-װו אװעקגעפירט. אין גאס האָט זיך געטון
הושך, אין יעדער שטוב האָט מען געװײנט, געיאָמערט, געבראָכן די הענט,
מיט די קעפּ אין װאנט זיך געשלאָגן און באקלאָגט די לעבעדיקע מתים.
קײן זאך האָט מיר אזוי ניט געװײטאָגט װי דאָס געװײן פון קלײנע
קינדערלאך, װעלכע האָבן מיט זײער פּישטשן און יאָמערן אָנגעפולט אלע
װינקעלאך פון הויז. עס איז זיך ניט געװען װו צו באהאלטן פון דעם
קינדערישן יאָמער, װעלכער האָט געפערטלט דאָס הארץ און געשטאָכן אין מוח.
אָט די עופה'לעך װאָס האָבן נאָך רעכט די װעלט ניט געזען, װעלכע האָבן
נאָך אין זײער לעבן קײן צען פרילינגס ניט געהאט, האָבן געשלונגען
ביטערע טרערן, געקלאָגט איבער זײער גורל און געװײנט איבער די אװעק-
געדריבענע טאטעס. כ'האָב זיך אויפן בעטל אויסגעצויגן, די קאָפּ טיף אין
קישן באגראָבן, כדי דעם יאָמער ניט צו הערן, אָבער אומזיסט, - דאָס קלאָגן
האָט פון מיר שטיקער לעבעדיקן פלײש געריסן. איך האָב דעמלט פארשטאנען,
אז אפילו נארישע טרײסט-װערטער קענען בארואיקן עלטערע, אָבער פאר
קינדער װאָס האָבן פּלוצלינג זײערע טאטעס פארלוירן, װעט קײן קלוגע
טרײסט-װערטער אויך ניט בארואיקן. אין דעם דאָזיקן קינדער-געיאָמער
האָב איך אויך מײן קינדס קול'עכל דערהערט, װעלכע האָט פונקט אזוי גע-
יאָמערט בײ מײן אנטלויפן און יאָמערט נאָך אודאי יעצט - האָב איך גע-
טראכט. איך האָב קעגן מײן װילן די האנט אין בוזעם-טאש ארײנגעשטעקט
און געטאַפּט דאָס גלאנציקע פּאפיר און איר בילד ארויסגענומען - װי
בעטנדיק זי האָט אויף מיר געקוקט ! עס האָט זיך מיר געדוכט, אז איך זע
אויג-טרערן אויף אירע קינדערישע בעקעלאך און איך הער איר יאָמער :
"פּאפּעלע, קום שוין אהײם". איך האָב אין א שטיקל צײטונגס-פּאפּיר
א גראָבן ציגאר טאבאק ארײַנגעדרײט, גענומען שלונגען טיף מיט די גאנצע
לונגען דעם ביטערן רויך און אָנגעהויבן פּלענער מאכן װעגן צוריק אהײם.
א מאָדנער כוח ליגט אין דעם טאבאק-רויך - ער מאכט קלערער די געדאנקען,
מאכט נאָענט װײטע צילן, העלפט לאָגיש דענקען, און צײטנװײז שאפט ער
די אילוזיע פון לעזן אומלעזבארע פּראָבלעמען.

דער װעג אויף צוריק איז געװען פארשלאָסן אויף זיבן שלעסער ; די
טויט-געפאר האָט געלויערט אויף יעדער טריט. די געלע לאטע און דער געטאָ
האָט פארסמט די בלוט, דעם מענטשלעכן "איך" צעטראָטן, געפּײניקט דעם
װילנס-קראפט און געהוזקט פון מענטשלעכן שכל. אָבער ניט קוקנדיק אויף
דעם אלץ האָב איך אָפּגעפליקט אין געדאנק די געלע לאַטע און אויסגע-
גלײכט דעם רוקן פון געטאָ-ייד און באשלאָסן זיך נעמען פעסט אין די
הענט, איבערשפּרײזן די טיפסטע טאָמען און קומען צוריק אהײם. איך האָב
גאנץ פאָרזיכטיק גענומען צוגײן צום ענין, געמאכט אלערלײ פּלענער און
אויסרעכנונגען און געזוכט דעם גלײכסטן װעג. װעגן גײן צופוס צוריק,

האָט קיין רייד ניט געקענט זיין. א גרופע יידן װאָס זענען אװעק צופוס
אהיים, זענען אין דער קליינער שטעטעלע ראקאװע אויף דער פּיליץ-
סאָװיעטישער גרעניץ פארהאלטן געװאָרן פון פּאָליאקן, װעלכע האָבן זיי
אויף דער אייגענער האנט אויסגעמאָרדעט. מאסקירן זיך אלס קריסט, איז
אויך געװען אוממעגלעך - מיין פּיזיאָנאָמיע און שפּראך האלטן מיר מאָמענ-
טאל ארויסגעגעבן; פאָרן מיט דער באן האָט קיין רייד ניט געקענט זיין,
אָבער מיר איז א געדאנק דורכגעלאָפן אין קאָפּ : איך װעל פּראָבירן "א טמעק
טון" אין װעלכע ריכטונגען קיין מערב גייען פון אונז די מאַדינען
געלאָדענע מיט מיליטער-קליי(ד)ער טראָפּייען. די געדאנקען אין קאָפּ האָבן
שנעל געארבעט, דער איינפאל איז מיר געפעלן געװאָרן. איך האָב שוין
אין דער פאָנטאזיע זיך געזען א באהאלטענער אין אזא מין מאַשין זאכן...
אָבער קיין סך טראכטן װעגן דעם, האָב איך שוין ניט געװאָלט, צוליב א
פּשוטן טעם - ניט אן עין-הרע געבן דעם "קלוגן איינפאל". און מיט
אזוינע זיסע מחשבות בין איך װי א געהרגעטער איינגעשלאָפן מיטן צײ-
ונגס-ציגאר אין מויל.

צי איך האָב לאנג געשלאָפן, װייס איך ניט, אָבער איך האָב גע-
שפּירט, אז מען קאטשעט מיר פון זייט אויף זייט און קוים דער בעל-
הבית'טעס שטים דערהערט; אויפגעמאכט די אויגן, עס איז שוין געװען
גוט ליכטיק. זי איז איבער מיר געשטאנען א דערשראָקענע אויף טויט,
און זיך געטרייסלט װי אין א קאָנװולסיע; מיט א געבראָכענער /טרים/
שיר געמינטערט : גיכער ! גיכער ! רייזער, שטייט אויף; "זיי" זענען
שוין אין צװייטן הויף ! איר הערט װי זיי שלאָגן ? די זון, פּונקט
װי איך, האָט ערשט נאָראָװאָס געהאט אויפגעשטאנען און דורך די נידריקע
פענסטער צדקה געטיילט די האלב-חרובע הילצערנע הייזלעך פון געטאָ,
צונויפגעפרעסט איינע לעבן די אנדערע; איינגעדרייט אין שמאטעס האָט
מען געכראָפּעט אין די ענגע דירה-קברים און געחלומט װעגן פרייע, זאָרג-
לאָזע טעג. צופוסנס און אויף די װענט איז געהאנגען די שקלאַװן-קליידונג
מיט דער געלער לאטע, אין װעלכע מ'האָט באדארפט באלד ארייקריכן און
דערפילן דעם ביטערן יאָך פון געפייניקטן ייד. צעריסענע הרובע שיך
זענען אונטערן בעטל געשטאנען און געװאָרנט "באלד װעט קאלט װערן און
איך װעל אייך גאָרניט קענען העלפן !" א קינד, װאָס האָט נעכטן דעם
טאטן פארלוירן, האָט אומרואיק זיך געדרייט פון זייט אויף זייט, אין
א מאָדנע לאגע געהאלטן די הענטלאך, פּונקט אזוי װי אייערנעכטן בעתן
שלאָפן מיטן פאָטער.... און די זון האָט ניט געזשאלעװעט, הויפנס שטראלן
געשאָטן און ליכטיקער געמאכט דאָס, װאָס הייסט - געלעבט אין געטאָ.

איך האָב זיך שנעל װי א טײַװל אָנגעטאָן. אויפן צװייטן הויף
האָבן זיך געהערט פעטש, װי דאָס קלאַפּן פון געהיבלטע ברעטער, און אומ-
רואיקע באטשװעקלטע שטיװל האָבן געסקריפּעט איבערן שטיינערנעם ברוק

און זיך דערנענטערט צו אונזער הויז. ווי א אונטערגעשאָסענער בין איך ארויסגעלאָפן, קוים באַווייזנדיק אָנציען די וואַטאָווקע, דעם ארבייטס-שיין גרייט אין האנט געהאלטן און מיט געוואַגטן טריט דרייסט ארויס פון טויער. קעגנאיבער איז געשטאנען א טייוול אין מיליטערישער אוניפאָרם מיט העלם און מאשין-געווער אין די הענט. ער האָט דערהערט מיין טראָט און זיך צו מיר ווי א מאנעקין א דריי געטאָן: קאָם הער! - האָט ער ארויסגעברומט. איך בין ענערגיש צו אים צוגעגאנגען און געקוקט אים גלייך אין גזלאָנישן געזיכט. די חיה האָט א רעווע געטאָן: וואָהין? איך האָב שנעל געענטפערט: אין בעקליידונגס-לאגער דער לופטוואַפע". - אויסווייז! - האָט ער ווידער א ברום געטאָן. איך האָב שנעל דעם אויסווייז באַוויזן. ער האָט א קוק געטון, א ריס דערלאַנגט, א טראַכט און... מיר אָפּגעלאָזט. איך האָב זיך פארנומען - ווי געוויינטלעך - דורכן יידישן בית-עלמין צום ארבייטס-פּלאַץ. אונטער די מצבות זענען ווידער טייוולאָנים מיט מאשין-געווער פארשטעקט געשטאנען; אייניקע האָבן נאָך דעם אויסווייז געפאָדערט און זיך געוואונדערט, פארוואָס דער פארפאַסט האָט מיר דורכגעלאָזן. אנדערע ווידער האָבן וואַרשיינלעך זיך איבעראַשט מיט מיין גלייכן, דרייסטן און ניט-יידישן גאנג און מיר צורו געלאָזט.

אין די פאבריקן זענען שוין בלויז די רוסישע ארבייטער געקומען. איך בין שנעל אריין צום לאגער-שעף און אים מיטגעטיילט, אז דער געטאָ איז דורך דער געסטאַפּאָ ארומגערינגלט, אז אלע ארבייטער זענען דורך זיי פארהאלטן, און מען מוז זיי באַלד ערגיץ-וווּ אַוועקפירן. ער האָט זיך שנעל געזעצט אין מאשין און אין דער ריכטונג פון געטאָ אָפּגעפאָרן. אין עטלעכע שעה ארום זענען די ארבייטער צוריקגעקומען, צעטראָקענע, צעקיילטע, אנדערע אָן היטלען, - האָבן מיר הארציק געדאנקט פארן איינפאַל פון מעלדן דעם שעף, וואָס האָט גורם געווען זייער באַפרייאונג.

איך האָב געשפירט, אז דער באָדן ווערט הייס אונטער די פיס, און אויב דאָסמאָל איז מיר געלונגען זיך אויסצודרייען, וועל איך א צווייטן מאָל זיכער אריינפאלן. מען האָט ניט געטאָרט קיין צייט פארלירן און זיך נעמען גלייך צום אויספירן דעם פּלאַן.

וואָס זאָל איך טון? - האָב איך זיך געשוויבעט-אז מיין פּלאַן זאָל געקרוינט ווערן מיט דערפאָלג? פאר מיר איז יעצט איין ציל געווען, וואָס איז געשטאנען ביי מיר העכער פון אלע פארלאנגען: צוריק אהיים צו פרוי און קינד; די בענקשאַפט נאָך זיי האָט מיר ניט געגעבן קיין רו; איך האָב כסדר געשמאַקט א פאַפּיראָס נאָך א פאַפּיראָס, געשלונגען דעם רויך און געשוועבט אויף די געטרייע פליגלען פון טרוים. - וואָס טראַכסטו? - האָט מיין חבר אלעקסאנדראָוויטש מיר א שטורכע געטון און געפרעגט. איך האָב אים מיין ביטער הארץ דערציילט און מיין בענקשאַפט צוריק אהיים צו פרוי און קינד. ער האָט גלייכגילטיק אויף מיר געקוקט און קיין עצה

פאר מיר געהאט.

אין װארשטאט זענען ארײן צװײ דײטשן אין שװארצער אוניפארם ; איך האב לכתחילה געמײנט, אז דאס זענען געשטאפאװצעס, אבער באלד האבן זײ דערצײלט, אז זײ זענען האלענדער שאפערן און פארן אויף דער ליניע מינסק-װארשע מיט קלײדונג און אנדערע לאדונג. בײ די לעצטע װערטער האב איך זיך א צאפל געטאן און נאכאמאל איבערגעפרעגט. צו מײן גרויסער פרײד איז דערזעלבער ענטפער געקומען. זײ האבן פארלאנגט, איך זאל זײ װאס מאכן, אבער מײן קאפ איז שוין געװען צעשרויפט מיט גאנץ אנדערע געדאנקען, און כאטש איך האב זיך גלײך צו זײער ארבעט גענומען, בין איך געװען אזוי צומישט, אז אנשטאט דעם האמער האב איך געכאפט די זעג און די דלאט אנשטאט די צװאנג. איך האב זײ װידער גע-פיקט בײם צונג, צי זײ זענען געפארן דורך גראדנע און װי זעט אויס די שטאט. זײ האבן גערן געענטפערט, געשילדערט דעם אויסזען פון דער שטאט, און איך האב זיך איבערצײגט, אז זײ זאגן אמת. זײ האבן דער-בײ צוגעגעבן, אז אין אײניקע טעג ארום פארן זײ װידער קײן װארשע דורך גראדנע... יעצט איז די ריכטיקע צײט צו אטאקירן, האב איך א טראכט געטון. איך האב אװעקגעלײגט דעם העבל און דערצײלט זײ א מעשה פון 1001 נאכט, אז איך בין ניט קײן מינסקער, אז איך בין דא געװען אין סאנאטאריע אויף אפרו, אז דער קריג האט מיר געכאפט אויפן װאקזאל װעלנדיק פארן צוריק אהײם ד.ה. קײן גראדנע, װו איך האב א פרוי און קינד און יעצט בין איך פון זײ אפגעריסן; איך װער משוגע פון בענקטשאפט איך האב זײ מײן קינדס בילד געצײגט און בײ דער געלעגנהײט שארף א זאג געטון : איך װײס, איר האט אין האלאנד פרויען און קינדער , װעלכע בענקען נאך אײך און װילן זיך מיט אײך זען. איך מײן, אז איר פארשטײט מיר גוט, צום מאמענט זענען מיר פרײנט פון אײן פאר-לאנג !!! דעריבער בעט איך אײך מיר טאן די לעבנס-געפעליקײט - ניט ענטזאגן און נעמען מיר אין װאגן "די שטיקל װעג" קײן גראדנע. אין די אויבן ארויסגעזאגטע עטלעכע װערטער האב איך ארײנגעלײגט די גאנצע קראפט פון מײן הײסן פארלאנג - צוריק אהײם, אקצענטירט יעדער װארט, געקוקט גלײך אין די אויגן, װי איך װאלט װעלן מיט מײן בליק זײ היפנאטיזירן און א פאזיטיװן ענטפער באקומען. גאנץ מעגלעך, אז די פשוטע האלענדער האבן ניט אויסגעהאלטן מײן טעראליסטע אטאקע און אפשר האבן זײ די פײלן פון מײן בליק דערפילט, און...האבן מיר צוגעזאגט. מײן פרײד איז געװען ניט צו באשרײבן - איך װעל װידער געפונען מײן פארלוירן גליק; כאטש איך האב קײן זיכערקײט ניט געהאט, צי מיט זײ איז פאר דער צײט װאס-ניט-איז געשען, װײל די כסדר'דיקע גרוסן, װאס איך האב געהערט פון יענע קאנטן, זענען געװען שטארק ניט קײן פרײלעכע. כאטש מען האט צו יענער צײט געקענט

אלץ גלויבן און אננעמען אלע ידיעות פאר א כשרע מטבע, אבער מיין גלויבן און האפנונג, אז זיי לעבן און ווארטן אויף מיר איז געווען אין מיר איבערנאטירלעך שטארק, און עס נאך הונדערט טעג זיין אפגעריסן פון זיי אין אזא שטורמישער צייט, בין איך געשטאנען פארן גרויסן גליק צו זיין ווידער מיט זיי און צו טייל געמיינזאם מיט זיי דעם יקזאל.

=-=-=-=-=-=-=-=-=-+

ערשטער טייל

דאס איז געווען דעם 20-טן סעפטעמבער 1941 יאר פארמיטאג. שנעל איז דער "האפעל-בליץ" געפלויגן פון מינסק אין דער ריכטונג קיין ווארשע. די מאשין האט באדארפט אדורכפארן ווילנע, גראדנע און נאך אנדערע קלענערע שטעטלעך, וועלכע זענען געווען לעבעדיקע יידישע ישובים. צווישן פעק צעלעפעדסע און פארבלוטיקטע זעלנערישע קליידער בין איך געזעסן און מיט מרה-שחורה געקוקט אויף גאס וועלט. דער גאלדענער הערבסט איז רחבות'דיק געלעגן אויסגעשפרייט איבער די ברייטע נאך שניטיקע ווייסרוסישע פעלדער, גערטנער און סעדער. די אייביק-גרינע נאדלוואלד-מאסיוון זענען געשטאנען אין זייער יארהונדערטער פארגליווערקייט, ווי זיי וואלטן אין זייער געדיכטעניש סודות באהאלטן. מילד האט די זון אראפגעקוקט פון לויטערן בלויען הימל און מיט ליבלעך-הארבסטיקע שטראלן דעם פארצערטן געזיכט געגלעט און ווסבאקאנטע האפנונגען אין צעדולדעטן מוח געוועקט. די מהיה-שמעקנדע הארבסטיגע לופט האט אינסטינקטיוו צום לעבן גערופן און טודות'פול געטרייסט, אז נאך ניט אלץ איז פארלוירן....

ביי די זייטן פון שאסיי זענען פיל צעזעצטע דייטשע טאנקן געלעגן איבערגעקערטע דייטשע מיליטעריטע לאסטוועגענער מיט ווייסע קאנטן, האבן עדות געזאגט, אז מיט א פאר מאנאטן צוריק זענען דא שווערע קאמפן פארגעקומען. גאנץ אפט זענען פארבייגעפלויגן דער מאשין נידריקע, בערעזאווע צלמים, אויף וועמענס שפיצן עס זענען פארזעטעטע קאסקעס געהאנגען און האלב-פארפוילטע האקן-קרייץ שמאטעס האבן איבער זיי געפאכטע און געלאזט דער וועלט צו וויסן טון, אז נאכטרויבער האבן דא זייער גערעכטע שטראף באקומען.

א מאדנער געפיל האט מיר דעמלט באהערשט - איך האב דווקא געוואלט וויסן גאנץ גענוי וויפיל אזוינע קברים זענען דא אויפן וועג צווישן מינסק און ווילנע. איך האב געפרוווט ציילן, אבער אלע ווילע האב איך דעם חשבון פארלוירן און געמוזט אנפאנגען פון דאסניי.... ניט אינגאנצן האט די שיינע הארבסטיגע לאנדשאפט געמאכט פארגעסן, אז איך בין א ייד; גאנץ נאנט פון יידישע שטעטלאך זענען פיל יידן מיט מגן-דוד'ס אויף די קליידער ביי דער שאסיי געארבעט, פארחושכטע, אויסגעמאגערטע, שווארץ

פון שטויב זענען זיי געזעסן, שטיינער געקלאפט, נאשילקעס זאמד געטראגן פינסטער און אויסגעלאשן איז זייער בליק געווען, מיט נייגיר האבן זיי די מאשין אבסערווירט און השד'פולע בליקן צו מיר אין וואגן געווארפן. איך האב איינציקע מאל פראבירט מיטן האנט זיך גריסן צו זיי, אבער זיי האבן מיר חסר-דעה'דיק נאכגעקוקט, צווישן זיך וואס גערעדט, מסתמא פראבירט צווישן זיך מגלה זיין דעם רעטעניש: וואס באדייטעט א באגריסונג פון א ציווילן אין א דייטשער מאשין....

שנעל האט זיך די הארבסטיגע זון צו מערב גענומען בוקן און - אט אט - זי איז פארשוונדן אונטערן פורפור-ראזן האריזאנט. עס איז גיך טונקל געווארן; פון הארבסטיגן ווינטל האט די לייב א ציטער געכאפט; כ'האב אנגעצויגן די רוסישע וואטעווקע, וואס איז מיין גאנצער פארמעגן געווען, פארוויכערט אין א שטיקל צייטונגספאפיר "קארעשקעס" און ווידער אוועקגע- שוועבט אין די וועלטן (אויף די געטרייע פליגלען פון טרוים), דאס איך פאר אין דער ריכטונג פון מיין פארלוירענעם גליק. וואס ווייטער איך בין געפארן, אלץ מער איז אין מיר געוואקסן דער נייגיר און געקוואלן די בענקשאפט וואס גיכער צו זען פרוי און קינד, כאטש עס האבן מיר געפיי- ניקט פארשידענע טונקעלעלעיונעס וועגן זייער גורל, אבער טיף אין הארצן האט געבליט א פונק פון האפנונג, אז איך וועל זיי נאך "כאפן" לעבעדיקע, אז זיי ווארטן אויף מיר, אז איך וועל זיי קושן און מחילה בעטן....

עס האבן פון דער ווייטער טונקלקייט גענומען פייערלעך ארויס- שווימען - וואס נענטער אלץ מערער און אט - מיר זענען געבליבן שטיין נאענט ביי דער שטעטל אשמענע. די שאפערן האבן דעם וואגן פארהאלטן, וואס צווישן זיך שטילערהייט געשמועסט, און מיר מיטגעטיילט, אז זיי פארפארן מיטן אויטא אויף נאכטלעגער אין א מיליטערישן פונקט, אז איך זאל ליגן גאנץ רואיק אין מאשין, זיך ניט ארומדרייען איבערן הויף און ניט ציען די אויפמערקזאמקייט צו זיך. איך האב זיי הארציק באדאנקט, טיף אריינגעקראכן צווישן די קליידער וואס זענען אין וואגן געלעגן, זיך גוט מאסקירט. ערגיץ-ווו אין דער לופטן האבן אעראפלאנען געזשומעט, ווייטע איינצעלנע שאסן האבן זיך געהערט. דער הימל איז געהאנגען א ווייטער, בלויער און קאלטער, אבער אין מיין באהעלטעניש האב איך זיך זיכער געפילט און אין דער ווארעמקייט אויך באלד אנטשלאפן געווארן. זיך אויפגעוועקט גלייך מיט טאג, זענען שוין די שאפערן ביים מאשין געשטאנען, זיך געפארעט ביים מאטאר. די נאכט איז א גאנץ קאלטע געווען און ניט לייכט איז זיי אנגעקומען ווידער דעם מאטאר אנצוצונדן. עס איז א טראקטאר צוגעשפאנט געווארן, אונז ארויסגעשלעפט אויפן שאסיי און ווידער איז די מאשין אוועק מיטן נארמאלן גאנג. נאנט ביי מאלאדעטשנע

האָבן זיך אויפן שאָסיי מאַסן מיליטער געצווומען באַוויידן, פּוסגייער אין דייטשער קליידונג. זיי האָבן זייערע וואָפן אין איינפּאַכע וועגענער גע-פירט, געשפּאַנטע אין פערד; גראָב-קאַליבערנע אַרמאַטן, לאַנג-האַלזיקע זעניט-פּאַלימיאַטן, קוילן-וואַרפער - אַלץ איז געלעגן כּאַאָטיש אָנגעוואָרפן אין די בלוי-געפאַרבטע וועגענער; אויף אַנדערע זענען געלעגן געבויגענע שטולן, בענק, שאַפעס און אַנדערע מעבל. די עליטע-אָפיצירן זענען אין גאַנץ באַזונדערע וועגענער געזעסן, געדרויכערט און געמילעך צווישן זיך געשמועסט פּונקט ווי זיי וואָלטן געפאָרן ערגיץ אויף אַ דאָרפישע חתונה, אָדער אַ אויס-פלוג... לויט זייער פיזיאָנאָמיע און האַלטונג איז באַלד געווען קענטיק, אַז זיי זענען ניט קיין דייטשן, זיי זענען גיכער געווען ענלעך צו סעמיטן - אַלע שוואַרצע, אָפּגעברענטע, געקרויזלטע האָר, סעמיטישע נעזער און זשעסטיקולירן מיט די הענט פּונקט - ווי יידן.... קיין סימן ניט פון דער עכט-גערמאַנישער ראַסע. דאָס איינציקע דייטשע איז אויף זיי געווען די מיליטערישע מונדירן און דייטשע אַרמיי-אָפּצייכנונגען.

איך בין שטאַרק נייגיריג געווען צו וויסן, ווער זענען די קעמפער, וואָס גייען אַזוי געמיטלעך צו אַזאַ גרויזאַמער שחיטה, אָבער באַלד איז מיין נייגיר געשטילט געוואָרן; אונדזער וואָגן האָט זיך אָפּגעהאַלטן, איך האָב פאַרזיכטיק מיינע שאָפערן אַ פרעג געטון, צי דאָס זענען ניט קיין איטאַ-ליענער. ווי קומט ? - האָט איינער מיט הוזק מיר געענטפערט, אָנווייזנדיק אויף די מאַרשירנדע סאָלדאַטן : דאָס זענען היספּאַניער. ער האָט נאָך מיט ביטול צוגעגעבן : "זיי זענען קיינע קעמפער - בלויז פרעסער !"....

כ'האָב ניט-ווילנדיק אַ שמייכל געטאָן, און זיך פאַרטראַכט : סערוואַנטעס ! סערוואַנטיס ! ווו ביסטו ? וואָלסט יעצט נחת געקליבן פון נייעם דאָן-קישאָט אין דער צווייטער וועלט-קריג.... דאָס איז געווען פראַנקאָ'ס בלויער באַטאַליאָן, וואָס איז גאַנץ גיך אומגעקומען אין די קאַמפן ביי לענינגראַד.

מיר האָבן זיך דערנענטערט צו ווילנע. קלויסטער-צלמים, פאַבריק-קוימענעס, טורעם-שפּיצן זענען לאַנגזאַם אַרויסגעקראָכן אויפן האָריזאָנט און צווייסן געגעבן, אַז מיר געפינען זיך נאָענט פון אַ גרויסער שטאָט. עס זענען אונדז אַנטקעגנגעקומען לייטישע הייזקעס געטובל'ט אין געלבליכן האַרבסטיקן גרין. לאַנגע קאָלאָנעס קאַשטאַנעס און קלאָנעס מיט האַלב-אויס-געשאָטענע געלבליכע קעפּ ביי די זייטן פון שאָסיי, פאַרשמייעטע מענטשן, וואָס האָבן ערגיץ מיט אַ שנעלן טריט געשפּאַנט. כ'האָב שטרענג נאָכגעקוקט די מענטשן, די קליידער, פּנימער - אפשר אַ ייד ? וואָס וועלן זיי דער-ציילן, צי זענען זיי אויך אויסגעשטעלט אויף דיזעלבע עינויים ווי די מינסקער יידן ? דאָס האַרץ וויל רעדן, דערציילן די ווילנער ברודער, ווי עס לעבן מינסקער.

איך בין אין ווילנע איינמאָל געווען, אָבער די ווילנער יידן האָבן

געשם'ט פאר הארציקע-גוטע ברודער, איידלע נשמות און פשוטע עמך'ניקעס. 74

די חיים'קעס, שמערקעס און ראכקעס זענען אין אונזער יידישער משפחה גאנץ פאפולער געווען. די שטאט פון טיפן, קלארן, רעליגיעזן גלויבן פון גאון און גר-צדק, די שטאט פון מאדערנעם פרייען גייסט, פון "ייווא", פון מאדערנעם שולען, די "קוזניע" פון דער יידישער שפראך, און דער בעסטונג פון מאדערנעם יידישן טעאטער מיט אירע טאלענטן ווי - מארעווסקי, ווייסליץ, סאמבערג, קאמען, שריפטזעצער - זענען לעבעדיקע קוואלן אין אונזער געזעלשאפטלעכן לעבן געווען די גרויסע יידישע געזעלשאפטלעכע עסקנים, ווי ד"ר צמח שאבאד, ד"ר וויגאדסקי. די "גרינענקע בוימעלאך", וועלכע איז טיף אין מיין נשמה געווען איינגעווארצלט, האט דאך "געוואקסן" אין ווילנע. ווילנע די "קולטור-קוזניע" פון ליטווישן יידנטום איז געלעגן יעצט איינגעפאנצערט אין נאציקן פויסט.

און אט-אט - די מאשין האט זיך ארויפגעגליטשט אויפן גלאטן ווארצן שטאטישן אספאלט און מיט א לאנגזאמען טעמפ זיך גענומען שניידן דורך די שטאטישע גאסן. אט זענען מיר אויפן גרינעם בריק, אונטער וועלכן עס צאפלען זיך די מוטנע כוואליעס פון דער אומרואיקער וויליע, וועלכע פארשווינדט ערגיץ אין א קרומען בויגן אונטער א גרינעם בארג. טונקעלע מויערן געבויט אין פארצייטיקן סטיל שטייען ווי גרויסע מיוחסים ט"קיין האר פון קאפ" געשאדט; קוקנדיק אויף זיי האט זיך געדאכט, אז עס איז גאר קיין מלחמה אויף דער וועלט ניטא.

עס איז געווען נאכמיטאג, די באוועגונג אין גאס איז געווען א לעבעדיקע; פארשידענע עלטער און געשלעכט האבן געטומלען געשפאצירט, געשמועסט צווישן זיך אויפן קול, געלאכט, געקוקט מיט נייגיר אין די שויפענסטער; ערגיץ-ווו אויף א ראג האט א ראדיא-רופער געגראגערט און געלאזט צווישן געבן דער וועלט די נצחונות פון היטלערס חילות. דער עולם האט אבער קנאפ-וואס רעאגירט אויף די בשורות און זיך געגאנגען זיין וועג.

אויף א קרייץ-וועג איז ווי א מאנעקין מיט א הילצערנעם פנים א ליטווישער פאליציאנט געשטאנען, עלעגאנט געקליידעט, אין ווייסע הענטשקעס און מאנקעטן און רעגולירט די גאסן-באוועגונג. דער שאפער האט די מאשין פארהאלטן, געפרעגט ביים פאליציאנט די וועג צו א אויטא-רעמאנס-ווארשטאט, כדי די מאשין צו פאריכטן. דער פאליציאנט האט אין א געבראכענעם דייטש אים די ריכטונג ערקלערט און איך האב דערווייל מיט די אויגן געזוכט צווישן די פארבייגייענדע, אפשר וועל איך א יידן זען. ווו זענען אלע יידן הינגעקומען ? - האב איך אומרואיק ביי זיך אליין געפרעגט - ווילנע איז דאך געווען א יידישע שטאט, סא ווו זענען זיי ??? עס האט מיר א שווינדל געטון פאר די אויגן, די הארץ האט גענומען האסטיג קלאפן:... אט זענען זיי, אט גייען זיי מיטן ברוק - מיינע ברודער....

א קאָלאָנע פון א צען מאן, באגלייט פון א ליטווישן פאָליציאנט, זענען מיטן ברוק געגאנגען נאָענט פאַרביי אונדזער מאשין; די קעפ צו דער ערד געבויגן ווי גנבים און פאַרברעכער, אָדער ווי זיי וואָלטן נעכטיקע טעג און די פאַרלוירענע פרייהייט געזוכט. מיט שאנד-שטערנס אויף די קליידער זענען געגאנגען צען לעבעדיקע מתים. ווען ניט ווען האָט זיך א קאָפ אויפ-געהויבן, א גיפטיק-גאליקער בליק ווי א פייל איז צום עולם געפלויגן, א בליק פון א פאַרוווּנדעטן אָדלער, וועמענס פליגלען א פאַרברעכער האָט אָפ-געשניטן און צוגעריבט ביי אים די הימלישע הויכן, א בליק וואָס האָט גע-שריגן: זע וועלט, ווי די אומשולד טראָגט אויף זיך דיין זינד! א בליק וואָס האָט געוואָרנט: וועלט, יעטט פאַר מיין פיין א באצאָלונג האָבן...
ברוטאל האָט דער פאָליציאנט זיי צוגעטריבן, וואָס צו זיי א בורטשע געטון און זיי האָבן פאַרשנעלערט דעם גאנג.

און דער עולם אויף די בריקלעך האָט ווידער רואיק שפאצירט, געשמועסט געלאכט און געגאנגען זיין וועג. עס האָט מיר געבריט די מענטשלעכע גלייכ-גילטיקייט צו אונדזער גרויסן אומגליק און טיף אין הארצן האָב איך זיי געוווּנטשן דאָס זיי זאָלן איינגיכן אונדזער פיין דערפילן.

די מאשין האָט א כריפע געטון און געדירט פון אָרט, און אוועקגעפאָרן אין דער אָנגעוויזענער ריכטונג. מיר זענען אריינגעפאָרן אין א הויף פון א גרויסער שלאָסער-פאבריק. די מאשין איז ביים פאבריק שטיין געבליבן. איך בין ארויס פון וואָגן, געבליקט אין אלע זייטן, באטראכט די ארבייטער און געזוכט יידן. קעגנאיבער דער פאבריקס-געביידע איז א נידריקע קוזניע געשטאנען; איך בין צו צום פייער, כלומרשט א סיגארעט צורויכן. א שמיד אין מיטלען וווּקס, פעסט געבויט פון א יאָר 40 איז ביים קאוואדלע געשטאנען און וואָס געהאמערט. א צווייטער איז ביים הורנע געזעסן און געדרייט די ראָד פון ווענטילאטאָר. קיין שאנד-צייכנס האָבן זיי אויף די ארבעטס-בגדים ניט געטראָגן, אָבער לויט אונדזער איבערקוקן זיך האָב איך פאַרשטאנען, אז דאָס זענען יידן. איך האָב דרייסט א פרעג געטון אין יידיש: איר זייט ווילנער? – יאָ! האָבן מיר ביידע מיט איינמאָל געענפערט, האָבן מיר אָנ-געקוקט און די ארבעט אָפגעשטעלט. – און איר זייט ווער? – האָט מיר דער וואָס ביים רעדל א פרעג געטון. – איך בין א גראָדנער און פאָר יעצט מיט דער מאשין פון מינסק אהיים – האָב איך געענפערט. צוויי פאָר אויגן האָבן געבליקט אויף מיר מיט חשד, מיר שנעל אָפגעטאָסטן פון אויבן אראָפ, האָבן זיך ביידע פילדייטיק איבערגעקוקט און זיך ווידער גענומען צו דער ארבעט. איך האָב זייער בליק גאנץ גוט דערפילט... דער שמיד האָט געדרייט דאָס אייזן, געקלאָפט מיטן האמער, ווידער דאָס אייזן אין פייער געלייגט און צו מיר סתם אזוי א זאָג געטון: ווי קומט איר עפעס צו זיי, צו די שווארצע אנציגער? (די האָלענדער זענען אין שווארצן געווען געקליידעט). איך האָב

מיין גאנצן טרויריקן אמת זיי דערציילט, װי אויך די לאגע אין מינסק. ערשט דעמלט האָבן זיי צו מיר צוטרוי באקומען און האָבן גענומען ריידן.

עס זענען זיי שװארצע קרעקן פון די מוילער געפלויגן, פורעניות פון טויזנט-און-איין-נאכט, פרימאָרגנס און טעג געבאָדענע אין יידיש בלוט, בארטלאָמיי-נעכט, דאנטעס גהינום איז א גן-עדן קעגן דעם פיין פון די װילנער יידן - בלויז אין די ערשטע מאנאטן פון דעם ברוינעם און ליטװישן טעראָר; צאָלן פון טויזנטער, צען-טויזנט און צאָלן ניט קיין גערעכנטע "דורכשניטלעכע" זענען װי טראָפנס בלוט פון זייערע ליפן גערונען.

"אקציעס" גרויסע און "קליינע", אָפיציעלע און ניט-אָפיציעלע האָבן גע-פליקט און געפערטלט די װילנער יידן. ליטװישע נאציאָנאליסטן און באנדיטן האָבן א פעטמן באָדן אונטער זייערע ביט דערשפירט, עס האָט פאר זיי גע-שלאָגן די גליקלעכע שעה פון מאָרדן און רויבן יידן ביז צו דער זאט. די האלב-װילדע און טעמפ-פארביסענע ליטװישע האָרדעס האָבן א ברוינע "פארטיזאנקע" געשאפן, זענען איבערן שטאָט געגאנגען, יידן געכאפט און אויפן פאנאר געשאָכטן. זיי זענען טרויריק פאפולער געװען, אָט די כאפו-נעס האָבן מיט זייער סאדיזם איבערגעשטיגן די ס"ס. און "העלדיש" געשװומען אין טייכן יידיש בלוט.

דער שמיד האָט די שטיק אייזן פון פייער ארויסגעכאפט, שפיי געטון אין האנט און מיט רציחה גענומען בראזגען מיטן האמער, װי ער װאָלט געװאָלט די געדאנקען פארשלאָגן, אָדער זיין ביטער הארץ אויסלאָזן אויפן גליענדן אייזן. לסוף האָט ער די אייזן א שמיץ געטון פון זיך און א רגע געשװיגן.

מיר האָט זיך דער קאָפּ גענומען דרייען פון די נייעס. איך האָב זיך אװעקגעזעצט, די אויגן צו דעם שװארץ-ערדיקן באָדן אראָפגעלאָזט, געשטומט און קיין װערטער געהאָט צו טרייסטן מיינע אומגליקלעכע, טוצ-לאָזע ברודער.

ער האָט װייטער גערעדט ; קורצע פראזן װי האמער-קלעפ זענען פון זיין מויל געפאלן : מען האָט אונז אין געטא געיאָגט, 15 מינוט צייט געגעבן צום פאקן זיך, לסוף גארניט געלאָזט נעמען, יאָרן פון פראצע אװעק מיטן װינט, צונויפגעיאָגט א שטאָט יידן אין שמאָלע ענגע געס-לאך, מען ליגט איינע אויף די צװייטע אין לייז, עפּידעמיעס, טיפוס, מיט די רעשט יידן אנגעפאקט די טורמעס, געפייניקט אָן װאסער, ברויט - יונגע, זקנים, װייבער, עופה'לעך און לסוף אװעקגעפירט קיין פאנאר. און איך - געבליבן אליין, איינער אליין ! נאקעט, הויל װי די הענטל פון דעם האמער .... ער האָט די קאָפּ אָפּגעדרייט, מיט דער שװארצער האנט א פייכטע אויג אויסגעװישט און איז שטיל געװאָרן. (איך האָב קיין טרייסט-װאָרט געפונען פאר מיינע אומגליקלעכע ברודער).

דער שמיד האָט מיר אין פאבריק אריינגעפירט, צוגעפירט צו א פוילישן ארבייטער, װעלכער איז ביי א טאָקארניע געשטאַנען, א מענטש פון מיטעלן עלטער, מיט א אנגענעמען געזיכט און גוטע אויגן. – רעדט מיט אים ! האָט ער מיר א זאָג געטון – ער איז א גוטער מענטש און איר קענט װעגן אלץ מיט אים רעדן. זיי העלפן אונז זייער פיל, אָן זיי װאלטן מיר געשטאָרבן פון הונגער.

דער פאָלאַק האָט מיר א מאָזאָליעטע האַנט דערלאַנגט, געפרעגט מיר נייעס פון מינסק, פון פראָנט, – האָט הארציק באדויערט די לאגע פון די װילנער יידן און דיזעלבע געשיכטע מיר איבערדערציילט. צום סוף – װי א פאַרענטפערונג נאָך צוגעגעבן דאָס – מיר פאָלאַקן פון װילנע האָבן צו דעם אלעם קיין שייכות ניט, דאָס מאַכן אלץ די ליטװישע נאַציאָנאַליסטן און האַמעס און מיר זענען אויך אויסגעשטעלט אויף זייערע סיקאַנעס: עס איז װאָרשיינלעך געװען א לינק-געשטימטער ארבייטער, װייל ער האָט צום סוף צוגעגעבן, דאָס דער אמת װעט זיגן, און זיי װעלן נאָך אָפּגעבן א דין-וחשבון פאַר זייערע בלוטיקע מעשים. די פשוטע רייד פון א אומבאַקאַנטן פריינט האָט טיף גערירט און איז געװען װי באַלזאַם אויף די װונדן, "און מיר װעלן קיינמאָל פארגעסן אייער פריינטשאַפט, װעלכע איר װייזט ארויס צו אונז אין אזא גרויסע צרה" – האָב איך אים געענטפערט, זיך געזעגנט מיט אים און ארויסגעגאַנגען.

דער ארבעטס-טאָג איז צום ענדע געװען. דער שמיד האָט מיר פארגעלייגט גיין מיט אים אין געטאָ צום איבערשלאָפן. דער צװייטער, װאָס ביים רעדל, האָט מיט מיר א טראַנזאַקציע געהאַנדלט מאַכן : בייטן סוכאַרעס אויף מיינע מאַכאָרקע. איך האָב אים מאַכאָרקע געגעבן און געהייסן די סוכאַרעס אויך נעמען.

אונזער מאַשין איז שוין געװען גרייט װייטער צו פאָרן, די שפּרינגפעדער איז שוין פאַרטיק געװען. – זייט געזונט, ברודער ! – האָבן מיר זיך די הענט געדריקט און זיך געװונטשן לעבעדיקע צו זען אין בעסערע צייטן.

לאַנגזאַם זענען אונטער מיר פאַרשװונדן די װילנער הייזער און גאַסן און דער האָריזאָנט האָט פאַרדעקט די לעצטע קלויסטערשפּיצן פון מיין אויג. פארגליװערט מיט א שװערן בלייערנעם קאָפּ בין איך אין װאָגן געזעסן און אין די אויערן האָבן אָפּגעקלונגען דעם שמיד'ס לעצטע װערטער : טויזענטער, צען-טויזנט, טורמעס, געשאָסן, פּאָנאַר, געבליבן אליין װי די הענטל פון האַמער. נו, און איך ? צו װאָס פאַר איך ? – האָב איך זיך א טרייסל געטון װי פון א שװערן חלום און צו זיך אליין געמורמלט : אפשר, אפשר בין איך שוין אויך װי די הענטל פון דעם שמיד'ס האַמער ???

דער דאַמב הויבט אָן צו גרינען שפּעטער פון אלע בלעטער-ביימער

און אין טיפֿן האַרבסט שטייט ער נאָך אַ גרינער, װי ער װאָלט גרייט געװען מיט זיין דעמבענעם כוח פֿאַרטזעצן דעם אומברהמנות'דיקן קאַמף פֿאַר זיין לעבן; שטיין דעמבעס-זקנים װי גװאַרן אויסגעזעצט ביי די זייטן פֿון שאָסיי רייצן זיך מיטן האַרבסטיקן װינט און לאָזן קיין בלאַט פֿאַלן פֿון גרינעם קאָפּ. שטיין בעריאָזעס, אָלכעס, אָסיניקעס, האַלב-אויסגעטאָנענע, שאָקלען זיך איינער צום צװייטן מיט האַלב-נאַקעטע צװייגן, װי זיי װאָלטן זיך גע-סוד'עט "אונזער סוף איז נאָענט". דער װינט לאָזט ניט רוען די בלעטער-מתים, כאַפּט זיי אונטער, גייט מיט זיי אַ טאַנץ און פֿאַרטראָגט זיי װייט פֿון שטאָם.

דער שאָסיי פֿון װילנע קיין גראָדנע שלענגלט זיך דורך ברייט-רחבות-דיקע פֿעלדער, שיטערע קוסטאַרניקעס, נאַסע לאָנקעס, בלעטער-װעלדלאַך, דורך לאַנגע געדיכטע װאַלד-װעגן, װאָס װערן יעדע 20-30 קילאָמעטער איבער-געהאַקט מיט גרויסע דערפֿער און שטעטלאַך. אויף קלענערע שטחים אין פֿעלד ליגן פּרימיטיװע דערפֿלאַך, און אין װאַלד פֿאַרשטעקט כוטאָרעס. קאַלט, העל און טרוקן זענען די האַרבסטיקע טעג, דער הימל אַ קלאָרער און אָפּגעװיש-טער אָן אַ ברעקל װאָלקן, כאָטש צייל די שטערן אין אים.

דורך װאַלדיקע שטחים לויפֿט די מאַשין מיטן גאַנצן כוח, װי עס װאָלט איר געטראָקן די סודות'פֿולע געהיימניס פֿון די מעכטיקע װאַלד-מאַסיװן. שיינען פֿון דער נאַכט װו אַרויס פֿייערלאַך פֿאַרקלענערט זי איר שנעלקייט און פֿילט זיך היימלעכער אין אָנבליק פֿון מענטשלעכע ישובים.

עס איז שוין געװען שפּעט אין אָװנט װען אונזער מאַשין איז מיט רעש אַריינגעפֿאָרן אין דער שטעטעלע אייששיאַק, װאָס ליגט אינמיטן װעג צװישן װילנע און גראָדנע. אַ שטעטל װי פֿיל אַנדערע ייִדישע שטעטלאַך ביי די גרעניצן פֿון ליטע און װייסרוסלאַנד, װו עס האָבן געלעבט אַ פּאָר טויזנט ייִדן און האָבן זייער ביסן ברויט געגעסן פֿון האַנדל, מלאכה, גערטנערייַ א.ד.ג. די קרעמער האָבן כל ימיו געהאַנדלט מיט די אַרומיקע ליטװישע, װייסרוסישע און פּױלישע פּויערן. די ייִדישע בעלי-מלאכות האָבן זומער-צייט זיך אין די דערפֿער הייזער געבויט, סערטיגעס און שטיװל געניייט פֿאַר עטלעכע מעסטלאַך קאָרן, קאַרטאָפֿל און אַ פּאָר גולדן מזומן. די ייִדישע קאָראַבעלניקעס אין דאָרפֿס-הענדלער האָבן ביי די פּויערן אויפֿגעקויפֿט דעם איבעריקן פֿלאַקס, װאָל, הזיר-האָר, אָדער געטוישט אויף באַיאַנס, זייף און גאַלאַנטעריע. די שטעטל איז געלעגן אין איר הונדערט-יאָריקן "דרימעל" טיענדיק לאַנגזאַם איר גייסטיקע יניקה פֿון װילנע, זיך גרויסנדיק דערביי מיטן יחוס, װאָס 14 קילאָמעטער פֿון איר אין שטעטל ראַדון, האָט געלעבט און געשאַפֿן אַזאַ גרויסע רעליגיעזע פּערזענלעכקייט װי דער חפֿץ-חיים.

מרה-שחורה'דיק האָבן אויסגעקוקט די ייִדישע הייזער מיט די פֿינסטערע פֿענסטער - אָן אַ סימן פֿון לעבן. װו-ניט-װו האָבן פֿון קריסט-לעכע פֿענסטער העלער עלעקטרישער שיין אַרויסגעשניטן אין דער נאַכט-

טונקלקייט און שפּיזן-סטראַלן צו די פֿינסטערע ייִדישע הייזער געשיקט. ערגיץ-װו האט א פאטעפאן מיט אלע כוחות געריטסעט, און האלב-שיכורע "באפרייטע" ליטװינער זענען א ארגיע-טאנץ געגאנגען, בראזגנדיק און פליעסקנדיק מיט די פיס און הענט, דורכשניידנדיק די נאכטיקע טונקלקייט מיט אויסגעלאסענע געשרייען און גראב-גורגלדיקן כאכאטשען.

די מאשין איז צוגעפארן צו דער פאליציי-געביידע און איז שטיין געבליבן אויף נאכטלעגער. איך האב באשלאסן גיין אויפזוכן מיין פרויס שװעסטער מיט איר מאן און קינדער, װעלכע זענען איינװוינער פון דעם שטעטל געװען, און ביי זיי כאקע -אויב מעגלעך- א גרוס פון מיין פא-מיליע אפגעבן.

ביי דער האלב-אפענער טיר פון דער פאליציי איז א ליטװינער מיט א שיקסל געשטאנען. ער האט באמערקט װי איך בין פון מאשין ארויסגעקראכן אנגעקוקט מיר אין געזיכט, רוצח'דיק פארביסן א ליפ, און מיט גאל א פרעג געטון, װער בין איך און װאס טו איך דא. איך האב אים צו להכעיס'דיק אויף רוסיש א אויסמיידנדיקן ענטפער געגעבן. די שיקסל האט א צע-קאכטע זיך א כאפ געטון: "רעדסטו נאך אויף דער פארשאלטענער שפראך ?" - יא - האב איך געענטפערט מיט א שמאך - עס איז מיר גרינגער אין רוסיש צו זאגן דאס װאס איך װיל". זי האבן פארצארנטע אויף מיר געקוקט, און מיר האט הנאה געטון, װאס זיי װילן מיר בייסן און קענען ניט.

דורך דער האלב-געעפנטער טיר האב איך די פאליציי-ביורא באטראכט; אינעװייניק אין צימער איז די פראנט-װאנט געװען באמאלן מיט א גרויסן היטלעריסטישן אדלער, װעמענס פליגלען די געטרייע ליטװינער האבן אויס-געצויגן פון איין װינקל ביזן צװייטן, און מיט שארפע פארדרייטע נעגל זיינע פיס אריינגעשטאכן אין ערד-קיילעך, אויף װעלכן עס איז געװען אויפגעמאלן א שװארצער האקן-קרייץ ; אונטער דעם מי.. א פעטן אויפשריפט "זאל לעבן אדאלף היטלער". קוקנדיק אויף דעם טומאה-בילד פון רויבעריכן עמבלעם, איז שוין אװדאי איבעריק געװען צו גיין זוכן פריילעכערע נייעס ביי די אייטישקער יידן. דאך האב איך זיך נאך געפונען אונטערן איינדרוק פון די װילנער "נייעס", האב איך דאך זיך געטרייסט - אפשר, אפשר איז דא אביסעלע אנדערש און װעל זוכן מיינע קרובים.

שטיל, טונקל, מרה-שחורה'דיק װי אויף א בית-עולמין איז געלעגן ארויסגעשפרייט די נאכט; װי אבלים פארזונקען אין טיפן טרויער זענען די יידישע הייזקעס געשטאנען, איינגעהילטע אין נאכט-טונקלקייט. די געסלאך זענען װי אויסגעטריקנטע געלעגן פון מענטשלעכן טראט. גאנץ נאענט ביי די הייזלעך האבן סילועטן פון מענטשן זיך באװעגט, װאס בע-סוד'עט זיך און שטילערהייט איינער צום צװייטן גערעדט. קיין העכערע שטים האט מען ניט געהערט, װאס איז א גרויסע זעלטנהייט אין א יידישן געשפרעך.

- גוטן אָװנט, ייִדן ! - האָב איך אויסגערופן אויפן קול. פינסטערע פנימער האָבן זיך געװענדעט מיט איבערראשונג, אנגעקוקט מיין פרעמד געזיכט אפגעקרעכצט "א גוטן אָװנט", ארומגערינגלט מיר פון אלע זייטן, מיט די אויגן באטאפט מיר ארום און ארום, לסוף זיך ארויפגעװארפן אויף מיר מיט פראגעס - דער עיקר פון װאנען איך קום, און-װאס הערט זיך דארטן נייעס. איך בין ניט מיד געװארן אלעמען באזונדער צו ענטפערן, און האָב משמעות אין יענע טרויעריקע טעג קיין גוטער מלאך פאר די אײשישאקער ייִדן ניט געקענט זיין, װייל איך האָב געהאלטן פאר מיין פליכט צו דערציילן זיי דעם אמת פון מינסק און װילנע. די אונטערגעשניטענע פון מיינע נייעס האָבן זיך קעפ צו דער ערד געבויגן, און איינער נאָכן צװייטן זענען לאנגזאם די טילװעטן נעלם געװארן אין דער טונקלקייט. איך האָב דעם לעצטן א באפ געפון : זאגט מיר װאס הערט זיך ביי אייך ? ער האט ז'יך װי פון א דרעמל אויפגעכאפט, אויפגעהויבן צו מיר א פארטראגענעם בליק, א רגע געשװיגן און ארויסגעמורמלט : זייער ביטער.± -אבער פארט - װאס ? - האָב איך צוגעשטאנען צו אים. ער האט די קאפ אין א זייט אויסגעדרייט און ארויסגעמורמלט : "אל תפתח פה לשטן", און איידער איך האָב באװיזן אים אפצוענטפערן, איז ער פארשװונדן.

ביי א צװייטער הייזל האָבן מיר װידער ארומגערינגלט כאטנס, ארויפ-געפאלן אויף מיר מיט פראגן, װידער אלעמען געענטפערט, און קיין בענויע װערטער פון דאס איינענע בייז ניט געקענט ארויסקריגן. אבער פון אופן פון רעדן, פון די געציילטע װערטער איז גענוג געװען צו דערפילן, אז די לופט איז עלעקטריזירט, אז די ייִדן פילן מיטן הויט א גרויסן אומגליק װאס הענגט זיי איבער די קעפ, װאס א ליאדע מאמענט קען ער זיך אויף זיי אראפלאזן, אז זיי ראנגלען זיך און קענען פון אומגליק ניט אנטלויפן.

קיינער האט מיר ניט געװאלט צופירן צום אנגעװיזענעם אדרעס, װו איך האָב געדארפט, װעלכער האט זיך געפונען א ביסל װייטער פון די ייִדישע הייזלעך, ניט מחמת שלעכטסקייט, נאר די מורא פאר דעם אייגענעם טאטן, פאר די ד' אמות, פאר דער סכנה װאס הענגט איבערן קאפ. ייִדן האָבן מיר די ריכטונג שנעל אויסגעמאלן : גיין רעכטס פארביי א באריאזענעם פארקאן, פארביי א ברונעם, מיידן צװיי הייזער א.א.װ.....

מאדנע אומהיימלעך האָבן מיינע באטשעקלעך זיך געקלאפט איבער די שטעטלשע ביה-עלמין-געסלאך; קיינמאל האָב איך אזוי ניט געשפירט דעם קלאפ פון מיינע אייגענע טריט װי יענעם אװנט אין די ייִדישע געסלאך פון אײשישאק. איך האָב זיך אליין דערשראקן פאר מיין "הוצפה'דיקן" טראט אין דעם טויט-שטילן אװנט, אבער בין גלייך צו זיך געקומען און זיכער געשפאנט צום אנגעװיזענעם ארט. ביי א נידריקער הייזל, װעמענס סטרויאך איז ביי מיין קאפ געלעגן, בין איך שטיין געבליבן, זיך אנגעבויגן און אנגעקלאפט אין א פינסטערן פענסטערל - איינמאל, א צװייטנמאל. עס האט

ארויסגעשוומען פון דער פינסטערניש א מאנסבילשע גרויסע קאפ, האט פאר-
זיכטיק ביים פארמאכטן פענסטער שטיין געבליבן. - מאכט אויף, ר' ייד,
האב איך געבעטן. ער האט אויפגעמאכט, מיר דערשראקן אין געזיכט אריינ-
געקוקט. איך האב אנגערופן דעם נאמען פון מיין פריינט יעקב מיכאלאוו-
סקי. א קללה איז מיר אין געזיכט געפאלן : "אנ'אומגליק אויף אים, א
העזה - אין פענסטער צו קלאפן ! גייט מיט אלדע קלאגן צוויי הייזער
ווייטער" - האט דער ייד געענפערט און די פענסטער אונטערן נאז פאר-
קלאפט. איך בין דעם ייד מוחל געווען די קללות און ביי זיך שוייפער
געצייכנט די טויט-שרעק פון די אייראפעישקער יידן.

שוין פארזיכטיקער אין אנגעוויזענעם פענסטערל א קלאפ געטון -
איין מאל, א צווייטן, א דריטן, אבער פון אינעווייניק האט אלץ געשוויגן.
כ'האב ווידער געקלאפט, אביסל שטארקער, און לסוף א רוף געטון אין יידיש
"יענקל, עפנט אויף, דאס בין איך, אייער שוואגער לייבל !" א סעקונדע
איז רואיק געווען, נאכדעם א גערודער פון יידן און בענקלאך, קולות
פיילעכע און וויינענדיקע : אוי, דער פעטער לייבל ! דער פעטער לייבל !
א שוואכער ליכטל-פלעמל האט אויפגעריסן די טונקלקייט פון צימער, אויף
די ווענט האבן זיך מענטשלעכע שאטנס פארנאנדערגעטאנצט, אריינגעקראכן
דורכן פענסטער און אין מאמענט פון פרייד איז אויף עטלעכע רגע'ס נעלם
געווארן די מרה-שחורה. קיין גענויע ידיעות וועגן גורל פון מיין פרוי
און קינד האבן זיי פאר מיר ניט געהאט, צוליב דער שטרענגער איזאלאציע
פון די גאנצע יידישע ישובים. מען האט דעם ניט געגרייט און עסנדיק איבערגע-
גאנגען אויף היימישע נייעס. די לאגע איז מיר באלד קלאר געווארן :
די ליטווינער גרייסן צו אן אלגעמיינעם פאגראם; דאס איז ניט קיין סוד,
אלע ווייסן דערפון, און א ליאדן טאג קען דאס פארקומען. ער האט שטיל
ארויסגערעדט די עטלעכע ווערטער, זיך אויסגעצויגן אין די קליידער
אויפן בעטל, געשמאקט א מאכארקע-ציגאר, געשפארט הויפנס רויך פון
מויל, וועלכע האבן אין בלויע וואלקנדלאך געשוועבט איבערן שוואכן ליכטל-
פלעמל. איך האב געוואלט איבעררייסן דעם אומעט און א פרעג געטון : פאר-
וואס טוען זיך ניט אויס די קינדער און לייגן זיך ניט אין בעט ?
"שוין 4 נעכט אזוי ווי מיר שלאפן אין די זאכן" - האט די עלטערע, א
מיידל פון 12 יאר, גלייכגילטיק געענטפערט. "מיר האבן בורא זיך אויס-
צוטון" - האט די יונגערע שוועסטער פון אייאר 10 - דער עלטערערס זאך
פארענדיקט.. בלייבנדיק די קינדערלאך ביים טיש געזעסן, אונטער
די אויגן שווארצע פלעקן פון שלאפלאזע נעכט, האבן מיר גלייך אין גע-
זיכט געקוקט און אויפמערקזאם, ווי גרויסע מענטשן, מיט זארג אויסגעהערט
מיין יעדן ווארט. א ברוסט-קינד האט זיך ביי דער מאמען אויף די הענט
פארנאנדערגעוויינט. די מאמע האט דאס קינד די ברוסט אין מוילעכל
אריינגעשפארט, שטילערהייט געוויינט, און ווען ניט ווען איז א טרער פון

דער מוטערס בלוטלאזע באקן אויף די פוך-האר פון קינדס קעפל געפאלן.

דער עסן איז מיר ניט איינגעגאנגען; ס'איז געווען קלאר, אז זייער שרעק איז ניט איבערטריבן, אז זיי האבן א גרונט צו זיין אומרואיק פאר די ווייטערדיקע טעג פון זייער לעבן. פון די פנימער איז לייכט געווען ארויסצולייענען, אז די מענטשן פילן זייערע געציילטע לעצטע טעג, אבער האלטן זיך נאך ביים לעבן אדאנק דער גרויסער קראפט פון דער האפנונג. אויף ליטווישע באנדיטן קען מען אלץ גלויבן - האב איך אין הארצן זיי רעכט געגעבן, און פרובירט טרייסטן און שטארקן זייערע האפנונגען.

- מיר טראכטן די קינדער אוועקשיקן קיין ראדן, פארט א שטאט, - דארט וועט דאס מסתמא ניט אזוי זיין - האבן זיך מאן און ווייב געטרייסט מיטן פלאן. - אומבאדינגט - האב איך זיי אונטערגעהאלטן, - און נאך בעסער וואלט געווען ביי באקאנטע גויים אין דארף. די ליכטל האט אויסגעצאנקט. ערגיץ-וווּ פארטשעקט אונטערן אויוון האט א גריל זיין מאנאטאנע ליד געגרילט. א מידער פון וועג און א דערשלאגענער פון די "נייעס", בין איך אנידערגעפאלן אויף דער קאנאפע און דער גוטער שלאף האט אויף עטלעכע שעה באפרייט מיר פון די טרויעריקע רעיונות.

איך האב זיך מיט זיי אויפן פארטאג געזעגנט, זיך געקושט, גע-האלזט, די הענט געדריקט און זיך געווונטשן דאס טייערסטע, וואס האט צו יענער צייט געקענט זיין נאר א טרוים - "זיך ווידער צו זען לעבעדיקע" - און אוועק צו דער מאשין.

די מאשין איז נאנט צום מארק-פלאץ געשטאנען און ליטווישע פאליציאנטן, דארפישע יונגען אין הויכע געלע שטיוול, זענען ווילד צווישן די יידישע הייזלעך געלאפן און געטריבן די יידן אויפן מארק-פלאץ צו א ציילונג. ציילן יידן איז געווען אין אלע געטאס א אפטע דערשיינונג. אין די גרויסע געטאס דורך די סטאטיסטישע אמטן ביי די יודנראטן, - אין די קליינע שטעטלאך - פשוט אויפן מארק, ווי בהמות. די געשטאפא האט "א אויג געהאלטן", צי די יידן ווערן ניט עריגיץ נעלם.

דער טאג האט געהאט נאר ערשט אויפגעוואכט, און דער פרימארגן א כמורנער און גרויער, איז מיט הארבסטיקער ווייסער ראסע אויף די בלעך-דעכער פון מארק געלעגן וווּ ניט ווו האבן פאליציאנטן מיט די ביקסן-קאלבעס גזלניש א קרבן געממית'ט. דער האט זיך געקייקלט אין דער מארק-בלאטע און אפילו ניט געשריגן. יידישע קינדערלאך 12-13-יאריקע מיט פייגן-פנימלעך, און מיט מגן-דוד'ס אויף די אפגעריסענע בגדימלאך, וועלכע האבן אויסגעזען ווי הארבסטיקע קלאן-בלעטלאך, האבן מיט בעזעמער, ניט קיין קלענערע פון זיי, דעם גרויסן מארקפלאץ און די רינשטאקעס געקערט.

מיט טיף אינגערלעכן װייטאג האב איך פארנדיק זיך כלומערשט ביים טאטין צוגעקוקט צו דער גרויסער שוצלאזער מענטשן-מאסע, װעלכע איז גע-ציילט געװארן אפשר צום לעצטן מאל פאר דער גרויסער טאטאלער שחיטה, װעלכע איז פארגעקומען אין א גאנץ קורצער צייט נאך מיין פארלאזן אייטישאק. (שפעטער זענען אנגעקומען ידיעות דאס מען האט דאס שטעטל געמאכט "יודן-ריין" אין איין טאג. מען האט די קרבנות צו מאסן-גריבער געטריבן — 2,200 יידן — ט"ס און ליטװישע פאליציי האט זיך סאדיסטיש אײדזידיעקװעט איבער די אומגליקלעכע, געשאסן מיט מאשין-געװער, דארהרגעט מיט פלעקער, פארשאטן די מאסן-גריבער מיט כלאר, און די ערד אויף די גריבער האט הייניקע טעג נאכדעם זיך גאנץ קענטיק באװעגט און געקװאלט פון אינעװייניק אויף דער אויבערפלאך מיט שטראמען בלוט. אייטישאק איז געװען דערליידיקט).

די מאשין האט זיך פון ארט גערירט און מיר װייטער געטראגן צום ציל; דער שאסיי װי א שלאנג האט זיך גערדרייט דורך די געדיכטע װעלדער פון דער נאטשער פושטשע, װעלכע זענען געשטאנען אין גרינער געדיכטקייט און סודות'פול צו זיך געצויגן. װידער איז א צלם אויפן האריזאנט אויס-געװאקסן, נאכדעם א שיפער קלויסטער-דאך, א קלויסטער, א שטעטל מיט הילצערנע נייע און האלב-הרובע הייזלאך, א "טוריסטער" מארקפלאץ, געשלא-סענע קרעמלאך און פארהושכ'טע יידן מיט בעזעמער און רידלען ביי גאסן-ארבעט און ביים שאסיי.

די יירעװדיקע יידישע שטעטאלע ראדון, װאס איז בארימט געװען מיט איר חפץ-חיים-ישיבה, איז װי א פארפייניקטע געלעגן אן סימנים פון לעבן. אינמיטן װעג צװישן ראדון און אשטרין זענען מיר שטיין געבליבן. די האלענדער זענען פון דער שאפער-קאבינע ארויס, מיטגענומען מיט זיך די באקלאשקעס, מיר א רוף געטון צו גיין מיט זיי אין נאענטן כוטאר, מילך באקומען. מיר זענען צוגעגאנגען צו א נידריקער דארפישער כאטקע א װייסרוסישע פויערטע, װאס האט זיך ביים גארטן געפארעט, איז צו אונז צוגעגאנגען, אונז אנגעקוקט און דערשראקן באגריסט, פארבעטנדיק אונז אין כאטקע. ביים שװעל האבן חזירימלאך געגראבן. א נאקעט קינד מיט א פארשמירט פנימל, איז איבערן הויף ארומגעקראכן, א קודלאטער הונט אויף א קייט האט הוצפה'דיק געבילט און זיך מיט װייסע ציין צו אונז געריסן. אין שטוב האט געשמעקט מיט געזויערטן ברויט און פויערישער זאטקייט; פון װאנט האט יעזוס א פארמאטערטער אראפגעקוקט צו װעמענס געזיכט עס װאלט בעסער געקלײדעט דער געלער מגן-דוד, װי דער גארנים זאגנדיקער צלם.

די פויערטע האט די פלעשער מיט מילך אנגעפולט און אויף אונז אלץ מיט אומצוטרוי געקוקט. — פרעג ביי איר, װי איז זי צופרידן מיט דער "נייער מאכט" — האט זיך דער שאפער צו מיר געװענדעט, דאס איך זאל

איבערזעצן די פראגע אין רוסיש דער פויערטע. איך האָב מיט אַ זויערע מינע איר די פראגע געשטעלט. זי האָט צעטומלט געקוקט אויף מיר, אויף מײַן רויט-אַרמייאישע װאַטאָװקע, אויף די האָלענדער, אַ רגע געטראַכט, און לסוף מיט אַ געמאַכטן שמייכל אַרויסגערעדט : "יאָ, ניט שלעכט, דערװײַלע איז גוט", – זי איז פול מיט האָפנונג.... האָב איך זיי באַלד דיפּלאָמאַטיש איבערזעצט. – צי זענען די היטלעריסטן בײַ איר געװען און װאָס האָבן זיי געװאָלט ? – האָבן זיי װידער געהייסן מיר בײַ דער פויערטע פרעגן. – יאָ, זיי זענען געװען – האָט זי שוין דרייסטער גערעדט – זיי האָבן באַװיזן מיט די הענט אויף שטום-לשון און שמירעװדיקע געבעטן – ד.ה. פוטער, געבעטן קוקוריקוקן און כּאַרו-כּאַרו, ד.ה. עופות און חזיר, פאַר װאָס זיי האָבן געטוישט העמדער, שאַלן, שקאַרפּעטן א.ד.גל. –
– יאָ, האָב איך באַלד איבערזעצט די האָלענדער – זייערע קאַמעראַדן זענען דאָ געװען און עסן געבעטן. – אך !! – האָט איינער אַ ברום געטון – "זיי זענען אומעטום פול, די פּרעסער און שייטער" – און מיר געהייסן איבערזעצן דער קריסטין, אַז טאָמער קומען זיי װידער בעטן עסן, זאָל זי זיי גאָרניט געבן. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב דאָס פּונקטלעך איבערזעצט און פון מײַן זײַט נאָך צוגעלייגט, אַז זי זאָל זיי נאָך מכבד זײַן מיט אַ גראָבן שטעקן.... די קריסטין האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט און צוגעזאָגט מקיים צו זײַן די עצה פון די האָלענדישע זעלנער פאַר זייערע שפּאַנישע קאַמעראַדן....

מיר איז געגאַנגען אין דעם, דאָס מיר זאָלן אין דער שטעטעלע יעזשאָב 22 קילאָמעטער פון גראָדנע שטיין בלײַבן, װײַל דאָרט האָב איך זיך געקענט דערװיסן גענוי דאָ לאַגע פון מײַן פרוי און קינד, װי אויך זייער װוינונג, כּדי איך זאָל ניט באַדאַרפן אין מײַן אויפּפאַלענדער קליידונג אַרומצוקריכן אומזיסט איבערן שטאָט.

– אויב איר װילט, – האָב איך צו די האָלענדער געזאָגט פאַרן אײַנשטייגן אין װאַגן – צו באַקומען פוטער פאַר טיגאַרעטן, קענען מיר דאָס מאַכן אין יעזשאָר. דאָס איז די שטעטל בײַ דער גרויסער שאָזיערע – האָב איך זיי געגעבן צו פאַרשטיין. – גאַנץ גלײַך ! – זענען זיי מיט מיר מסכּים געװען – מיר װעלן שטיין בלײַבן.

און אָט זענען מיר אויף אַ רגע שטיין געבליבן אין אַטטרין. פויערטעס, פּוסגייערס זענען אין װאַגן אַרײַנגעקראָכן; נאָכדעם אַ יונגער דײַטש אין אַ שינעל מיט ברוינע מאַנקעטן און קאָלנער. איך האָב אין דעם "ממזר'ס" זײַט ניט געקוקט, – ער דאַקעגן האָט אויף מיר פאַרװונדערט, שטעכיקע בליקן געװאָרפן. מיר זענען גאַנץ גיך שטיין געבליבן אין יעזשאָר. איך בין שנעל פון װאַגן אַרויס און געגומען לויפן צו די יידישע בעסלאַך – כ'האָב עטלעכע יידישע בחורים אָפּגעהאַלטן, און בײַ זיי געפרעגט אויף מײַן פרײַנדין סאָניע קאַפּולניק, װעלכע איז מיר געװען גוט באַקאַנט

און אַ אָפּטער גאַסט פאַר דער קריג ביי מיר אין שטוב געװען. איך האָב עטלעכע טריט געמאַכט און פון װייטן איר באַמערקט; בין צו איר צוגע-לאָפן און פאַרן האַנט געכאַפּט. זי האָט מיר אַ רגע אָנגעקוקט און איז אױסגעשפרונגען : – אױ, לײבל, דו לעבסט ? !! זי איז קוים צו זיך געקומען, האָט די אויגן געװישט און גערעדט – און מיר האָבן געהאַט אַ גרוס, אַז דו ביסט טויט, אַז מ'האָט דיר אַ דערשאָסענעם געזען אויפן שאָסיי קיין מינסק. – סאָניע, זאָג מיר שנעלער ! – האָב איך קוים אַרויסגערעדט – פרומקע מיט באַשעלען (מײן כּרוי און שאָכטער) לעבן ? איך האָב מיט די אויגן אויף איר יעדער באַװעגונג פון די ליפּן געקוקט, – יאָ ! – איז געקומען פאַר מיר אַ גליקלעכער ענפער.... זיי לעבן און װױנען צוזאַמען מיט דײן שװעסטער אויף נאַפּאָלעאָנסקאַ 7, װײל דײן דירה אין פאַרשטאָט איז פאַרברענט. – זײ געזונט, סאָניע ! – האָב איך צו איר אַ געשריי געטון, און װי אַ משוגענער גענומען לויפן צום מאַשין. די האַלטענדער זענען ביים װאָגן געשטאַנען, האָבן מײן שטראַלנדיק פּנים באַמערקט און אײנער האָט מיר אַ פרעג געטון : האָסטו אַ גרוס פון דײן כּרוי און קינד ? – יאָ, יאָ, האָב איך צו זײ געשריגן – זײ לעבן און װאַרטן אויף מיר – און מיט אַנטשולדיקונג צוגעגעבן, דאָס קיין פוטער האָב איך ניט געקענט באַקומען. זײ האָבן זיך איבערגעקוקט און מיר באַ-רואיקט, דאָס זײ האָבן שוין אַליין 1/4 קילאָ פוטער באַקומען. אַ קאַרגע טעה פון גרױסער פרייד איז ביי מיר געװען די װעג פון יעזשאָר קיין גראָדנע, אַ פרייד, װאָס איך האָב צװײ לעבנס צוריק געפונען, װאָס איך פיר זײ אַזאַ מתנה, חי עס איז פאַר זײ מײן "צוריק לעבעדיק געװאָרענער קאָפּ", װעלכן איך האָב דורכגעטראָגן דורך אַזױפיל שטורמישע טעג, גע-מיטן געװאַלטיקע װיט-זיך-זאַקן, איבערשפּרייזט טיפע אָפּגרונטן, געמיטן ברוינע כלאַנגען אין װעלדער און שאָסייען, געברענט מיטן מינסקער געטאָ און ניט פאַרברענט געװאָרן – דאָס אַלץ האָט צוגעגעבן מוט און ענערגיע פאַרן װייטערדיקן געראַנגל און טיף אין האַרצן געװעקט אַ האָפענונג, אַז מסתמא װעלן מיר נאָך װייטער לעבן.

די מאַשין איז ביי דער פּאָסט אויף אָזשעטקאַ-גאַס שטיין געבליבן. כ'האָב גיך זיך געזעגנט מיט מיינע אויסלייזער פון מינסקער געטאָ, און דורך טעלעגראַפנע שנעל געשפּאַנט אויף נאַפּאָלעאָנסקע 7. די גאַס איז געװען באַלעבט, פיל קריסטלעכע אײנװױנער האָבן געמיטלען שפּאַצירט דורך דער הויפּטגאַס, װי מיט 5 און 10 יאָר צוריק, – קיין יידן דאַקעגן האָט מען ניט באַמערקט. כ'האָב מיט דער האַנט זיך כלומערשט ביי אַ אויג געהאַלטן, כדי מאַסקירן אַ האַלבן געזיכט און ניט באַמערקט װערן דורך שונאים און כוליגאַנעס, מיט װעלכע די שטאָט האָט אין די טרויעריקע טעג געשװיבלט און געגריבלט.

שנעל בין איך ארויף די עטלעכע שטיינערנע טרעפלעך און שטיין געבליבן ביי א גלאנציק-געל געפארבטער טיר, אויף װעלכער עס איז א פאפירל מיט א מגן-דוד געװען אויפגעקלעבט. מיט דער גאנצער קראפט דעם גלעקל א דריק געטון, א קינדישער טראט איז צום טיר צוגעגאנגען, א סקריפ פון שלאס און קעגן מיר איז געשטאנען מיין שװעסטער'ס זון, א יונגל פון 14 יאר. – מאמא ! מאמא! גיכער אהער, גיכער ! – האט ער געשריגן – דער דיאדיא לייבל , דער דיאדיא לייבל ! – א געמיש פון קולות, קושן און געזאלצענע טרערן האט היילין געמאכט דעם עקסטאזפולן מאמענט פון צורייק זען דעם " א דערטאסענעם" ברודער לעבעדיק. דער טומל האט זיך אביסל בארואיקט, האט מיין שװעסטער מיר מיטגעטיילט, אז מיין פרוי און טאכטער װינען א גאס װייטער און זי גייט זיי רופן. – אבער – האט זי צוגעגעבן – מען טאר מיט אזא נייעס ניט געװאלדיק איבעראשן, און איך װעל איר מיטטיילן, אז איך האב א גרוס פון דיר באקומען און דער גרוס-ברענגער װארט אין שטוב. אין איינציקע רגעס ארום איז שוין מיין פרוי אין צימער געװען, געזוכט דעם גרוסברענגער איבערן צימער, האט מיר באמערקט, א רגע אנגעקוקט און משונה װילד אויפן האלז געפאלן....
מיין 6-יעריקע טעכטערל האט ניט געקענט מוחל זיין, פארװאס איך קוש זיך אזוי לאנג מיט דער מאמען און לייג אויף איר ניט קיין אכט, האט זיך הילכיג פארנאנדערגעקװיטשעט און קוים איז מיר געלונגען איר איבער-צובעטן.

– זעסטו, איך בין װידער צו דיר געקומען, אמת ניט אויף א פאר טעג בין איך פון דיר אנטלאפן, װי איך האב דיר דעמאלס צוגעזאגט, נאר א פאר מאנאטן זיך "פארהאלטן אין װעג" – טאקע ניט צוליב מיין שולד, אבער די צייט האט אזוי געװאלט, האב איך װי א פארזינדיקטער זיך פאר-ענטפערט פאר פרוי און קינד – טרערן האבן אין האלז געװארגן און מער קיין װארט געלאזט רעדן....

– װאס הערט זיך דא נייעס, דערצייל – האב איך מיין פרוי װידער גע-פרעגט. – װעסט אלץ אליין זען, – האט זי די אויגן געװישט און געענטפערט. "אונזער שטאט ליגט אין הורבות און מיר אין קייטן". עס איז נאך צו יענער צייט קיין געטא אין גראדנע ניט געװען, אבער דער נאצי-פויסט האט אומברחמנות'דיק כסדר געקלאפט איבער די קעפ פון די גראדנער יידן.

לויט דער נייער דייטשער גרעניץ-פארטיילונג, האט די שטאט געהערט צום דריטן רייך און די גרעניצן מיט װייסרוסלאנד איז געלעגן 50 ק"מ אויף מזרח ביי דער שטעטעלע סטוטשין. דאס האט געװעקט פון אנפאנג אילוזיעס ביי מאנכע יידן, אז מסתמא װעט אין דריטן רייך זיין אנדערש װי אין אנדערע ערטער. אבער עס האט זיך שנעלער שיקאנעס װי װערעמדיקע ארבעס געשאטן. יידן זענען געשטאנען אויסערן געזעץ, זייער פארמעגן און לעבן איז געװען הפקר. עס האט אין שטאט געבושעװעט די דייטשע

פאליציאנטן האבן צוזאמען מיט כאפטעס פוילישע כוליגאנעס און פראוואָ-קאטארן, געוועזענע מיטגלידער פון די רעאקציאנערע פארטייען, ענדעציע, נאפא, און אזאן, וואס האבן יעצט ברייט זייערע ארעמס אויסגעשפרייט, אום אויסצונוצן דעם "גליקלעכן" מאמענט, צו פארווירקלעכן זייער אלטן חלום פון מאכן א פוילן אן יידן. זיי זענען אויף די העלזער פון זייערע קרבנות געגאנגען און מיט עטער פוילישער פארביסנקייט זיי צו דער ערד געבראכן. אומבארעכטיקטע שנאה צו יידן וואס האט זיך אנגעזאמלט פון דורות, א שנאה וועלכע עס האט אויסגעבראכט די פוילישע רעגירונג פון פילסודסקין און נאכדעם פון רידז-שמיגלי, פרעסע-אנטיסעמיטיזם און "קליינע" פאגראמטשיקעס איז געווען פאר די לעצטע יארן פון פוילקס מלוכה א טעגלעכע ברויט, מיט וועלכע די מאכטהאבער האבן געשפייזט די פינסטערע פאלקס-מוחות: בבא-מעשׂות וועגן בלוט-בלבולים איז אין פוילן ניט געווען קיין נייעס. אמת, צו קיין עפנטלעכע פראצעסן פלעגט ניט דעריגיין, די מאכט פלעגט דאס מאכן צו "קליינגעלט", אבער דער דורכשניטלעכער פוילישער מענטש האט גאנץ שטארק געגלויבט אין דעם.

דער לעצטער קריזיס, וועלכער האט געפייניקט דעם קראנקן ווירט-שאפטלעכן ארגאניזם פון פוילן, דער וווקס פון ארבייטסלאזיקייט, די פארארעמונג פון פויער, די הויכע שטייערן, די אראפגענידערטע לוינען פון די ארבייטער – האט כסדר ארויסגערופן אין לאנד כוואליעס פון דע-מאנסטראציעס, שטרייקן א.ד.ג., וועלכע די פריציטע מאכטהאבער האבן אלעמאל – ווי זייערע צארישע פארגייער – געלענקט די אויפמערקזאמקייט אין זייט פון די יידן און געצייגט דעם עולם-גולם, אז – אט זיי זענען די שולדיקע. יידן זענען געווארן דער סינאנים פון דער בייז, און גלייכצייטיק די "דאמף-קלאפע" פון איבערהיצטן קעסל... מיט א קייט פון פאגראמען איז געווען רייך די לעצטע יארן פון דער פוילישער הערשאפט, ווי ווילנע, גראדנע, פשיטיק, מינסק-מאזאוויעצקי, בריסק און פיל אנדערע שטעט. זייענדיק באקרעפטיקט מיטן היטלעריסטישן זיג אין דייטשלאנד, האבן די נייע "מערב-קינדער" א גוט צעאקערטן גרונט געפונען אין פוילן. די פוילישע אפיציאזן האבן זיך הארציק פאראנאנדערגעשטעלט צום שטארקן שכן, געלעקט די פינגער און געקוועלט פון אים; גענומען שיקן "עקספערטן" אין הימלער'ס "אוניווערסיטעטן" צו ערלערנען דער "קאמוניסטישער און יידישער געפאר", און שליחים צו געבעלסן און שטרייכערן, צו ערלערנען "די קלוגע קונסט" פון פראפאגאנדע און אגיטאציע.

דאס אלץ האט צוגעגעבן מוט און היץ אלע פינסטערע כוחות פון פוילן, וועלכע האבן רעכט פארן אויסברוך פון קריג 1.9.1939 ווילד אויפגעהויבן א פאגראם-העצע: "יידן ארויס פון פוילן!" (אין די ערשטע טעג מלחמה צווישן פוילן און דייטשלאנד זענען אין גראדנע פיל פראמינענטע אנטיסע-מיטן דעמאסקירט געווארן אלס פוילנס שפיאנען. דאס זענען געווען מאסקירטע

פאָלקסדייטשן, וועלכע זענען אריינגעפאָרן פון איבערשלעזיען "צו שטאַרקן" דעם פוילישן האנדל און אויסזעצן א שאַרפע קאָנקורענץ מיט די יידישע סוחרים; טייל פון זיי זענען ביזצייטנס נעלם געוואָרן, אָבער א גרויסער טייל האָט נאָכדעם באַקומען זייַן פּסק).

אַז ביי אַזוינע באַדינגונגען, אויף אַזאַ גרונט, נאָך 1 1/2 יאָר ראַטן-מאַכט האָבן היטלערס חילות פאַרנומען די שטאָט.

עס האָבן זיך אומגעקערט צוריק פון 1 1/2 -יאָריקער עמיגראַציע אַלע שוואַרצע כוחות, וואָס האָבן אַנטלאָפן פון דער שטראָפנדער האַנט, זיך אומגעקערט און מיט התמדה זיך גענומען צו דער אַרבעט.

מ'דאַרף לשם אמת דערמאָנען וועגן דער פאַקט, אַז דאָס רוב פון דער פּוילישער אינטעליגענץ זענען אָן א זייט געשטאַנען פון אָט די אַלע שיינע מעשים, האָבן אָבער לכל הפּחות פּאַסיוו זיך צוגעקוקט צו דער דאָזיקער וואַקכאַנאַליע (זיי זענען אָבער נאָכדעם אַליין געוואָרן דער קרבן פון אָט דער בלוטיקער שווערט). דאָס רוב האָט געהוליעט - דער קליינבירגערלעכער דעקלאַסירטער עלעמענט, וואָס האָט פּונקט די אַלעמאָל אויך יעצט ניט געוווּסט וואָס זיי ווילן.

. . . .

עס האָט זיך קודם-כל אָנגעהויבן א קאַמף קעגן דער יידישער אינטעליגענץ; אויפן ערשטן פייער זענען געגאַנגען יוריסטן, אַדוואָקאַטן, לערער, בוכהאַלטער א.ד.גל. מיטן ערשטן בלוטיקן סניט זענען פיל פון זיי אַרעסטירט געוואָרן און אָפּגעפירט אין א אומבאַקאַנטער ריכטונג.

ציניש האָבן דאָס די ברוינע געמאַכט: געפאָרן מיט מאַשינען איבערן שטאָט, שטיין געבליבן ביי די גרויסע אָטשערעדס פון ברויט-קראָמען, געזוכט בלומערשט די אויבן אָנגעוויזענע פּראָפעסיעס אויף אַרבעט און זיי אויף אייביק מיט זיך צוגענומען. פוילישע מוסרים און פּראָוואָקאַטאָרן, קענטיק ביי דער געשטאַפּאָ האָבן כסדר געפירט אין טיורמע די ניט-באַוויזענע אַנטלאָפענע סאָוויעטישע בירגער און די לינק-געשטימטע אַרבייטער און אינטעליגענץ. צווישן די לעצטע איז אויך געווען דער פּאָפּולערער און באַליבטער ביי די יידישע פאָלקסמאַסן - דער פעלדשער סאַפּראַנסקי.

עס איז געווען שווער די גאַסן צו דערקענען; א קאַרגע האַלבע שטאָט איז אין גרויז געלעגן, הרובע מויערן זענען מיט צעקרישלטע, פאַרברענטע ווענט געשטאַנען און מרה-שחורה'דיק אין האַרבסטיקן הימל געקוקט.

גרויסע יידישע קוואַרטאַלן, וווּ עס האָבן געוווינט עמך'ניקעס און אָרעמע-לייט, זענען אינגאַנצן פאַרווישט געוואָרן צוזאַמען מיט דער אַלטער, קרוב 300-יאָריקער גרויסער שול, וועלכע איז צו אַלע צייטן א היסטאָרישער צירונג געווען פון די גראָדנער יידן. יידן האָבן זיך אויף זייערע חורבות געגראַבלט, אויסגעגראָבן א טעפּל, א לעפל, א מעסער - אַלץ איז פאַר די נאַקעטע נשרפים א קרן געווען; א ניט-דערברענטע פאָדלאָגע-ברעט, א פוילע וואַנט-שטיק, וואָס דער פייער האָט ניט איבערגעקומען, האָט מען אין

די נײַ געפונענע ווירונגען, בײַ באקאנטע און קרובים, געשלעפּט און מיט פלײַס זיך צום ווינטער געגרייט. עס האָבן זיך אָנגערוקט טעג פון הונגער. דערוויַיטערט פון זייערע אַלע פּרנסות, האָבן יידן געמוזט שקלאַפן-ארבעט טון, פאר וועלכע עס פלעגט זיי אין גרעסטן טייל באצאָלט ווערן מיט שטעקנס; אנדערע ווידער – טער "גליקלעכערע", פלעגן בײַ דער ארבעט א ביסל געקעכטס אויסקאָמבינירן. מען האָט יידן גענומען צו כל עבודות-פּרך – באלד אין אָנפאנג האָט מען גענומען צו קאַרטאָפל-גראָבן, וועלכע זיי האָבן דאָס געמוזט מאכן אין א ליגנדער פּאָזע אויפן פעלד, דערבײַ זיך מורא'דיק אײַדיעקווען, ניט לאָזן דעם גאנצן טאָג אויפהויבן די קאָפּ און אויסגלייכן די פּלייצע. די וואָס פלעגן זיך אונטערהויבן, זענען אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן. די אומזיסטע יידישע ארבעטס-קראַפט איז אויסגענוצט געוואָרן וואַלד-פלעצער אויסצוקאַרטשעווען, בערג פארגלייכן, שטאָט פּלאַנירן, קאַנאַליזאַציע-ארבעט, וכדומה אזעלכע ארבעטן, וועלכע האָבן געזאָלט דויערן יאָרן, זענען געטריבן געוואָרן מיט א ווילדן אימפּעט און א טעגלעכקייט געגעבן די "שטאָט-טאַטעס" אויסנוצן דעם גאָלדענעם מאָמענט פון איבערבויען און פארשענערן די שטאָט מיט אומזיסטער יידישער קראַפט.

אומערפאַרענע יונגנטלעכע זענען באַשעפטיקט געווען בײַ פאַרשידענע געפערלעכע ארבעטן פון אמוניציע-זאַמלען, פאַראַנאַנדערנעמען האַנטגראַנאַטן א.ד.ג.., פאר וואָס פיל האָבן מיטן לעבן באַצאָלט. צונויפזאַמלען פון די ** סאָסייען די צעשעדיקטע קריגסמאַשינען, ארמאַטן, טאַנקען, פאַראַנאַנדערנעמען זיי און לאָדן אין די וואַגאָנעס צו די שמעלץ-אויוונס, וואַשן לאָקאָמאָטיוון, וואַגאָנעס, "באַדינען" די פארהונגערטע און טיפוס-קראַנקע רוסישע געפאַנגענע, צונויפקלויבן די ציגל און גרוז פון דער שטאָט, און אײַנלייגן די קוים-שטייענדיקע ווענט – איז אַלץ געווען די ארבעט פון אָט די אַלע שקלאַפן-בריגאַדעס, וועלכע זענען געווען געצוווּנגען טויט-הונגעריקע זיך צו מאַרדעווען בײַ דער שווערער ארבעט.

עס איז לויט א באַפעל א יודנראַט געשאַפן געוואָרן, וועמענס גרונט-אויפגאַבן עס האָט געדאַרפט זײַן – ערשטנס, באַזאָרגן מיט שקלאַפן-ארבעט אַלע דײַטשע ארבעטס-שטעלעס; צווייטנס – "א פּאָמפּע" ארויסצוזאַפן פון דער יידישער באַפעלקערונג געוואַלדיק גרויסע קאָנטריבוציעס פון געלט, גאָלד און אנדערע ווערטזאַכן. קאָנטריבוציעס האָבן אַלע יידן געמוזט צאָלן און דער יודנראַט האָט גאַנץ גענוי יעדן איינעם אויסגעמאָסטן לויט זײַן שטאַנד, ניט אויסגעלאָזט אפילו דעם אָרעמאַן מיט זײַנע עטלעכע צענדליק מאַרק....

א רעקוויזיציאָנס-אָפּטיילונג בײַם יודנראַט איז געשאַפן געוואָרן וועלכע האָט א גאַנץ גענויע עווידענץ געפירט, בײַ וועלכן יידן עס געפינט זיך א בעסער קישן אָדער בעט, וואָס איז ענטשפּרעכנד צום רויב. טאָג-טעגלעך האָט דער יודנראַט פאָדערונגען פון פאַרשידענע דײַטשע אַמטן באַקומען

צו באזארגן מיט בעט-צייג, מעבל, געפעס, עלעקטרישע איינריכטונגען, מאנופאקטור, לעדער א.ד.ג. דייטשן האבן חלילה ניט בראקירט - געפאדערט אלץ : קינדער-װעגעלאך, ארצטלעכע אינסטרומענטן (פאטא-אפאראטן און ראדיאס זענען פון אנפאנג אן פארבאטן געװארן אונטער דער דראאונג פון טויט). די געשטאפא דאקעגן איז געװען מער "איבערקלייבעריש" - זיי האבן פארלאנגט"בלויז" שיין-פאלירטע מעבל, גוטע מאטראצן, אנצוג-שטאף, פוכאװע בעטגעװאנט, פיין-געשטיקטע גארדינען, פארפומען, טואלעטן-זייף, און נאך אנדערע "קליינקייטן", װי ליקיער, ראזינקעס, באנען-קאפע, קאקאו, סארדינען און ריינעם שנאפס. דאס אלץ האט געמוזט צו דער באשטימטער שעה פונקטלעך צוגעשטעלט װערן, - און דאס האט בעדארפט זיין "דער פאליטישער און װירטשאפטלעכער" פראגראם פון יודנראטן.

מען האט געמוזט מיטלען זוכן צו לינדערן דעם הונגער, װאס האט יעטװעדער יידישער שכוב אנגעגריפן. די רייכערע האבן זייער פארמעגן באגראבן, אז עס זאל צו די ברוינע ניט ארייַנפאלן; די ארעמע דאקעגן האבן ארויסגעשמעקט דעם צונג פאר הונגער. מען האט "שפעקולירט" - א לעצט העמד, א ליילעך, א רעקל פארקויפט צו דער קריסטלעכער באפעלקערונג פאר א ביסן ברויט, מעל, און אמאל א שטיקל פעטס. דער יודנראט האט א פאלקס-קיך געעפנט אין דער גרויסער שול. די הונגעריקע פלעגן צו מיטאג א ביסל קרויט-װאסער באקומען מיט 30 גראם (דרייסיק גראם) ברויט. לאנגע רייען פלעגן זיך מיט כלים אויסשטעלן נאך די ביסל זופ, צװישן װעלכע עס האבן זיך אויך געפונען ניט װיניק ארביימנדע אינטעליגענץ.

די קריסטלעכע איינװוינער פון שטאט האבן יעצט מעגלעכקייט געהאט מיטן "מאראליטן" װעג צו דעראבערן זיך די יידישע ארעמקייט ד.ה.קויפן; אנדערע װידער האבן דאס ב"גראנדע" געמאכט : פארנארט די קרבנות צו זיך אהיים, צונעמען דאס לעצטע העמד, קליידל, - שלאגן,ארויסטרייבן - עװענטועל דראען מיט מסר'ן דער געשטאפא פאר שפעקולירן.

דער הונגער האט אויך אין פענסטער פון מיין קליינער שטובל ארייַנגעקוקט; מען האט װאס באדארפט צוטראכטן אום אים צו פאריאגן, צולייגן א האנט און העלפן שפארן היטלערס קריגס-מאשין, האב איך גאר קיין חשק ניט געהאט און אויף אלע אויפפאדערונגען פון יודנראט האב איך ניט געענפערט און באשלאסן ליבערשט צו גיין ארבעטן אין יידישן שפיטאל, װעלכער האט זיך געפונען נאך דער באמבארדירונג אין א הרובען צושטאנד.

טרויריק האט אויסגעזען דער שפיטאל מיט די צעטראסקעטע װענט, צעזעצטע פענסטער אן גלאז און צעבראכענע טירן. מיט זיינע קארגע 100 בעטן האט ער געדארפט באדינען א באפעלקערונג פון העכער 20 טויזנט פערזאן.

עס מוז צום גוטן דערמאנט װערן דער גאנצער מעדיצינישער פערסאנאל פון שפיטאל אין דער שפיץ מיט די דאקטוירים, װעלכע האבן װי געטרייע מאטראזן אויף א אונטערגייענדער שיף, נאכאנאנד הילף געטראגן דער

באפעלקערונג. קיינער האט זיי דערצו ניט געצוואונגען, עס האט זיך אין זיי אליין דערוועקט אט דער ערהאבענער געפיל אין די געפערלעכע טעג פון גרויסן פאלקס-קאטאקליזם. (זאלן אייביק בלייבן אין אונזער זכרון די נעמען פון די דאקטוירים פאנקעל, בלומשטיין, קאחליאנסקי, ניימאן, ליפניק, און די פעלדשערס יאנאס און ווייזער). זיי האבן הילף געטראגן צו די אומגליקלעכע ברידער אין די לעצטע מאמענטן פון זייער בשותפות'דיקן לעבן און ביזן לעצטן מאמענט געווען מיטן פאלק.

עס איז געווען א זוניקער, הארבסטיקער טאג, ווען צום שפיטאל איז א לאסטוואגן צוגעפארן, פון וועלכן עטלעכע יונגע שלאסער-ארבייטער האבן אין א טראגבעטל ארייגעטראגן אין שפיטאל זייער א דערשאסענעם חבר (אברהם לאבענדז). זיי האבן אויפן שטיינערנעם באדן פון קארידאר די טראג-בעטל ארונטערגעלאזן; דעמלט איז פון הרוג'ס בוזעם עטלעכע גרויסע הארבסטיקע עפל ארויסגעפאלן. פארשמירטע אין בלוט האבן זיך די עפל איבערן פאל פונאנאנדערגעקייקלט, צייכנענדיק נאך זיך קרומע רויטע ליניעס. די יונגטלעכע זענען צערודערט געווען און האבן דערציילט: אז דער הונגער האט געפייניקט - מיר האבן זיך איינגעהאלטן, און ער - האבן זיי אויפן הרוג אנגעוויזן - האט זיך איינהאלטן ניט געקענט, ער איז ארויס פון ווארשטאט, צוגעגאנגען צום עפלבוים, אונטערגעשפרונגען, א צווייג געכאפט און אפגעטרייסלט עטלעכע עפל, פאר וואס דער וואכמאן האט אים מיט א קויל אין בויך געשאסן.

זיי זענען שטיל געווארן, געקוקט אויף זייער חבר, אויפן דיזשורנעם דאקטאר. עטלעכע זונען-שטראלן האבן זיך אין טונקלעם קארידאר אריינ-געגנבעט, דעם הרוג'ס געזיכט באלויכטן און בולטער געמאכט די באקן-ביינער מיטן ווייס-שארפן נאז. די ליפן האט דער יונגער נפטר אפן געהאלטן, ווי ער וואלט זיך די לעצטע קראמפהאפטע סעקונדעס פון זיין לעבן ניט געוואלט פארלירן דעם בלויען הימל און זונענשיין.

מען האט עפטער איבערגעפארענע און צומזיק'טע ייִדן געבראכט. עס איז געזעצלעך פארבאטן געווען ייִדן צו גיין אויפן טראטואר, נאר אויפן ברוק; דאס האט א געלעגנהייט געגעבן פיל ברוטאלע שאפערן "שפאס" צו מאכן און "ניט-ווילנדיק" ארויפפארן אויפן קרבן. פלעגט פיל זיין טעג-לעך די מתים-שטיבל מיט צעהורגעטע און צעפלייטשטע נפטרים, און די שפיטאל-פאלאטעס מיט צעפלאצטע טארבנס, צעבראכענע הענט און פיס און צעקוועטשטע ריפן. עס איז קיין שטרלע און באנדאזשן ניט געווען, האט מען אלטע העמדער אין פאפיר-ראלן פארביטן. די נייע מאכט האט קיין מעדיקאמענטן ניט געגעבן, האט מען זיך געמוזט באגיין מיטן קליינעם זאפאס, וואס איז נאך פון די סאוויעטן געבליבן און זוכן אין שטאט קוועלן, ווו אויף "שווארץ" די נויטיקסטע מעדיקאמענטן צו קויפן.

אין איינעם א טאג האט מען א צעשטאכענע פרוי פון א יאר 40 געבראכט אין שפיטאל; אירע קליידער זענען אינגאנצן נאס געװען פון בלוט. איך האב געהאלפן איר אויפן טיש ארויפלייגן און אונטערציען פון איר די צעבלוטיקטע בגדים. זי האט אייניקע טיפע מעסערשטעכן געהאט אין ריכטונג פון הארץ; זי איז שוין ניט ביי די געדאנקען געװען און װאס מיט די ליפן געפרעפלט. פון אירע מאגערע זייטן האבן דינע זשעברעס װי רייפ-לאך ארויסגעשפארט, פון װעלכע װונדען עס האבן ריטשקעלאך ברוינער בלוט געטריפט. זי האט די קאפ גלייך ניט געקענט האלטן, האט א כאכל געטון און מיט אירע דארע קלעפיקע פינגער אין מיין האנט זיך איינגע-קלאמערט.

בי װאס האבן איר אין שפיטאל געבראכט, האבן דערציילט, דאס א פוילישקע איז איר באפאלן, איר געזידלט און לסוף א געשריי געטון: "היינט האט איר קיין רעכט ניט !" - ארייננזעצנדיק איר עטלעכע מאל א מעסער אין הארצן. אויפן מאמענט איז ניט װיכטיק געװען צו װיסן, װער איז די קריסטין און פארװאס האט זי דאס געטון, - יידן האבן זיך געפונען אויסערן געזעץ.

די לעצטע טעג פון הארבסט 1941 זענען געװען טריבע, בלאטיקע, דער הימל איז א חושכדיקער און א פארװיינטער איבערן קאפ געגאנגען און געשפריצט מיט א דראבנעם רעגנדל, א העסיקע קעלט האט אלע בגדים אדורכגענומען, געסמאקעט דער לייב און געקילט די בלוטן; די שלעכטע װעטערן זענען אין די ביינער ארייננגעקראכן, פונקט װי זיי װאלטן שותפות געמאכט מיטן שונא. איינמאל אין אזא הארבסטיקער נאכט, װען כמעט דער גאנצער שפיטאל-פערסאנאל איז געזעסן אין קארידאר ביים װארעמען אויװן און פארטיפט אין א שמועס "ביז װי לאנג קען דאס דויערן" האט זיך דער שפיטאל-גלעקל חוצפה'דיק פונאנאנדערגעקלונגען. דער שװייצער האט די טיר אויפגעמאכט און עס זענען ארייננגעגאנגען צװיי פוילישע יונגען, געװ. אבסאלװענטן פון דער פוילישער מלוכה-גימנאזיע, האבן חוצפה'דיק יעדן איינעם אין געזיכט ארייננגעקוקט, און האבן געפא-דערט דעם זון פון דער שפיטאל-קעכין, קליינבארט, װעלכער איז פאר די סאװיעטן א מאשיניסט אין דער שטאטישער װאסערלייטונג געװען, װי אויך א מיטגליד פון זאװאד-קאמיטעט.

דער לעצטער, װעלכער איז געװען פארשטעקט אין שפיטאל ארן פאר-שטאנען, אז מען גייט נאך אים, האט בייצייטנס דורך א זייטיקער טיר פארשװונדן. איינער פון די עקס-סטודענטן האט אין ארבל פארשטעקט א נא-גייקע געהאלטן און הינטיש אין אלע װינקעלאך געשמעקט. דער דיזשורנער דאקטאר (סוכאװליאנסקי) האט "די געסט" אויפגעקלערט, דאס איז א שפיטאל בלויז פאר קראנקע, אבער ניט פאר קיינע אנדערע. זיי האבן מיט רציחה אויפן דאקטאר געקוקט, װאס צװישן א שעפטשע געטון און אפגעטראטן.

כ'האב גאנץ ביים שפיטאל א חרובע היזל געפונען, פארשמירט די ווענט-לעכער און די צעבראכענע פענסטער-ראמען מיט ליים מיט דיקע אנשטאט די פעלנדע שויבן פארקלאפט, ווו ניט=ווו א גלעזערנע "אויג" איבערגעלאזט פאר א ביסל ליכט, געליען ביי באקאנטע א בעט, א טישל, און זיך גענומען גרייטן צום ווינטער. מיין פרוי האט וואס פון אונזערע קליידער פארקויפט, געשאפן א ביסל קארטאפל, ברויט, מעל געשאפן, פון דער ארבעט האב איך טעגלעך א זעקל שפענדלעך סטרוזשקעס געבראכט, און אט אט - מיר האבן שוין דעם גאנצן ווינטער אין שטוב געהאט. מיין 5-יעריקע טאכטער האט מיט הארבסטיקע קוייטן אין פארלאזענעם גערטל זיך געשפילט, אלע ווילע ביי די עלטערן ברויט געבעטן, און ווידער לוסטיק אין הויפל ארומגעשפרונגען.

די ארבעט אין שפיטאל איז באלד צום ענדע געווען..ניט קוקנדיק אויפן ליידיקן מאגן, האבן די מוליארעס, מאלער, שלאסער, סטאליער כנעל די ארבעט געיאגט. עס איז אין יענע טעג ביים פאלקסמענטש רייך געווען דער אחריות-געפיל פארן כלל און דער בעל-מלאכה האט א טרייסט געפונען אין דער געז.נוצלעכער ארבעט, לטובת די געפייניקטע ברודער. גיך זענען געווארן פארטיק די צעשעדיקטע פאלאטעס; די צעבראכענע שויבן מיט דיקסן פארקלאפט, דורך האנען דער עטיקער הארבסטיקער ווינט האט שוין אזא שליטה ניט געהאט, און די קראנקע זענען שוין ניט בלוי געווען פון קעלט. אומדערמידלעך האבן די געטרייע שוועסטער'ס צווישן די קראנקע געשוועבט, לייכטער געמאכט זייערע ווונדען מיט א גוט וואָרט, א גלעט, א מעדיקאמענט א.ד.ג. - דער שטענדיק פרייננטלעכער פעלדשער יאנאס האט קנאפ-וואס פון זיין הומאר פארלוירן, און אפט מיט זיינע וויצן פארטריבן די מרה-שחורה פון די קראנקע. אין מאמענטן פון ערנסט פלעגט ער מיר פארטרויען, דאס ער האט באהאלטן אין קעלער 2 ביקסן און ווי נאר "זיי" וועלן לויפן, וועלן מיר זיי באגלייטן מיט "קניידלאך".

די טעמע פון טאג און דער אינהאלט פון אלע געשפרעכן איז געווען די נייעס פון פראנט. פבן די ווענט האבן זיג-טעלעגראמעס אראפגעשריגן און מיט געטיילט וועגן העלדישע "קעמפע" און פארנומענע געביטן איןראטן-פארבאנד. דערביי איז א ווילדע יידנפרעסעריטע העצע געפירט געווארן, א באקרעפטיקטע מיט עקלדיקע אנטיסעמיטישע קאריקאטורן פון שטרייבגעבעלס-שניט.

די ציווילע באפעלקערונג איז געווען פון אלע זייטן איזאלירט, אויסער די אפיציעלע ברוינע פרעסע, וואס איז געווען פול מיט ליגן, איז קיין אנדערע פארבינדונג מיט דער וועלט ניט געווען. דאס הערן ראדיא איז פארבונדן געווען מיט טויט-שטראף. אלע ראדיא-אפאראטן זענען מיט דער אנפאנג אקופאציע קאנפיסקירט געווארן. אבער פארזיכטיקע און גרויסע ריזיקאנטן האבן זייערע אפאראטן ערגיץ פארשטעקט - אין א קעלער, אויף א בוידעם,

אַדער אין פעלד, און פלעגן פון צייט צו צייט צולייגן אַ אויער צו דער װעלט. דעריבער פלעגן די ידיעות דאָס רוב אָנקומען פאַרנעפּלטע, מסאַכנע, צוגעקלאַפּטע, איבערזאַלצענע – און דער עיקר שטאַרק פריילעכע. עס פלעגט דערביי קיין קוריאָזן ניט פעלן; אַזוי װי עס האָט שטאַרק געאַרבעט דער "טעלעגראַף" פון מויל צום אויער, אַדער די "טעלעגראַפן-אַגענטור" "ייװאָ", װאָס באַטייט לויט די ראשי-תיבות "יידן װילן אַזוי", פלעגט במילא יעדער ייד "עפּעס" דערלייגן, און אַז די ידיעה פלעגט אָנקומען צום צענטן יידן, איז זי שוין געװען מסוכן געשװאָלן. מען פלעגט דערביי נאָך פאַר-טוישן די נעמען פון די שטעט: ביי דער מפּלה פון די ברוינע אין ליביען (אַפריקע), איז צו מיר אַ פריינט געקומען מיט אַ גרויסע שׂמחה דאָס ער האָט געהערט אַז מען האָט "זיי" אַרויסגעיאָגט פון לידע (100 ק"מ פון אונז). מען האָט אָפט פאַרביטן בערלין אויף לובלין, װייט רוסישע שטעט ביים פראָנט אויף נאָענטע ישובים א.אַ.װ.

מען האָט זיך געמינטערט מיט חלשות-טראָפּנס און געגאַרט נאָך זייער מפּלה. פאַרזיכטיק פלעגט מען די נייעס דערציילן, נאָר פאַר גוטע פריינט און באַקאַנטע, און דערביי נאָך פאַרזיכערן, אַז דאָס שטאַמט פון אַ גוטע קװעלע. אַט-אָ-די אַלע קאַטשקעס האָט געשטאַרקט די האָפענונג און קרעפטי-קער געמאַכט די אילוזיע, אַז מסתמא װעלן "זיי" לויפן אָן אַ היטל און אָן אונדז פאַרגעסן, און מיר װעלן דאָס איבערלעבן און נאָך דערציילן אַלץ אין פריידן. אין דװקא אין יענע טעג זענען נאָך קיין באַדייטנדע מפּלות פאַר די ברוינע ניט געװען. דער רויבערישער מאַרש פון היטלערס חילות איז פאַרויס געגאַנגען באַרג-אַרויף, און פון שעה צו שעה ענגער געמאַכט אַ ברוינעם האַלב-רינג אַרום מאָסקװע.

עס זענען אויך אָפּטע טרויעריקע ידיעות אָנגעקומען װעגן היטלעריס-טישע "מאַנעװרעס" אין שכנישע קליינע שטעטלאַך. די פאַרביימאַרשירנדע ברוינע חילות פלעגן אין װעג צום פראָנט אויסמאָרדעװען גאַנצע געמיינדעס יידן דורך פאַרשידענע מיתה-משונות – צ.ב. װי פאַרברענען די יידן אין בתי-מדרשים, דורכלאָזן דער גאַנצער שטעטעלע דורך אַ "געסעלע" ד.ה. פשוט דערמאָרדן מיט פאַרקאַן-פלעקער, אַדער גלאַט אַזוי אויפקלויבן דאָס שטעטעלע אויפן פרייען פעלד, הייסן לויפן און נאָכשיסן די לויפנדע; דאָס האָט אַלץ באַדאַרפט "האַרטעװען" די יונגע זעלנער, װעלכע האָבן נאָך קיין "פעלד-צוג" ניט דורכגעמאַכט, און זענען נאָך ניט געטובלט געװאָרן אין מענטשלעך בלוט, האָבן זיך אויף יידישע מאַמעס, טאַטעס און קינדער "געלערנט", געהאַרטעװעט די הערצער אין "העלדישן" קאַמף.

מען האָט עפּעס גענומען ריידן, אַז מיר װעלן זיך אינגיכן אין געטאָ קלויבן, דאָס אין "אַ געװיסן" אָרט, האָט "אַ געװיסער" אָפיציעלער זיכערער מענטש געהערט, אַז מען גרייט שוין אַפילו פאַר אונדז צו אַ געגנט אין שטאָט צו אַ געטאָ, און װי אַלעמאָל ביי יידן זענען דאָ אויך פאַרשידענע

מיינונגען געווען, אז מסתמא וועט אין דריטן רייך קיין געטא ניט זיין. אבער אלץ אפטער האבן מערערע "אפיציעלע" יידן וועגן דעם גענומען מור-מלען. ניט פריילעך זענען געווען אט די אלע בשורות, כאטש קיינער פון די יידן האט קיינמאל ניט געפילט דעם טעם פון געטא, אבער דאך האט מען פארשטאנען, אז מיט קיין גוטס שמעקט דאס ניט. שוין דער פאקט אליין, וואס מען וועט באדארפן זיין איזאלירט פון דער ארומיקער וועלט, האט פארשידענע פינסטערע מחשבות געבוירן, וואס האבן ווי קראען דעם מוח געפיקט. עס האט געמאטערט אזוינע פראגן: ווי אזוי אזויגער וועט מען דארט -- לעבן? א ביסן ברויט פארדינען, אדער וויאזוי וועט מען אהין די ביסל בעבעכעס איבערטראנספארטירן?

מען האט אויך דא ניט פארשטאנען, אז דער ענין געטא איז א ווייטערדיקער עטאפ אין היטלערס ציל אונז צו פארניכטן, אז מען וועט אונז אויפזעצן צוזאמען ארומגעצוימטע, אונטער א שטענדיקער קאנטראל פון די ברוינע, וועלכע וועלן אונז צו יעדער צייט קענען נעמען און טראנספארטירן אין טויט-פאבריקן, אדער צו מאסן-דערשיסונגען.

מען האט דאס, ווי דער שטייגער איז, ווידער אויסגעטייטשט מיט א עט, בע, מע - אז מסתמא ווילן די דייטשן דאס מען זאל ניט האנדלען, ניט גיין צו גויישע שכנים א.ד.ג.

עס איז פון אנפאנג אן מאדנע ווילד געווען דער געדאנק, ווי וועט מען דאס א שטאט פון צענדליקער-טויזנטער פארשפארן אונטער דראטן? אט די אלע ריידענישן האבן ארויסגערופן כאאס, און נאך מער ביטערער געמאכט דעם לעבן. פיבערהאפט האט מען זיך גענומען גרייטן צו דער נייער מכה - דאס הייסט: זיך פארגרייטן מיט עסנווארג. עס האט זיך אנגעהויבן א קאפיטל פון אויספארקויפן א איבריקן רעקל, א העמד, א קישן, מעבל, געשיר און אלץ וואס האט א ווערט געהאט, און פאר וואס מען האט זיך וואס שפייז געקענט איינשאפן איז פארהאנדלט געווארן פאר הצי-בחינם. פיפיקע פויערן און שטאטישע פאלאקן האבן פארשטאנען דעם גאלדענעם מאמענט פון אויסטאכערן ביי די אומגליקלעכע די פראצע פון לאנגע יארן. פויערן פריילעכע זענען מיט פולע פורלעך יידישער האב און גוטס אהיים-געפארן, זינגענדיק שיכורע, ווי פון א גוטן יריד. דער שטאטישער עלעמענט איז מער איבערקלויבעריש געווען און וואס ניט געקויפט, אדער געטויסט, נאר פארלאנגט נייע אנצוגע, מאנופאקטור, גוטן בעטצייג, מאדערנע שוך-ווארג, סמוק, גאלד א.ד.ג. פיל זענען אין וואכיקע טעג אויסגעפראנטע-וועט ארומגעשפאצירט און כסדר ביי יידן "גאלדענע פוקסן" געכאפט.

אנדערע ווידער פלעגן אפענע דיבורים ריידן, קאלט און ציניש א טנים טון: "פארקויפט בעסער אונז, איר בעדארפט דאס שוין אלציינס ניט האבן"... עס זענען אויך פארשידענע פריינט געווען, "פריינט" וואס פלעגן צו באקאנטע קומען בעטן, חנפענען, דאס מען זאל זיי דאס ביסל ארעמקייט

אָנטרונען און זײ װעלן "נאָכדעם" אָפּגעבן און דאָס זײ זענען מערניט אויסן די טובה פון דעם ייִדן, - דאָס זענען געװען "פּריװאַט" מיט אַ װײַטן קוק, װאָס האָבן גאַנץ גענױ פאַרשטאַנען היטלערס ייִדן-פּאָליטיק און האָבן חשק געהאַט צו דער ירושה.

עס זענען אויך אמת'ע פּרײַנט געװען, װאָס האָבן די טובה פון ייִדן געמײנט ערנסט, אָבער אַזוינע זענען לײדער געװען געצײלטע.

דער װעטער װי די צײַט - איז אַלץ הפקר'דיקער געװאָרן. װילד-קאַלטע טעג האָבן אײַנגע דעם צװײטן פאַרביטן, בײזע װינטן האָבן װי מהנות װעלף געהויעט און געקעמפט מיט די דיקטן-"סויבן" פון ספּיטאַל, געכליאַפּעט אין פּנים מיט קאַלטע רעגנטראָפּן און זיך אַ װעג דורך די בגדים צום לײַב דורכגעשלאָגן. װי אַ קללה איז דער גרוי-שמאַטיקער הימל איבערן קאָפּ גע-האָנגען, װי ער װאָלט געדראָט אַ ליאַדע מינוט אַראָפּצופאַלן. אין אַזאַ טאָג האָבן מיר באַמערקט דורך די ספּיטאַל-פענסטער דאָס קעגנאיבער אונז, אויף יענעם זײַט באַן-פּלאַנט, צוימט פּיבערהאַפּט אַ ייִדישע בריגאַדע אַ צוים פון שטעכיקע דראָט, װעלכע כאַפּט אַרום דאָס ראַנד-טײל פון דער שטאָט "סלאָבאָדקע". שנעל מיט שטעקנס האָבן די פּאָליצײ אויפזעערס געיאָגט די ייִדן אין דער אַרבעט; די לעצטע האָבן גריבער געגראָבן, סלופּעס געשטעלט, דראָטן פאַרצויגן און - אָט-אָט - עס איז פאַרטיק געשטאַנען דער געטאָ פאַר אונז.

אין אָװנט, דעם לעצטן טאָג אָקטאָבער 1941 יאָר האָט זיך דער װעטער געביטן; דער ירגזון'דיקער קאַלטער װינט האָט נאָכגעלאָזט און עס איז אַרויסגעפאַלן אַ געדיכטער "לאָפּטשאַסטער" שנײ, װעלכער איז שטיקערװײַז װי װאַטע געפאַלן און געדעקט די פּעטע בלאָטע אונטער די פיס מיט װײַסן פּוך. ניט חשוב און ניט אָנגעלײגט איז דאָסמאָל געװען דער גאַסט "פּעטער שנײער", ער איז צו פרי געקומען "צופאָרן" און אַ װונק געגעבן פאַר אַ לאַנגן װינטער. מאָרגן, דעם 1-טן נאָװעמבער, האָט מען זיך אין געטאָ באַ-דאַרפט קלויבן. איך האָב זיך אַלץ דעם קאָפּ געבראָכן, װיאַזוי װעל איך די ביסל אָרעמקײט אַװעקשלעפּן אונטער די דראָטן, אַז לויטן באַפעל האָט מען 12 בײַטאָג שוין געמוזט זײַן מיט די בעבעכעס אין געטאָ. קײן שום געדונגענער און גרײטער טראַנספּאָרט איז ניט ערלויבט געװען.

װאָס װעל איך דאָ טון ? - האָב איך געטראַכט, - װיאַזוי װעל איך ראַטעװען מײַנע 2 זעקלאַך קאַרטאָפל מיטן 1/2 זעקל מעל; דערצו איז נאָך שטוב-קלײניקײטן געװען, װי טעפּלאַך, אַ ביסל אַלטע בגדים, אַ טישל, אַ סטול א.ד.ג. דער קאָפּ איז צעבראָכן געװאָרן טראַכטנדיק, און בשום אופן דעם רעטעניש ניט געקענט לעזן. די צעדולדקײט האָט מיר בײַנאַכט פון געלעגער אויפגעהויבן און אין הויף אַרויסגעטריבן. דער שנײ איז נאָך אַלץ געפאַלן אַ געדיכטער אויף דער ערד, גרעבער געמאַכט די װײַסע דעקע.

די שניאיקע װיסקיטס האָט אַ ביסל די נערװן דערפרישט און ניט-װילנדיק דערמאַנט יענע גוטע צייטן, װעלכע זענען פאַרבונדן געװען מיט װינטער-שניי און "קאַסאַבאַ" פאָרן (זיך שליטלען); אָך נאַר, דו גרויסער נאַר! - האָב איך זיך איין שטערן אַ קלאַפּ געטאָן, ביין צום הילצערנעם פאַרקאַן צו-געפאַלן, אַ ברעט אָפּגעריסן און מאָמענטאַל איז אַ שליטן געװען פאַרטיק. אים איין שטוב ארייגעשלעפט, דער פרוי אויפגעװעקט און מיין איינפאַל באַװיזן. זי האָט געלאַכט פאַר פרייד און איך אַ גליקלעכער בין שלאָפן געגאַנגען.... און געשלאָפן געשמאַק און זיס די לעצטע נאַכט נאָך װי "גלייכע" בירגער פון דער שטאָט, און מאָרגן האָבן מיר באַדאַרפט "גיין צוריק" אין געטאָ, װו עס זענען אַמאָל, מיט אַ האַלבן-יאָרטויזנט צוריק געװען פאַרשפאַרט אונזערע עלטער-זיידעס אין דער מיטלאַלטער.

בייצייטנס פאַר פרי זענען מיר שוין געשטאַנען גרייט אין שליטן געשפּאַנט, און געװאַרט מען זאָל מעגן ארויספאָרן. לעת-עתּה זענען די גאַסן נאָך געשלאָפן געװען און שטאַרק באַװאַכט דורך זשאַנדאַרמעריע און פּוילישע מיליץ. די זשאַנדאַרמעריע, װי צו אַ װיכטיקער קריגס-אָפּעראַציע, זענען געװען באַװאָפנט מיט קוילן-װאַרפער און טיף-פאַרזעצטע שטאָל-העלמען אויף די קעפּ, פון אונטער װעלכע דאַשקעס עס האָבן שלאַנגען-אויגעלאַך ארויסגעגלאַנצט. די פּוילישע פּאָליציי דאַקעגן איז געװען באַװאָפנט מיט "הומאַניטאַרערע" געװער - מיט שטעקנס און נאַהייקעס... אָבער אויך באַ-קליידעט אַלאַ-הימלער-מאָדע - ד.ה. אין שװאַרצן, און ספּעציעל צום "יום-טוב" אין - װייסע הענטשקעס.

באַלד זענען די גאַסן אויפגעמאַכט געװאָרן און װי אַ לאַװינע האָבן יידן זיך גענומען שפּאַרן פון אַלע זייטן צו די ריכטונגען פון די געטאָס. מיר זענען אויפגעכאַפּט געװאָרן מיטן מעכטיקן שטראָם און געשפּאַנט צום געטאָ נר.1, װאָס איז געװען באַשטימט פאַר פּאַכלייט. דער שװערער שליטן האָט טיף געזונקען אין נאַסן שניי, װעלכער איז שוין געװאָרן צעטראָטן און שװאַרץ-בלאָטיק. מיט איבערמענטשלעכן כּוח האָב איך אים לאַנגזאַם פאַרויס געשלעפּט; עס איז פאַר אונז נאָך געלעגן אַ קאַרגער קילאָמעטער װעג; מיט די לעצטע כּוחות האָבן מיר זיך דערשפּאַרט מאַנט צום אריינפאָר אין יענעם געטאָ. אָבער דער געדראַנג ביי דער שמאָלער יאַטקע-געסעלע, װעלכער האָט געדינט װי אריינפאָר-טויער אין געטאָ, איז געװען אויסערגעװענלעך און מענטשן װי מוראַשקעס האָבן געקראָכן איינער איבערן צװייטן.

עס זענען אויפן דערבייאיקן פּלאַץ אָנגעװאַלגערט געלעגן בערג מעבל, פּעק בעט-געװאַנט, עסנװאַרג א.ד.ג. דער עולם האָט מוראַ'דיק זיך געשפּאַרט כדי אריינכאַפּן זיך װאָס גיכער אין "גוטן" געטאָ. זשאַנדאַרמעריע האָבן בודק געװען די פּאַפּירלעך געלאַסן, געטאַפּט אין די פּעק, די בעסערע מעבל און קליידונג אָפּ אַ זייט געלייגט, און לסוף "דעם גליקלעכן", כמעט אַ נאַקעטן אַדורכגעלאָזט אין געטאָ.

מען האָט נים געטאָרט קיין צייט פאַרלירן, און באַלד האָבן מיר באַשלאָסן פאָרן צוריק, ד.ה. אין 2-טן געטאָ אויף סלאָבאָדקע; דער איז געווען באַ-שטאַמט פאַר פאַכלאַזע יידן.

די וועג איז שוין געווען אימגאַנצן אַ צעבלאָטיקטע און דער שליטן האָט געקלעבט צום בלאָטיקן גרונט, די דראָטן פון שליטן-געשפאַן זענען טיף אין פלייש אריינגעפרעסן, פון געזיכט האָט ריטשקעלאַך שווייס גערונען און אַ פאַרשמירטער אין בלאָטע, ווייטער מיט איבערמענטשלעכע קרעפטן גע-שלעפט דעם יאָך; אַ מינוט בלויז שטיין געבליבן, כדי אַ שלונג טון קאַלטע לופט און ווידער צו קענען שפאַנען עטלעכע טריט פאָרויס.

אַלץ אַרום האָט זיך באַוועגט - קינד-און-קייט האָבן אויף זיך געשלעפט די ביסל אָרעמקייט, באַהאַנגען פון קאָפ ביז די פיס מיט זעקלאַך, קלומיקעס, כלים, מעבל - איז אַ שטאָט געגאַנגען אונטער דראָטן, פאַרלאָדענע קינדער-וועגעלאַך מיט בעטן און שאַפעס ווי שליטנס געשלעפט. איבער די בלאָטיקע גאַסן קראַנקע אויף די אַקסלען געטראָגן. מענטשן ווי וואַנזיניקע, האָבן זיך אין פעדער-מאַטראַצן איינגעשפאַנט און מיטן געוועב איבער דער בלאָטע צום געטאָ זיך געשלעפט... דער אָרעמאַן האָט אַ פעקל מיט צרות, שמאַטעס און איבערגעבליבענע מעבלאַך געשלעפט, און דער פאַרמעגלעכער זיין לעצט ביסל קליידונג, כדי ביים געטאָ-טויער באַראַבעוועט צו ווערן, און בלייבן אויך אַ אָרעמאַן.

די טראָטואַרן, באַלקאָנען און פענסטער זענען פול געווען פון ניי-גיריקע "מיטבירגער", פאַלאַקן, פון וועלכע אַ גרויסער טייל האָבן זייער פרייד נים באַהאַלטן און האַרציק אריינגעלאַכט אין דער פינסטערער וואַקאַ-נאַליע. די פוילישע מיליץ ווידער האָט "מוסטערהאַפט" אָרדענונג געהאַלטן, געממית'ט מיט די שטעקנס, געטאַפט די פעק און שנעל אין די טאַשן און בוזעמער געדוקט... די זשאַנדאַרמען זענען מער "טאַקטישער" געווען, און האָבן פאַרלאַנגט בלויז לעדער, מאַנופאַקטור און גאָלד.

מיר האָבן גליקלעך באַוויזן אַ צווייטן קורס נאָך צו מאַכן מיטן שליטן צום וווינונג און זענען מיט "מזל" געוואָרן בירגער פון געטאָ.

מען האָט זיך קודם-כל באַדאַרפט אויסרוען. די הענט און זייטן זענען געווען צעשניטן פון געשפאַן און די פיס ווי איבערגעבראָכענע. האָבן זיך קוים געהויבן, דאָך האָט מען קיין צייט באַדאַרפט פאַרלירן און גלייך זיך אַ וווינונג אויסזוכן. עס איז גיך טונקל געוואָרן און באַלד איז צוגעפאַלן אַ שוואַרץ-סמאַליקע נאַכט. (דער געטאָ וועלכער האָט געהאַלטן אין שטח אומגע-פער 500 X 800 מעטער, האָט פאַרמאָגט אַבער אַקער-פעלד 2/3 דערפון; ער איז געלעגן ביים מזרח-ראַנד פון שטאָט און אריינגענומען דעם קליינעם דערפל פאַווילאַנקע). איך האָב די ריכטונג צום דערפל געקענט און קוים אין דער פינסטער אַהין זיך דערשלאָגן. איינגעהילט אין נאַכטיקן חושך, איז דער דערפל געלעגן אַ פאַרלאָזענער פון פויערן, וועלכע מען האָט דעמזעלב

טאָג עװאַקואירט אין די יידישע שטאָטישע דירות. כ'האָב אַ טיךל פֿון אַ באַסקע אין דער פֿינסטער אַנגעטאַפּט, אויפֿגעמאַכט און מיר זענען שטיין געבליבן אין אַ פֿוסטער, פֿויערישער הייזל מיט אַ ליימיקן באָדן.

– געפֿעלט דיר דער פּאַלאַץ ?? – האָב איך מיין פֿרוי געפֿרעגט. זי האָט מיר דאַרקיף געענטפֿערט און זיך אַראָפּגעלאָזט אַ מידע אויפֿן באָדן. װי געהרגעטע זענען מיר אַװעקגעפֿאַלן און געשמאַק אַנטשלאָפֿן געװאָרן אויפֿן האַרטן ליימיקן דיל.

אַ אומעטיקער געטאָ-טאָג האָט דורכן קליינעם פֿענסטערל אַריינגעקוקט און גערופֿן אין דרויסן אַנצוקוקן די "יידישע מלוכה" – אַלאַ היטלער. דער געטאָ איז געלעגן אין אַ ליימיק-בלאָטיקן געגנט, און אַן אויפֿהער װי אין אַ מוראַשניק, האָבן יידן געקנאָטן די בלאָטע, הין און הער, זוכנדיק נאָך אַלץ אַ װינקל װו די קאָפּ צו לייגן. מען האָט זיך געטיילט מיט דעם שטיקל פֿאָדלאָגע און מיט אַ ראָג בעט – יעדער לויט זיין שטאַנד און מאָראַל. יידן האָבן נאָך אַלץ געשלעפּט שװערע פּעק, געקרעכצט און צװישן זיך געמורמלט : "איך װאָלט זיי קיין זאַך ניט געטון, נאָר אַלע מאַנאַט אין אַ אַנדער געטאָ געטריבן".

אונטער אַ הויכן, געדיכטן דראָטנעץ צוים האָט זיך דער געטאָ געפֿונען, מיט 1 דורכגאַנגס-טויער, ביי װעלכן עס איז אַ זשאַנדאַר מיט אַ יידישן מיליציאַנער געשטאַנען.

װי שװעמלאַך נאָך אַ רעגן, זענען באַפֿלעקלטע יונגעלייט אויסגעװאַקסן, װערבירטע דורכן יודנראַט, מיט בלויע סטענגעס אויף די היטלען און רונדע בענדלאַך אויף די אַרבל, מיט סערזשאַנטן, אַפּיצירן און פּאָליציי-שעפֿן, האָבן די אָרדנונג-מאַכט איבערגענומען מיט אַ פֿעסטער האַנט.... די דאָזיקע – לכתחילה פּורים-פּאָליציי – האָט זיך פּאַמעלאַך פֿאַרקייקלט צו זשאַנדאַרמעריע-משרתים, און נאָכדעם, ביים ליקװידירן דעם געטאָ, צו דער זייער טרויעריקער ראָלע פֿון פֿאָלקס-פֿאַרעטער און געטרייע געשטאַפּאָ-קנעכט.

דאָס פֿאָלק האָט זיי "דערשמעקט" און פֿיינט געקראָגן, ניט מחמת װייל יידן האָבן פֿיינט אָרדנונג, נאָר װייל מען האָט אין זיי דערפֿילט דעם סינאָנים פֿון היטלערס הערשאַפֿט.

װי געטרייע כלבים זענען זיי ביי דער "שפּערע" געשטאַנען, געהיט און לא-ירחץ-געלט גענומען ביי יעדן יידן פֿאַר אַריינגעשמוגלטן פֿוד קאַרטאָפֿל, קאָרן, מעל און אַנדערע שפּייזן פֿון ערשטן געברויך. דער טויער איז פֿאַר זיי אַ קװאַל געװאָרן פֿון שאַנטאַזש, כאַבאַר און װויל-לעבן. זיי האָבן זיך אין װוילטאָג געבאָדן אויפֿן חשבון פֿון די הונגעריקע ברודער.

(עס זענען אָבער אין אַנדערע שטעט-געטאָס אַ מיליץ געװען, װאָס האָט דערשאַצט דעם גרויסן בראָך, האָט געלאָזט געװער שמוגלען, און געהאָלפֿן נאָכדעם דער יוגנט אין װאַלד לויפֿן ; זענען טאַקע אַנדערע פֿון זיי װי העלדן געפֿאַלן, און אַנדערע װידער זענען בכבוד'יקע פּאַרטיזאַנער געװען).

דאַס פאַלק האַט אויך דעם ירדנראַט פיינט געהאַט און זיינע טשינאַװניקעס, ביוראַקראַטן, װעלכע איז װי א ארויפגעזעצטע מכה אויפן לייב פון פאַלק געזעסן, האַט אַ פאַרקריפלטע און פחדנות'דיקע באַציאונג צו די פאַלקס-אינטערעסן געהאַט, אין װעמענס שפיץ עס זענען געשטאַנען אומפאַפולערע אינטעליגענץ און אסימילאַטאַרן. די גענעראַל-ליניע פון די מענער איז געװען : גלייכשאַלטונג און לאַיאַליטעט, גלויבן און װאַרטן - אפשר, אפשר.. אַבער גיך זענען די אויטאַריטעטן א שפילצייג אין די הענט פון דער געש-טאַפאַ געװאַרן, און א אינסטרומענט צו פאַרנאַרן די אומגליקלעכע קיין טרעבלינקע און אוישװיץ.

אונזער ארבעט ארום שפיטאַל איז געװען לאיבוד, װייל נאַכדעם װי די יידן זענען שוין אין געטאַ געזעסן, איז אויך געקומען דער באַפעל דעם שפיטאַל אין געטאַ איבערטראַגן. מען האַט שנעל געמוזט שאַפן אויף אַ שפיטאַל פאַר אַנשטעקנדע קראַנקע, װייל צוליב דער ענגשאַפט, שמוץ און שלעכטע דירות-באַדינגונגען האַט זיך דער טיפוס גענומען אויסשפרייטן, װעמען מען האַט ענערגיש געמוזט די װעג פאַרצוימען.

מען האַט פאַמעלאַך זיך גענומען איינבירגערן אין די נייע געטאַ-באַדינגונגען און צופאַסן זיך צו זיינע לעבנספאַרמען. די געטאַ-בירגער האַבן גענומען באַװייזן װונדערלעכע, שעפערישע ענערגיע און אונטערנע-מונגס-קראַפט, און האַט אין די דאַזיקע דראַקאַנישע באַדינגונגען אומלעגאַל א גאַנצע לייכטע אינדוסטריע אנטװיקלט, װאַס איז געגאַנגען אויך אויף "עקספאַרט". מען האַט געמאַכט קונסט-האַניג, זייף, שנאַפס, װייכן לעדער, בוימל, קראַכמאַל, פאַטיקע, צוקערקעס, אַלערליי גרויפנס, טאַבאַק מיטן האַנט געשניטן און אין פעקלאַך געפאַקט א.ד.ג.

דאַס איז - פאַרשטייט זיך - אַלץ געמאַכט געװאַרן אין קוסטאַרנעם סיסטעם געהיים און מאַסקירט, - פלעגן זיך אין געטאַ פלוצלינג "געסט" באַװייזן, האַט דאַס אַלץ באַדאַרפט שנעל פאַראַנאַנדערגעװאַרפן װערן, װי קיינמאַל גאַר-ניט.... רוי-שטאַפן פלעגן דורך פאַרשידענע װעגן אריינגעשמוגלט װערן-- צװישן די אַפיציעל צוגעטיילטע פראַװיאַנטן, אונטער האַלץ, קאַרטאַפל. די פורמאַנעס האַבן מעלינעס אין זייערע װעגענער געהאַט, װי אויך מיט די אסענייזאַציע-פעסער, װעלכע פאַרן אויסערן געטאַ זיך אויסליידיקן, זענען איינעװייניק מיט װענט געװען איבערגעצוימט און געדינט שפייז צו טראַנס-פאַרטירן.

יידן האַבן זייער ביסן ברויט פאַרדינט און צום ביידן װונדער פון די שונאים פון הונגער אין געטאַ ניט געשטאַרבן. פאַרקערט נאַך - זיי די שכנים געגעבן צום עסן !!! עס איז צום באַװונדערן געװען דער ניט-אויס-שעפלעכער שעפערישער כוח פון די יידן אין די געטאַ-באַדינגונגען. צי האַט זיך אין אונזערע בלוטן אַפגערופן די אור-אור-געטאַ-זיידעס, ביי װעמען מען האַט אַמאַל דעם בעסטן פערקאַל און שענסטן זייד געקענט קריגן ?

צי דער העראאישער קאמף פארן לעבן דורך דורות, װאס האט די הילנס-קראפט געהארטעװעט האט אויך דא אין געטא געהאלפן דאס אלץ איבערטראגן און נאך הערן א שפעציפישער פאקטאר ? דער דאזיקער פאקטאר, װאס איז א ספעציפיש יידישער און װאס איז א פלוס געװען אין שװערן געטא-לעבן, װאלט ביי קיין שום אנדער פאלק ניט געקענט זיין !!! אין אונזערע געטא-באדינגונגען װאלטן אלע אנדערע פעלקער אין די ערשטע מאנאטן געטא-לעבן פון הונגער געשטארבן.

פארשטעקט טיף אין די קעלערן האבן עלעקטרישע מילעכלאך קארן געמאלן און צוגעשטעלט מעל פאר די "שװארץ-בעקער"; די װידער האבן ברויט געבאקן און פארקויפט - פארשטענדלעך פאר א טייערן מקח.

אין א שטעלעכל ביי מיין הייזל האט א פליט פון לאדזש א קאװע-"פאבריק" איינגעריכטעט און איבערנאכט ביי 200 קילא איבערברענען אין א ספעציעל איינגעריכטעטן אויװן; נאכדעם אין א מיטלאלטערלעכע זשארנע פארנאנדערגעריבן, און דעם געטא, װי אויך דער שטאט - קאװע צושטעלן.

ניט קוקנדיק אבער אויף דעם אלעמען האט אבער דער גרעסטער טייל פון פאלק אין דחקות געלעבט, און אויסגעקוקט אויף דעם ביסן ברויט. טאג-טעגלעך פרי פלעגן מאסן ארבייטער דעם געטא פארלאזן צו דער צװאנגס-ארבעט אין שטאט.

װי שוין פריער דערמאנט, האבן די יידן ביי כל עבודות-פרך געארבעט אויסשטייענדיק גענוג פיין פון די אונטערטרייבער, מייסטערס, אויפ-זעערס און אנדערע שלעק. מידע פון דער ארבעט פלעגן זיי אין אװנט קומען אהיים זיך צו שלעפן, גאנץ אפט צעביילטע, צעבלוטיקטע און מיט צעבראכענע גלידער, געטראגענע אויף די הענט פון זייערע ארבעטס-חברים. די גליקלעכערע פלעגן א ביסל האלץ, עטלעכע ק"ג קארטאפל, א שטיק פעטס קלוג פארשטעקט, ארײנשמוגלען א.ד.ג.

די פרויען האבן אויך מיט פארלייגטע הענט ניט געזעסן, און האבן זיך געקלוגט דעם ביסן ברויט אויסצוקאמבינירן, כדי דעם מאן מיט דער חיונה העלפן. מיט באשטעטיקונגען אלס "שניידערינס", האט מען דעם געטא פארלאזט און באלד צוריקגעקומען מיט טארבעס קארטאפל, ארבעס, מעל א.דג. אפהענגיק װעלכער זשאנדארם ביים טויער פלעגט שטיין; איז געשטאנען די "באבע" (א אלטער זשאנדאר, א פוילער) - איז נאך געװען נישקשה, - ער פלעגט זיך פוילן אויפשטעלן, טאפן, קאנטראלירן, און דאס רוב זיך אפילו ניט מאכן װעענדיק; דאקעגן די "מאלפע", אדער "שטורם" האבן װאך געהאט ביים טויער, איז שוין שלעכט געװען - זיי פלעגן די"סחורה"צונעמען און נאך שלאגן.

באזונדער גרויס דער בראך איז ביי אונזער יוגנט געװען, װעלכע האט צו-להכעיס'דיק פארן אומקום זיך פארנאנדערגעבליט מיטן גאנצן יוגנטלעכן פראכט. אויב עלטערע מענטשן האבן איין הימל פארלוירן,

האבן זיי פארלוירן אלע זיבן הימלען. עס איז אונטערגעװאקסן א פרײַ קולטורעלע און ערצויגענע יוגנט, פאר װעמען די לעצטע 1 1/2 יאר פאר דער קריג, - דער ראסן-מאכט - האט אלע טויערן פון לעבן אויפגעעפנט און געלאזט די יוגנט מיט א אויפגעהויבענעם קאפ צום "שפיץ בארג" מארשירן. אלע פריער פארקלאפטע פאר יידישער יוגנט שולעס, אנשטאלטן, אמטן, האבן זיך ברייט געעפנט, אפילו א קאנסערװאטאריום אויפגעמאכט, װו אונזערע חברה האבן זיך אויף טאלאנט'ן "געשניטן".

טאג און נאכט זענען פון אט דער יוגנט פארהילעכט געװארן פון זינגען און באלאלייקע שפילן פראנק און פריי, דורך די געסלאך און הויפטגאסן פון דער שטאט, װי דאס װאלט געװען א פריידיקער נקמה-געשריי פאר אװעקגערויבטע יארן פון יוגנט-חיות און נאציאנאלע אונטערדריקונג, ביי ספארט-פארמעסטונגען און יוגנט-יום-טובים האט מען.זיי ערשט געקענט זען אין זייער שטאלצער, מוטיקער און בחן'טער בליאונג. יעדער איינער האט זיינע טרוימען געהאט... - װערן א אינזשעניר, א לופט-פליער, א מאטראז, א לאקאמאטיװ-פירער א.ד.ג. די מלחמה האט אומברחמנות'דיק אלע טרוימען צעשטערט און זייער יוגנט חרוב געמאכט. זיי זענען װידער אויף א נידריקע, שפל'דיקע נאציאנאלע מדרגה געלעגן און ניט װינציקער פון די עלטערע פון דעם ברוינעם טעראר געליטן. טיף זייער אומגליק פארשטאנען זענען זיי װי שטאלצע אדלערס פארקלאפטע אין שטייג געזעסן און געװארט אויפן "עפעס" װאס װעט זיכער געשען. זיי זענען געװען די נייעס-ברענגער אין געטא, פלעגן ערגיץ-װו א ביסל גוטע נייעס "דערטאפן", אזוי האבן זיי דאס באלד אין געטא געבראכט, אויף טעלערלאך צעלייגן, קאמענטירן, אויפן דלאניע א מאפע צייכענען, און געבן די עלטערע צו פארשטיין, אז "דאס" איז א פראגע נאך פון א פאר מאנאטן, און "זיי" װעלן לויפן...

אין אזוינע עקסטאזפולע הייליקע מאמענטן, האט מען אויף א רגע פארגעסן די לאטע, דעם געטא, דעם הונגער, די קלעפ, א שװעב געטון אין די הימלען און זיך געפילט פלאטאניש פריי.

פונקט װי די עלטערע האבן זיי פון 14 יאר דעם שװערן לאסט פון דער צװאנג-ארבעט געטראגן, געקליידעטע אין לאכעס, און צעפליקטע שוך, פלעגן זיי טעגלעך דעם געטא-טויער פארלאזן מיט דער האפנונג "די ריכטיקע נייעס" זיך צו דערװיסן און דערביי עפעס-װאס טאקע ארייננצושמוגלען. די יונגערע קינדער פלעגן װונדער באװייזן; ארויסגנבענען זיך פון געטא, ארויסטאן די לאטעס, מסחר'ן מיט קארטאפל, קארן, מעל, מילך, - שנעל װי מזיקים דאס דורך די דראטן ארייננשליידערן און נעלם װערן דעם יידישן מיליציאנער פון אונטער דער נאז. אנדערע װידער פון זעלבן עלטער זענען געװען "סוחרים" פון קלענערן מאסשטאב, זענען מיט זייערע קרעמעלאך אין די הענט, ארומגעגאנגען, ארויסשרייענדיק מיט זייערע קלונגענדיקע קול'עכלאך זייער סחורה : פאפיראסן, שװעבעלאך, סאכארין, רויכער-

פאפיר א.ד.ג. די קלייניקע קינדערלאך האבן זיך אין גייציימיקע שפילן געשפילט- צ.ב. װי אין"א טויער" - קינדער האבן אימיטירט דעם זשאנדארם, דעם מיליציאנער, דער יידענע װאס טראגט די ביסל קארטאפל, און װי דער זשאנדארם שלאגט מיטן שטעקן, און שרייט "פארפלוכטער יודע, מאכסט שװינדעל"....

די אװנטן האט מען זיך אין די פינסטערע קארידארן פון די קאזארמע-װױנונגען צונויפגעזאמלט, זיך דערמאנט די גוטע צייטן, װען מען איז אין שולע געגאנגען, װען מען האט געטענצט ביין אין קינא און אין די גאסן פראנק און פריי, זיך דערמאנט דעם טייך, דעם װאלד, - א קרעכץ טאן װי אלטע. און דורך דער נאכט-פינסטערניש פלעגן זיך טראגן די אומעטיקע נאגנדיקע טענער פון דער פאפולערער געטא-ליד, װעלכער א אומבאקאנטער פאלקס-טאלאנט האט פארפאסט :

ס'איז געװען א טאג א טריבער
געפאלן איז דער ערשטער שניי
יידן האט מען דאן געטריבן
צו די געטאס צװיי.

רעפריין : װיי איז צו די יידן
װאס האבן קיין היימאט ניט
װיי איז צו די יידן
װאס האבן קיין פרייהייט ניט,
עלנט געבליבן - האבן ניט װו צו גיין,
װיי איז צו די יידן,
װאס זענען עלנט װי א שטיין.

.II
געקומען זענען מיר צו די דראטן
האט מען אונז געהייסן שטיין,
צוגענומען די בעסטע זאכן
און אונז דאן געהייסן גיין.

רעפריין : װיי איז צו די יידן א.א.װ.

.III
פיר פאמיליעס אין איין צימער
אין איין בעט ליגט מען זאלבע-אכט
און אין זיך די בעלי-הבית'טעס
קריגן זיך טאג און נאכט....

רעפריין.

עס האט זיך געשטעלט א װינטער מיט גרויסע שנייען און בייזע פרעסט, פון װעלכע עס איז ניט געװען װו זיך צו באהאלטן: קיין האלץ-צוציגלונ-

בען זענען ניט געװען, װי אויך קיין אנדער סרענמאטעריאל, - האט מען "אויסגעטרייבערט" װו נאר א פארקאן-ברעטל איז געװען, און װו א בוימל איז געװאקסן. הונדערט-יאריקע בוימער-װארצלען, װאס האבן זיך איין געטא געפונען, זענען אויסגעװארצלט געװארן, שטאלן און אנדערע אפגעלאזענע הילצערנע געבוידן זענען איבער נאכט נעלם געװארן; טיילמאל איז מען אינמיטן העלן טאג װי הונגעריקע װעלף א פארלאזן הילצערן הייזל באפאלן און מאמענטאל זי "פארשלונגען". דאס האט אבער קנאפ-װאס געהאלפן די בייזע קעלט צו פארטרייבן, װאס האט פון טאג צו טאג געװאקסן.

פונקט װי די בייזע פרעסט, זענען אויך דעם "פירער'ס" רעדעס װאס א טאג געװארן װילדער. ער האט דורך די ראדיא-רופערס געװאיעט, געדראט דער װעלט א שװארצן סוף. און יעדע רעדע איז געװען אונטערגעשמירט מיט אנטיסעמיטישן סם-המוות און גאליקער יידן-פרעסעריי - דאס די יידן זאלן זיך קיין אילוזיעס ניט מאכן און ניט לאכן, - זיי װעלן לאכן אנדערש - האט דער פירער-פאטאלאג געדראט דעם יידישן פאלק.

דער דאזיקער פירער האט זיך אזוי שטארק געפילט אלס נביא, אז אינמיטן א העלן מיטװאך האט ער דערקלערט דורכן ראדיא ניט מער און ניט װייניקער - דאס אין די נעכסטע 48 שעה װעלן פארקומען געשעענישן מיט א גרויס-היסטארישן באדייטונג, און װעלן האבן א געװאלדיקן אויסגאנג אויפן קריג...., אבער עס איז אװעק 48 שעה און נאכאמאל 48 שעה און קיין שרעקלעכעס איז אויפן פראנט ניט פארגעקומען; פארקערט - זיי האבן אלץ געכומען קריגן װארעמערע קלעפ ביי מאסקװע, נו - האט מען צװישן זיך אין געטא געטענה'עט : דער אידיאט מעג זיין א פירער, אז ער האט אזא אקסענע פאלק....

עס האט אן אויפהער א דראבנער שנייעלע װי קרישטאל-זאלץ געשיט, געבריט דאס געזיכט און געשײנדלט פאר די אויגן מיט ברילאנטן-קאלירן און דער פירער האט אלץ גערעדט :"שוין 200 יאר װי עס איז אזא װינטער ניט געװען מיט אזוינע פרעסט; אונזערע סאלדאטן װייזן געװאלדיקע גבורה און שלאגן דעם פיינט....מיר האבן קיין קריג ניט געװאלט... די קריג האט אונז אנגעװארפן די װעלט-פלוטאקראטיע און די יידן, און זיי װעלן דיק קריג האבן...

נאך אזוינע רעדעס האט זיך פלייסיקער געהויבן דער שטעקן ביים זשאנדארם, װאס איז ביי דער שפערע פון געטא געשטאנען, װי אויך פיל צעמזיק'טע פלעגן אהיים פון דער ארבעט קומען. פון צװייטן זייט האבן אבער די רעדעס "געטרייסט" - ד.ה. דער כלב קריצט מיט די ציין, - א סימן - ער קריגט קלעפ, האט מען זיך געסודעט און מקבל באהבה געװען די קלעפ װיסנדיק, אז עס לעבט ערגיץ א שטראפנדע האנט.

אין א װינטערדיקן פרימארגן, װען איך בין פון הייזל ארויס זיך פארנומען צום געטא-שפיטאל, כדי זיך עפעס נייעס צו דערװיסן, האבן

קאלסע זונען-שטראלן אין די אויגן געשטאָכן און דער װײסער שנײאיקער פעלד האָט מיט ברילאנטן-קאָלירן שימערירט קעגן דער זון און געשװינדלט מיט זײין קלאָרקייט פאר די אויגן.

נאָנט ביי די דראָט אויף יענער זײט געטאָ האָבן שװער-אָנגעלאָדענע שליטנס געסקריפעט אין טיפן שניי. כ'האָב א בליק געװאָרפן אויף יענער זײט פארקאָן און פארגליװערט געװאָרן.... עטלעכע גרויסע שליטנס פאר-לאָדענע מיט נאקעטע מענטשלעכע גופים האָט זיך לאנגזאם צום סלאָװישן בית-עולם געצויגן. אויף די נידריקע ברײטע שליטנס זענען פיל קערפערס געװען און געשטאפלט װי קלעצער; װו ניט װו האָט זיך א האנט אָדער א פוס נאָכגעשלעפט, צייכנענדיק נאָך זיך א טיפע ליניע אין שניי. די קעפ ביזן גרונט געשוירן, האָבן װי טונקעלע באלן זיך הין און הער מאכטלאָז גע-טרייסלט, װי זיי װאָלטן א טרויריקע געשיכטע באדויערט. ביים זײט האָט א זשאנדארם געשפאנט מיט א צענדליק אויסגעבלייכטע קריגסגעפאנגענע, װעלכע האָבן רידלעף געטראָגן צו באערדיקן זייערע חברים.

װי פון א קאָשמאר זיך א טרייסל געטון, האָב איך מײן פרוי פון הײזל ארויסגערופן און א געשריי געטון: זע אויף יענער זײט צוים! זי האָט א װײלע זיך צוגעקוקט צום אויסטערליש גרויליקן בילד, װײס װי קרייד געװאָרן, און א װיינענדיקע אין הײזל ארײנגעלאָפן.

אפטער זענען די שליטנס פארביי אונזער הײזל געפאָרן, געלאָדענע מיט גופים פון טויטע קריגס-געפאנגענע, אויסגעטרוקנטע פון טיפוס און הונגער. די געטאָ-יידן װאָס האָבן צװישן די געפאנגענע געארבעט און זיך שטילערהייט געטיילט מיט זיי דעם לעצטן ביסן ברויט, פלעגן דערציילן, אז צװישן די טויטע װערן פארלאָרן אויך קוים-זשיפנדע, װעלכע די דייטשן צװינגען די קריגס-געפאנגענע זייערע חברים אין שליטן צװישן די טויטע ארײנװארפן, און װערן אזוי לעבעדיקערהייט באגראָבן.

אין איינעם, א פארנאכט האָבן זיי פון געפאנגענלאגער אזא גוסס ארויסגעשמוגלט, א נאָנטן קאנדידאט צום גרוב, אים אין א װאָגן צװישן שמאטעס פארשלײערט, און אין געטאָ-שפיטאָל געבראכט. די דאָקטוירים האָבן פיל מי געלייגט, פון זײן בעט ניט אָפגעטראָטן און װידער אויף די פיס אים געשטעלט. עס האָט זיך ארויסגעװיזן, אז דער געפאנגענער איז א לייטנאנט, א לופט-פליער פון דער רויטער ארמיי, װעמענס נאָמען איז געװען ליפשיץ. בײזע צונגען האָבן זיך דערפון דערװוסט און אין געשטאפּאָ דאָס דערטראָגן. בליצשנעל איז געשטאפּאָ אין געטאָ געװען, האָט דעם קרבן ארעסטירט, און אים אָפגעפירט צו זיך אויף א אויספארשונג. משמעות אבער, אז ליפשיץ האָט מיט זײ קנאפ-װאָס חשק געהאט צו דיסקו-טירן און דורך א אָפענעם פענסטער ביי זיי אונטער די הענט נעלם געװאָרן. נאָך דער מעשה האָבן איניקע דאָקטוירים געמוזט פון געטאָ אנטלויפן, אָדער זיך גוט פארשטעקן.

די פאלאקן האבן פון אנפאנג אויך מאראליש קאפיטולירט פארן שונא.
די גרעסטע טייל פון זיי האבן געטרויעט, אז היטלער װעט זיי װידער
א פוילן אויפבויען, האבן גאר גיך אין ברויגעם "משיח" זיך אנטוישט,
און אפילו גענומען אויף אים דרייען מיט דער נאז.
אין אנפאנג 1942 האט א זשאנדארם מיט א פוילישן פאליציאנט פאר-
האלטן ביים ראנד פון שטאט א פארדעכטיקע פור און איר געװאלט רעװי-
דירן. דער פורמאן, א פאלאק, האט מאמענטאל א פיסטאלעט ארויסגעצויגן,
דערהרגעט דעם זשאנדארם, און שװער פארװונדעדיק דעם מיליציאנער, איז
ער נעלם געװארן. די געשטאפא האט דעם שיסער פאר קיין פאל ניט געקענט
כאפן, האט עפעטלעך מיטגעטיילט, אז - אויב אין פארלויף פון 3 טעג װעט
ער ניט װערן צוגעשטעלט, װעט די פוילישע באפעלקערונג זיין פאראנט-
װארטלעך. די געשטאפא האט -װי געװיינטלעך- דעם צוזאג געהאלטן.
נאך דעם טערמין, אז דער פארברעכער איז ניט געװען, זענען ארעס-
טירט געװארן 100 פאלאקן פון דער אינטעליגענץ. עס האט אונזערע "מיט-
בירגער" די מעשה ניט געשמעקט; װאס הייסט דאס נעמען פאלאקן און ארעס-
טירן, און נאך װעמען - דאקטוירים, יוריסטן, לערער, גלחים, - מען
איז דאך ניט קיין יידן - האט מען צװישן זיך געבושטשעט, און געהאפט,
אז מסתמא איז דאס מער ניט װי אנשרעקן, און מען װעט זיי װידער פריי-
לאזן...
דעם דריטן טאג אין אַמנט האט מען אלע 100 ארעסטירטע אויפן
תפיסה-הויף ארויסגעשטעלט, יעדן פערטן (4-טן) געהייסן פון דער רײ
ארויסטרעטן, די 25 אפגעפירט אונטערן שטאט און מיט א מאשין-געװער
אויסגעקוילעט. די רעשט זענען באפרייט געװארן.
נאך דערמעשה האבן די פאלאקן א ביסל פון טאן אראפגעלאזט, און
לכל-הפחות דערזען ביי זייער "אויסלייזער" די נעגל...
פון צייט צו צייט האט דער שטעטישער פארפלעגונגס-אמט צוגעװארפן
אין געטא עטלעכע טאן פוילע קארטאפל, ברוקװע און פערדן-פלייש, א
אנדער מאל אפילו - חזיר-פלייש... בלויז אין די פאלן, װען דער װעטע-
רינאר האט אין שלאכטהויז פעסטגעשטעלט, אז דער חזיר איז ניט געזונט
- דעמלט איז די פלייש אפגעטראנספארטירט געװארן אין געטא.
ערגער איז געװען מיט די פערדן-פלייש. אין מערפאלן איז דאס
געװען פלייש פון אלטע, אויסגעהארעװעטע פערד, װעמענס פעל איז אין
לעדער-פאבריק געגאנגען, און די פלייש איז קובר געװארן אין די געטא-
טעפלאך. אזא שטיקל בשר איז געװען שװער צו דערקאכן און נאך לאנגע
שעה'ען שטיין אויפן פייער איז דאס געבליבן הארט און זשיליק. מיין
פרוי האט נעבעך גוט געקעמפט מיט דער שטיקל פלייש ביז װאנען זי האט
זיך דערטראכט צו מאכן דערפון...קלאפס; דעמלט איז שוין גוט געװען.
איך פלעג נאך דעם "קלאפס" מיט שטארקן כריין פארגיסן, כדי צו פאר-

טרייבן דעם פערדישן ריח, און מאַך דעם אים גאַנץ גיך אַראָפּשלונגען....
פון די פּוילע קאַרטאָפל האָט מען קוגלען געבאַקן; עס האָט זיך אַ ביסל
פוילע-טרכלע געהערט, אָבער עס האָט פאַרנומען אַ װיכטיקן אָרט אין מאָלצייט.

אַרום פּסח-צייט איז די זון אַרויסגעקראָכן, אונטערגעװאַרעמט און
געשמאָלצן דעם גראָבן אייז-פּאַנצער פון דער ערד. די זון האָט געגלעט,
געװאַרעמט, און - װי אַלעמאָל אין פרילינג - אַ נייעם לעבן אָנגעזאָגט.
דער געטאָ איז געלעגן אין אַ טייך פון װאַסער, װאָס האָט פון די אַרומיקע
בערג געלאָזט. יידן האָבן אַ בריקל פון ציגל געבויט, שטיינער אין װאַסער
געװאָרפן, קונציג געשפּרונגען און זיך געקלויבט אַ טרוקענער אין הייזל
אַריינגיין. גיך איז דער װאַסער אָפּגעצויגן און נאָך זיך אַ טיפע און
פעטע בלאָטע געלאָזט, װאָס האָט צוגעפּייפט אונטערן טראָט.

באַלד איז געלעגן דער פעלד אין געטאָ אַ נאַקעטער, אַ פייכטער און
אויסגעװאַרעמטער, געגאַרט נאָך געניטע פּויערישע הענט. מען האָט געמוזט
מיטן אָנגרייפנדן הונגער שטאַרקער נעמען קעמפן. האָבן זיך יידישע גערטנער
פאַרזאַמלט, אַרויס אין פעלד, געטאַפּט די ערד, צװישן די פינגער געריבן,
געמאָסטן מיטן טריט לענג און ברייט, מיט אַקערס אין פעלד אַרויסגעפאָרן
און שאַרפער שטאָל האָט די רוי-ערד געשניטן, זענען זיי פאַרקאַטשעט די
אַרבל געגאַנגען נאָכן אַקער, רעגולירט מיטן אַקערמעסער אין גרונד, װי
ביי זיך אויפן פעלד אין די גוטע פרידנסצייטן, פריילעך איבערשרייענדיק
זיך איינער צום צװייטן, פאַרגעסן זיך משמעות, אַז זיי זענען אין געטאָ -
פרילינג 1942-יאָר.

כ'האָב זיך צו די דאָזיקע געזונטע יידישע פוערן צוגעקוקט און
אַ שטאַרקער באַגער איז מיר באַפאַלן נאָכטון זייער ביישפּיל. "פיל גלייכער
װי אַרבעטן פאַר היטלערן" - האָב איך זיך גערעכט געגעבן, און האַסטיק
גענומען צעגראָבן אַ שטיקל ערד ביי מיין הייזל. אין לויף פון טאָג
איז 30 בייטן פאַרטיק געװען, צעגראָבענע און פאַרקעמטע מיט דער גראַבליע.
האָבן זיי סימעטריש װי שיינע פּריזמעס געשיינט. גיך איז ביי מיר אַ גאָרטן
געװען פון כל-טוב : רעטעכלאַך, אוגערקעס, בוראַקעס, פּאָמידאָרן א.ד.ג.
עס האָט זיך מיר פיל בעסער גענומען לעבן. דעם ערשטן מאָל אין לעבן האָב
איך בערפילט, װי גוט עס איז צו מאַכן "שותפות" מיט דער ערד.

צוזאַמען מיט די זוניקע טעג זענען אויך טרויריקע נייעס אָנגעקומען
פון דער נאָענטער פּראָװינץ װעגן מאַסן-שחיטות און הריגות פון דער גאַנצער,
אָדער - אין אַנדערע ערטער - פון דער טיילװייזער יידישער באַפעלקערונג.
אַזוי זענען די ערשטע טעג פון מאַי געקומען צעלויפן אייניקע פערזאָן פון
לידע און איבערגעגעבן פּרטים װעגן אַ גרויזאַמער שחיטה אין יענער שטאָט.
באַלד זענען נאָך ידיעות אָנגעקומען - איינע שװאַרצער פאַר דער צװייטער -
װעגן אויסגעשאָכטענע שטעטלאַך און אויסגעריבטן יידישן גוטס.

אין די זומערדיקע טעג פון 1942 זענען פיל גרעסערע און
פלעצער יידישע ישובים פולשטענדיק פאַרניכטעט געװאָרן אין מערב-װייס-

רוסלאַנד. ביי אונז, אין דריטן רייך, האָט מען זיך געטרייסט מיט חלשות-מראָפנס, אַז מסתמא װעט דאָס דאָ אַזױ ניט זײַן - פאָרט דריטער רייך ! - האָט מען פּראָבירט מיטן גראָבן פינגער דרייען און זיך אַליין נאַרן.

אין דיזעלבע טעג איז מגולגל געװאָרן אין געטאָ אַ אַנטלאָפענער ייד פון װאַרשע. בסוד-סודות האָט ער דערציילט, אַז פיל יידן פון װאַרשע װערן ערגיץ-װו אַרויסגעפירט, כלומערשט אויף אַרבעט, אָבער גאַנץ גענוי װו מען פירט זיי, װייסט מען נאָך ניט, אָבער מען איז משער, אַז קיין גוטס איז דערביי ניטאָ. די אַלע נייעסן האָט מען אויפגענומען מיט ניט קיין ביסל צװייפל. דער געזונטער פאַרשטאַנד האָט דעם נאַקעטן אמת ניט געקענט פאַרדייען, אָדער מען איז פּסיכאָלאָגיש ניט געװען צוגעגרייט צו אַזאַ גרויסן אומגליק. עס האָט זיך פּשוט ניט געגלויבט, אַז די נאַצישע אכזריות װעט אַזאַ מדרגה אָננעמען פון פולקאָמענער טאָטאַלער פאַרניכטונג.

היטלערס, געבעלס און גערינגס רעדעס האָט מען אָנגענומען װי בילע-ריי, װי אַנטיסעמיטישן "אַפּיל" אויף די קריגס-רעדער, אָבער אַז די מערדער מיינען מיט זייערע רייד אמת, האָט מען געצװייפלט. - "זיי װעלן דאָס ניט טון קעגן דער װעלט" - האָט מען אַזױ זיך איינגערעדט און איינגעבירגערט דעם געדאַנק אין קאָפּ. דער געטאָ האָט דערװייל גע-לעבט "נאָרמאַל". יידן האָבן געשעפטן אויפגעמאַכט, װו מען האָט אַלץ געקענט באַקומען - אפילו אַ טרינק בראָנפן און געבראָטנס, - פאַרשטייט זיך - פאַר "געזאַלצן" געלט. פילע האָבן געשמייעט, געהאַנדלט מיטן צװייטנס לעצטן העמד און רעקל. יידן האָבן זיך איינגעשאַפט זשאַרנעס, אַליין אַ פּודל קאָרן צעריבן, און זיך אַליין אַ ביליקערן ברויט אויס-באַקן, אָבער אימגאַנצן רואיק, װי ביים "טייכל אונטערן בעזעם" האָט מען ניט געלעבט. די ברוינע האָבן חלילה ניט געלאָזט פאַרגעסן פון זיך, האָבן אָפטע אַרעסטן געמאַכט איבער פאַרשידענע אינטעליגענץ און פּאָפּולערע ראַדיקאַלן, באַזונדערס יוריסטן און רעליגיעזע גייסטיקע פירער. די לעצטע האָבן זיך געמוזט דעקן אונטער אַנדערע פּראָפעסיעס. די אַרעסטירטע האָבן שוין װידער די פרייהייט ניט געזען און זענען ערגיץ-װו דער-מאָרדעט געװאָרן.

פון צייט צו צייט האָבן זיך אײַנמיטן טאָג "געסט" - געשטאַפּאָ-אָפיצירן באַװיזן אין געטאָ, אַריינגעשפּרונגען צו פאַרמעגלעכערע יידן מיט בלויזע רעװאָלװערן גענוי אונטערזוכן, צוריבן געלט, שמוק און נעלם װערן.

די װערמאַכט איז אויך מיט פאַרלייגטע הענט ניט געזעסן און גע-שלעפּט פון די קרבנות פוטער-און װאָל-קליידער, מעש, קופּער-כלים - אַלץ אונטערן דראָאונג פון טויט האָט געמוזט אָפּגעגעבן װערן אין יודנראַט.

הונדערטער יידישע שקלאפן האבן פאר דער מיליטער-מאכט אין געטא פילץ-שטיװל געמאכט און האלץ-געגנשטאנדן פאר דער ארמיי. דער יודנראט האט מיליאנען קאנטריבוציעס געצאלט, צירונג געזאמלט, בשתיקה זעלטענע מתנות געגעבן די תלינים, אויף די קני געשטאנען פאר זייערע משונה'-דיקע פאדערונגען. דאס האט אבער אויף קיין האר ניט געענדערט צו אונז די המאניטארע באציאונג, - פארקערט, זיי זענען נאך װילדער געװארן און ניט בעװוסט װאס אויסצוטראכטן.

דער װייזער פון די קריגס-אפעראציעס איז כמעט אויף אן ארט געשטאנען. ניט קוקנדיק אויף די שטורמישע דייטשע אנגריפן, איז קיין װעזנטלעכע ענדערונגען אויפן רוסישן פראנט ניט פארגעקומען. די געטין פון קריג האט גענומען שמייכלען צום ראטנפארבאנד. היטלער האט װידער א "געניאלע" אפענסיװע געמאכט, און זיך דורכגעשלאגן א שמאלן װעג קיין סטאלינגראד. דער פראפאגאנדע-אפאראט האט מורא'דיק זיך צעקלונגען װעגן "גרויסן זיג". די צייטונגען זענען פול געװען מיט בילדער װעגן די ברוינע אין סטאלינגראד, און יובלען, אז "מיר" קאנטראלירן די װאלגע. מערקװירדיק, אז מאסקװע און לענינגראד זענען פון דייטשן קריגס-לעקסיקאן נעלם געװארן. דער דורכשניטלעכער דייטש האט באַ-דארפט פארשטיין, אז דער פירער איז װייטער געגאנגען פון די שטעט, אזש - ביז סטאלינגראד....

מלחמה-קענער האבן זיך געפלפולט און איינגעזען אין דעם א מאנעװר פון ר"פ, צעשפליטערן די דייטשע כוחות, און לציב אין געטא האבן זיך געװיצלט: - נישקשה - האבן זיי געטענה'ט- רוסלאנד איז גענוג גרויס און זי קען זיך מאכן דעם פארגעניגן צו האבן דייטשע בית-עלמין'ס ביי סטאלינגראד... - האבן געטא-יידן געלאכט פון "פירערס" סטראטעגיע.

אנפאנג הארבסט האבן זיך עקשנות'דיקע קלאנגען פארשפרייט, דאס מען װעט ארויסשיקן די יידן (פון גראדנע) ערגיץ-װו אויף ארבעט און װאס װייטער, האבן אלץ "זיכערערע" מענטשן גענומען װעגן דעם רעדן. אין דערזעלבער צייט איז געלונגען אייניקע דרייסטע יידן נעלם װערן פון גרויסאמען פארניכטונגס-לאגער טרעבלינקע. שנעל װי א בליץ האט זיך די "בשורה" פארנאנדערגעשפרייט איבער אלע גרעסערע יידישע ישובים װעגן דער גרויזאמער פארניכטונג פון יידן אין דעם לאגער. די אנטדעקונג האט געזאגט קורץ און לאקאניש... די טראנספארטן גייען קיין מאלקין, 8 ק"מ דאנעבן געפינט זיך א דערפל טרעבלינקע; דארט נארט מען ארייין אין א"באד" די מענטשן; מען גיט זיי אפילו זייף מיט א האנטוך, װו=זיי װערן פארגאזט, נאכדעם - פארברענט.

- עך! - האבן װידער יידן געטענה'ט - װייס איך װאס מען זאגט? - גלאט נעמען ברענען מענטשן? א װעלט איז נאך ניט הפקר!

אָבער די מעשה מיט דער באָד און גאַז איז גאַנץ גוט אין האַרצן אַריינגעקראָכן, האָט קיין רו געגעבן און דעם שלאָף אַװעקגעגזל'ט. עפּעס האָט זיך די דערציילונג איינגעבירגערט אין קאָפּ און נאָכאַנאַנד געבוריעט, אַז מען קען גלויבן – צוליב דער אָריגינעלקייט אַליין, אַז מען פירט אין באָד מען גיט זייף מיט אַ האַנטוך – אַלץ צו װאָס די ניט איבעריק קלוגע און ציניש מערדער זענען פעאיק צו מאַכן מיט מענטשן. אָבער װידער איז דער שטענדיקער בעל-יועץ, דער געדאַנק געקומען, און פּונקט װי אַלעמאָל װען אַ מענטש געפינט זיך ביים ראַנד פון אָפּגרונט, אויך דאָסמאָל געטרייסט, געקרעפּטיקט דער האָפענונג און געמאַכט גלויבן, אַז מסתמא װעט מען דאָס איבערקומען.

די צייט האָט אָבער אַנדערש געװאָלט.

דאָסמאָל האָט דער געדאַנק אָפּגענאַרט און די האָפנונג האָט פאַרפירט. דער זומער איז גיך פאַרשװונדען, מיטגענומען די לעצטע זונען-שטראַלן, איבערלאָזנדיק אַ גרויען הימל מיט װינטיקע טעג. די ביימער אויף יענער זייט געטאָ זענען געשטאַנען נאַקעטע װי אָפּגעשלאָגענע הושענות, זיך געװיגט מיטן װינט און געיאָמערט איבער פאַרשװונדענע זומער-טעג. װאָלקנס-מזיקים זענען שנעל איבערן הימל געלאָפן, אָפּדעקנדיק װו ניט װו אַ בלויע לאַטע, כדי איר װידער צו פאַרדעקן.

כ'האָב שוין באַװיזן אָראָפּצונעמען דעם געבורטס פון מיין גאָרטן און זיך גאַנץ לייטיש פאַרגרייט צום װינטער, װי אויך די כאַטקע אַרומגעשמירט מיט ליים און געװאַרט אויפן "פעטער שנייער".

דער 1-טער אָקטאָבער האָט אונז איבעראַשט: דער געטאָ איז געװען אַרומגערינגלט מיט אַ געדיכטן קאָרדאָן זשאַנדאַרמען, די אַרבייטער האָט מען אין שטאָט ניט געלאָזט צו דער אַרבעט, און מיר זענען געבליבן אין פולער איזאָלאַציע. מען האָט זיך אין קופּקעס געזאַמלט, גערעדט, גערעדט און װידער גערעדט, איבערשלאָגנדיק װי געװיינטלעך, איינער דעם צװייטן, זיך געקלוגט װעגן שליסן דעם געטאָ, פאַרשידענע בויך-סברות אַרויסגעזאָגט, װעלנדיק זיך אַליין אָפּנאַרן. מען האָט דעם יודנראַט באַלאַגערט, אָבער די באַאַמטן האָבן גאָרניט געװוסט, אָדער האָבן געמאַכט אַ שװייג, כדי די מאַסן זאָלן ניט אויפשטורמען.

נאָכמיטאָג איז די שפּאַנונג נאָך געװאַקסן. פאַרביי דעם געטאָ-צוים האָט מען פויערישע פורלעך געפירט די פראָװינץ-יידן, האַלב-נאַקעטע זענען – אַלטע לייט, פרויען און קינדער אויף די װעגעלאַך געזעסן, איינע אין די אַנדערע געטוליעט, בלויע פון קאַלטן װינט, מיט קליינע קלומיקלאַך אין די הענט. האָט מען זיי פאַרפירט פון גראָדנע אין טרויריק באַרימטן לאַגער קעלבאַסין, װו עס איז פריער געהאַלטן געװאָרן יידישע קריגס-געפאַנגענע, פון װעלכע כמעט אַלע מען האָט אויסגעמאָרדעט מיט טיפוס.

אין די פורלאך זענען אַט די מענטשן װי געבונדענע שאָף געלעגן און מיט שטומע בליקן אונז געפרעגט, װו מען פירט זיי.

דער קאָרדאָן איז באשטאנען אין גרעסטן טייל פון ציװילע היטלעריסטן, ברוינע סוחרים, פאבריקאנטן, װעלכע זענען אין יענע טעג געקומען "גאָלד שאַרן" אין די אָקופירטע געביטן; זיי זענען געגאנגען מיט ענטבלויזטע פיסטאָלעטן, אָפטער אין דער לופט געשאָסן, שרעקנדיק אויף טויט די אזוי אויך האלב-טויטע קרבנות.

אין דער שפּיץ איז א פוילישער מיליציאָנער געגאנגען, װי צו א גרויסן יום-טוב געקליידעט, אין װייסע הענטשקעס, מיט גוט געגלאנצטע שטיװל, האָט ער דעם טראָט געשטעלט לויט װעמענס טאקט די טרויער-פּראָצעסיע האָט געפירט, א צעשטראלטער און שמייכלענדער איז דער נפש פאָרויס-געגאנגען, זייענדיק גליקלעך, משמעות װאָס אים - אָ דורכשניטלעכן פוילישן פויער - איז באשערט אזא זכות פון ענטיידישן יידישע שטעטלאך און זיין הימלערס קאמעראד.

אויפן פערטן [redacted]אַג האָט זיך אין געטאָ א מעלדונג באװיזן, געשריבן אין יידן און געװעטע פון יודנראט, דאָס "לויט א באשלוס פון דער דייטשער מאכט װעלן גרעסערע טיילן פון יידן ארויסגעפירט װערן אין ארבעטס-לאגערן קיין אויבערשלעזיען. די אלע באדארפן מיטנעמען 1 ארבייטס-אנצוג, װ יום-טוב-אנצוג, האנטוך שיסל און לעפל, א ציין-בערשטל, א שיך-בערשטל, קליידער-בערשטל, װי אויך שפּייז אויף דריי טעג. דער פּלאן פון די טראנספּאָרטן װעט באזונדער געמאָלדן װערן. עלטסטער פון יודנראט אדװ.זאצאי." האָבן טייל יידן זיך בארויקט : "טסייטש געליינט, שװארץ אויף װייס, מען פאָרט קיין אויבערשלעזיען אויף ארבעט", - און זיך װידער געפּילפּולט : - צו װאָס לוינט זיי שרייבן, אז מען שיקט אויף ארבעט. אויב זיי װילן טויטן, קענען זיי דאָך דאָס מאכן אונטערן שטאָט - האָבן אָפּטימיסטן איינגעטענה'ט מיטן עולם, גלויבנדיק דעם יודנראט.

עס האָט[redacted] זיך אָנגערוקט פיינפולע טעג און שלאָפלאָזע נעכט. דער "װאָס װעט זיין ?" - האָט אין קאָפּ געפּיקט. גראָבע מאכאָרקע-סיגארן האָבן געהאָלפן שלעפן די שװערע לאסטן פון טראכטן, קאָמבינירן און א אויסװעג זוכן, אָבער דערװייל איז דער קרייז געװען הערמעטיש געשלאָסן און מען האָט גאָרניט געקענט אויסקלוגן. די נעכט ביי א קליינינקן נאפט-לעמפּעלע געמאכט פון א פלעשעלע, האָב איך די צעשרויפטע נערװן בארויקט מיט שלום-עליכם'ס-ביכער, װעלכע איך האָב ביי באקאנטע געפונען. שלום-עליכם'ס הומאָר האָט װי א גוטער װיין געװירקט און "שפּאצירנדיק" איבער [redacted] כתרילעװקע, מאזעפּאװקע און קאזעדאיעװקע, האָט מען אלע צרות פארגעסן; טוביה דעם מילכיקער'ס שפּראך און שיינע-שיינדלס בריװ האָט דעם אומעט פארטריבן, און געלאָזט שװעבן אין א אנדערער װעלט. כ'פלעג זיך אמאָלף ניט-װילנדיק, הארציק פונאנאנדערלאכן אזוי איינמיטן דער נאכט

און אויפוועקן מיטן גלעכטער די פרוי, וועלכע האט בשום אופן ניט געקענט פארשטיין, וואס איז אזוי מיט מיר די שמחה, וואס איך לאך אין אזא צייט. מיין פרוי האט זיך גענומען גאנץ ערנסט גרייטן צו דער רייזע. ברויט אויסגעבאקן, בעבלאך אויף טרוקן געקאכט, רוקזעק גענייט, דאס ביסל ארעמקייט צו פארפאקן.

מיין פינף-יאריקע טעכטערל דאקעגן האט זארגלאז מיטן שליסעלע געקוליעט, זיך גארניט מאכנדיק פון אונזערע צרות.

-"מיינסט טאקע ערנסט צו פארן אין היטלערס ארבייטס-לאגער"? - האב איך איינמאל מיין פרוי געפרעגט. זי האט אויף מיר א פאר טרויריקע אויגן אויפגעהויבן, מיר אנגעקוקט און געענפערט ווי געוויינטלעך מיט א פראגע: "וואס, וועסט ניט פארן? זעסטו דאך, אז אלע שכנים גרייטן זיך אין וועג". - גאנץ גוט - האב איך שפאסיק איר א זאג געטון - פאר געזונטערהייט אהין און שרייב מיר ווי דו לעבסט, וועל איך אויך קומען צו דיר. איך פאר ניט - האב איך אנטשלאסן געזאגט - כדאי שטארבן אויפן ארט.

די העכערע יודנראט-באאמטע, פאליציי און פארבינדונגס-לייט מיט דער געשטאפא האבן גאלד, ברילאנטן, דאלארן געזאמלט ביי די פארמעגלעכערע און אויפן חשבון פון קוואליפיצירטע ארבייטער אין ערשטן געטא אפגעשיקט. דער יודנראט איז באלאגערט געווען פון קרובים, באקאנטע, געוו. יחסנים, ארום וועלכע זיי האבן זיך געעסק'ט וועגן פארלענגערן זייער לעבן, איבערלאזנדיק אויף הפקר די ברייטע פאלקסמאסן אין אזוינע שטורמישע טעג.

עס האט זיך ווידער א מעלדונג באוויזן "דאס די אלע וועלכע פארשפרייטן פאלשע קלאנגען, אז די מענטשן פארן ניט אין קיין ארבייטס-לאגער, וועלן באשטראפט ווערן מיט דערשיסן. " עס איז אויך געווען געצייכנט די גאסן וואס פארן די ערשטע "ארבייטן". האבן זיך ווידער די פאלקסמענטשן צעבונטעוועט, זענען געקומען אין יודנראט פורמאנעס, טרעגער, בעלי-מלאכות - האבן סקאנדאלן געמאכט, פארוואס מען הויבט אן דווקא מיט זייערע געסלאך. ווארום! - האבן זיי געשריגן - דאס טיילן קארטאפל, פלייש, הויבט איר אן מיט יענע גאסן, וווּ די רייכערע וווינען?

עס איז שוין ניט געווען צו וועמען שרייען, - דער גרעסטער טייל יודנראט בעאמטע זענען שוין נעלם געווארן אין 1-טן געטא, וועלכער האט פארלויפיג געהאט אריכת-ימים. זענען די פארביטערטע מענטשן אין גאס ארויס, געכאפט פארן האלז די אנטרינענע כלל-טוער, געשלאגן זיי, און מיט די פיס געטראטן, דאס פארביטערטע הארץ צו זיי אויסגעלאזט.

אויפן פארטאג האט באדארפט אפגיין דער ערשטער טראנספארט פון אונזער ראיאן. כ'האב ווידער געפרוווט שפילן מזל מיטן לעבן; האב דער פרוי און קינד גענומען, אוועק מיט זיי ביים טויער, וו פיל "אויסדער-ווילטע" זענען געשטאנען און געווארט דאס די געשטאפא זאל זיי לויט די אויפגעגעבענע רשימות פון "נויטיקע ארבייטער" איבערפירן אין 1-טן געטא. און ווען דער געשטאפאווער האט באהאלטן דעם געזיכט אין די הענט, כדי א ציגארעט פארויכערן, האב איך מיט מיין קליינער משפחה זיך ארייג-געגנבעט אין די רייען פון "גליקלעכע" און מגלגל געווארן אין 1-טן געטא.

אין שמאלע, קרומע געסלאך צווישן בתי-מדרשים און דעם באד איז צונויפגעשפארט געווארן ביי 15,000 יידן, וועלכע האבן איינער אן צווייטן זיך געריבן, אפילו "שפאצירנדיק" אין דרויסן.

אין די געסלאך איז געלעגן א שווארצע בלאטע און געשטונקען מיט השתנה און מענטשלעכע צואה. ווייט פון א בוים, האריזאנט און א זון-אויפגאנג, האט דער געטא געמאכט דעם איינדרוק פון נוח'ס קאסטן, אדער א גרויסער תפיסה-קאמער.

ווי אין א בינשטאק איז יעדער ייד געווען פארנומען מיט זיין געשעפט - א כשרער צי א טריפה'נער - אבי ברויט פארדינען. אויך די ענגשאפט אין די צימערן איז געווען איבערנאטירלעך; מען האט זיך וווינונגען געמאכט אויף בוידעמער, אין קעלערן, אין בתי-מדרשים, און אפילו אין דער באד, ווי אויך קאזארמע-בעטן געבויט - איינער אויפן צווייטן.

קינדער מיט פארזארגטע פנים'לעך, פון וועלכע עס איז דער שמייכל און געלעכטער ערגיץ-וו נעלם געווארן, האבן אין בלאסע געפלעסקעט, און ווי גרויסע - וועגן מסחרים גערעדט. זיי זענען גייסטיק רייף געווארן, אויף יארן עלטער, האבן זיך קיינמאל ניט פארגינען צו שמייכלען און געפילט דעם בארג וואס איז אויפן ברוסט געלעגן.

גאר גיך איז דער צווייטער געטא ליקווידירט געווען.

עס זענען אויך גרוסן אנגעקומען פון די פראווינצער יידן, וועלכע האבן זיך געפונען 6 ק"מ פון שטאט אין לאגער קעלבאסין. די לייב האט געשטאכן הערנדיק, ווי א געשטאפא-גזלן, א געוויסער רינצלען פייניקט די קרבנות, - טרייבט יונג און אלט אויף "איבונגען", די וואס פאלן - שיסט ער ; פייניקט מיט וואסער, לאזט אויסגיין טעגלעך הונדערטער פון הונגער, לאזט ניט האבן די מענטשלעכע באדערפענישן, און ענלעכע סאדיס-טישע מעטאדן פון פארניכטונג.

עס האט זיך קלאנגען פארשפרייט, דאס אינגיכן וועט זיך אנפאנגען די טראנספארטן פון 1-טן געטא און אין א גאנץ קורצן טערמין באדארף די שטאט זיין יודנריין... ווידער זענען מיר געשטאנען מעגלעכקייט צו פארלירן די לעצטע רעטונג-ברעט.

מענטשן האָבן פיבערהאפט בסוד-סודות געגרייט באַהעלטענישן מיט קונצלעך מאסקירטע אריינגענג. אַזוינע ניט-געװיינטלעכע פלענער און כשופ'דיקע אונטערערדישע היילן קען נאָר געבוירן װערן אין קעפּ פון פאַרמשפּטע צום טויט.

סוף-כל-סוף האָב איך באַשלאָסן זיך אַנשליסן צו א בריגאַדע אַרבייטער, כדי צו קענען טעגלעך לעגאַל דעם געטאָ פאַרלאָזן, און א "טאָפּ" טון די לאַגע אויף יענער זייט װעלט. מיט א בריגאַדע אַרבייטער װאָס האָבן געאַרבעט אין דערבייאיקן מיליטער-שפּיטאָל, האָב איך טעגלעך דעם געטאָ פאַרלאָזן. קוים דערלעבט דעם פרימאָרגן, בין איך שוין ביים געטאָ-טויער געװען צוזאַמען מיט די איבריקע אַרבייטער און אומגעדולד װאַרטן ביז דער געטאָ-מיליציאַנער װעט א געשריי געבן "מיליטער-שפּיטאַל", - דעמאָלט מיט די עלנבויגנס א װעג מאַכן צװישן די פילע אַרבייטער. און פאַרויס דורכגיין די שפּערע, ביי װעלכע דער געשטאַפּאָװעץ הויבט דעם שטעקן אין דער הויך און ציילט : 2 - 8 - 16 - 24 - 30; 30 - שרייט ער צו א צװייטן זשאַנדאַרם, און דער שרייבט איין אין בוך - 30 יידן אַװעק אין מיליטער-שפּיטאַל.

די אַרבעט אין שפּיטאָל איז ניט געװען קיין שװערע, דערפאַר אָבער א - "אינטערעסאַנטע". איך האָב דעם גליק צו זיין דער טרעגער-מייסטער און מאַכן פאַר ניטלערס זעלנער אייביקע "הילצערנע קליידער". מיט פאַרגעניגן האָב איך אויסגעפירט די אַרבעט פאַר די ניט-דערלעבטע זיגער פון דער װעלט, האָבנדיק טיף אין האַרצן א סאַטיספאַקציע פאַר דער גרויסער עװלה װאָס עס געשעט אונז.

איבער די ברייטע ליכטיקע קאָרידאָרן פון שפּיטאָל זענען ברוינע קעמפער אָן הענט און פיס אַרומגעקראָכן, געשלאָגענע אויפן רוסישן פראָנט, אַנדערע זענען אין די בעטן געלעגן און װאָס צװישן זיך געבאַלבעט. אין א סעפּאַראַטקע איז א אָפיציר געלעגן מיט טיפע געלבזוכט אין געזיכט. איך האָב זיך ביי אים אין צימער װאָס געפּאַרעט, און פאַרזיכטיק אים אין צונג "א פיק געטון" מכוח זיין קראַנקהייט. דער האָט זיך ניט געלאָזט בעטן און דערציילט, אַז ער האָט געקריגן "געבבענטשט" ביי לענינגראַד. - מיר װונדערט - האָב איך תמ'עװאַטע צו אים גערעדט - די דייטשן האָבן אַזוינע גוטע אַעראָפּלאַנען, טאַנקען און זעלנער און דער קריג איז נאָך ניט צו ענדע ?... ער האָט אין סופיט בעקוקט און גערעדט: - מיר האָבן א אירטום (א טעות) געהאַבט, די רוסן זענען פיל שטאַרקער װי מיר האָבן געמיינט, און זייער קריגס-װאַפע איז ניט קיין ערגערע פון אונזערער... זייערע באָמבער און טאַנקען זענען גאָרניט קיין שפּילצייג - האָט ער מיט ערנסט באַדויערט, און איך האָב לעקעשעװאַטע מיטן קאָפּ געשאָקלט און געשמאָלט : א, א, יעצט פאַרשטיי איך שוין....

װידער האָט מען גענומען זיך סודן, און דער יודנראַט האָט דערװייל

גענויע רשימות צוגעגרייט פאַר די װאָס װעלן באַדאַרפֿן פֿאָרן די ערשטע "אַרבייטן". אויפֿן ערשטן פֿייער זענען אויך דאָ געגאַנגען "האַמער, שער און אייזן". אין געטאָ האָבן זיך גוייִשע עלעקטרישע מאָנטיאָרן באַװיזן, האָבן איינגעריכטעט גרויסע לאַמפּן און אין די שמאָלע פֿינסטערע געטאָ־געסלאַך איז בייִנאַכט העל און ליכטיק געװאָרן; האָבן אין אַלע ליכט צעשיקט ניט לאָזנדיק זיך באַהאַלטן פֿון טויט.

גענוי לויט די רשימות זענען די געטאָ־פּאָליציי איבער די הייזער געגאַנגען, צונויפֿגעזאַמלט די קרבנות אין דער גרויסער שול. רעזיגנירטע איז מען געגאַנגען, באַהאָנגען מיט רוקזעק, קוישלעך, קינדער פֿאַר די הענט געפֿירט און אויף די הענט געטראָגן, צונויפֿגעפּרעסטע אין ענגשאַפֿט טויזנטער פֿערזאָנען, איז מען פֿיל שעה׳ן אויף די פֿיס געשטאַנען, ניט קענענדיק באַװעגן מיט א גליד, אין דער אייגענער השתנה, האָט מען די אויגן צום סופֿים געהויבן און רחמים געבעטן ביים באַשעפֿער – ער זאָל אויסלייזן.

זענען די "אויסלייזערס" אויפֿן פֿרימאָרגן געקומען אין געשטאַלט פֿון אוקראַינער און זשאַנדאַרמען, און מיט הילצערנע שטעקנס געטריבן די מאַסע אויף זייער לעצטן װעג צום װאָקזאַל.

אין איינעם אזא טראַנספּאָרט האָט די פּאָליציי אויסגעשטרעקט די הענט אויך מיר מיט מיין קליינער פֿאַמיליע צו פֿאַנגען. װי געװיינטלעך, איז דער פֿאַרנאַכט געװען שוין אומרואיק. װאָקזאַל־אַרבייטער זענען צוריק־געקומען אין געטאָ און דערציילט, אז אויף זייטיקע רעלסן שטייט גרייט פֿערציק ליידיקע װאַגאָנעס. די אַרבייטער צו נאַכט־אַרבעט האָט מען אויך ניט אַרויסגעלאָזט פֿון געטאָ. עס האָבן זיך די עלעקטראָ־פֿאָנאַרן אָנגעצונדן און װי געװיינטלעך – עס האָט גענומען שמעקן מיט טויט.

דאָסמאָל האָט מיין ברודער א באַהעלטעניש געפֿונען – דװקא אויפֿן שול־בוידעם. מיט א שטאָק נידריקער האָט זיך דער שפּיטאָל געפֿונען, װו ער האָט געאַרבעט אלס פֿעלדשער. מיר האָבן קוים אין דער פֿינסטער אויף די שטיגן אַרויפֿגעקראָכן, זיך פֿאַרשטעקט אין די געזימסן פֿון ביזאַנטיש־געבויטן דאַך, װי א קוילן־װאַרפֿער האָט זיך פֿאַראַנאַנדערגעטרעשטשעט (און טויט־שרעק אויף לעבעדיקע אָנגעװאָרפֿן). עס האָט דער מלאך־המות גענומען הוליען אין געטאָ און יעדער האָט זיך אומהיימלעכן אָטעם געפֿילט; עס איז מיט אים פֿול געװאָרן אַלע געסלאַך, קעלערס און בוידעמס. די פּאָליציי איז אויסערגעװיינטלעך אַקטיװ געװען, מיט עלעקטרישע לעמפּלאַך אומעטום געזוכט, און מיט האַמערס אין די װענט געקלאַפּט, צי זיי זענען ניט פּוסט. דער געשטאַפּאָװעץ האָט זיי געװאָרנט, דאָס אויב די גענויגנדע צאָל קרבנות װעלן ניט זיין ביז פֿאַרטאָג צונויפֿגעזאַמלט, װעט ער זיי פֿאַרפּאַקן מיט זייערע װייבער, כלות און קינדער.

מענטשן צאָלן פאַר א שעה לעבן די גרעסטע גאָלד־פרייזן – בפרט דער געשטאַפּאָװעץ זאָגט צו דער פּאָליציי, אז זיי װעט קיין שלעכטס געשען, ער װעט זיי לאָזן לעבן.... ארבעטן די פּאָליציי װי מחבלים, כדי דעם אייגע־נעם נפש צו ראַטעװען; געפונען זיי מעלינס איינע נאָך דער צװייטער, פון װאַנען עס גיט א זעץ א שװעקלעכער ריח פון שטיקשטאָף און עיפּוש. טרעפן אנדערע אנטדעקטע מיט שװאכע נערװן, האלטן זיי ניט אויס, װערן משוגע, טאנצן, "שפּרינגען, פּאַטשן מיט די הענט, זינגען א.ד.ג.,(מוז שוין די פּאָליציי אזא פערזאָן ערגיץ־װו אָפּפירן, װו דער געשטאַפּאָװעץ ערלעדיקט איינס־צװיי). הערט מען, ליגנדיק אין באַהעלטעניש װי ארום דער שול פאָרן שװערע לאַסט־װעגענער, װי מען פארלאָדט אלטע לייט, קראַנקע, קינדער, אז זיי זאָלן ניט באַדאַרפן זיך מאַטערן אין א פּראַסטיקער נאַכט צום װאַקזאַל, װאָס איז אַן ערך 2 ק"מ װייט. אמת – קיין סך אכט אויף קינדער לייגט מען ניט, צ.ב. די יונגענקע פון בית־היתומים, פינדל־הויז, װאָס קענען זיך אליין ניט אָנטון די מלבושים'לעך, כאַפּן די דייטשן פאַר א הענטל, פיסל אָדער קעפּל, און שליידערן אין מאַשין אריין, שניידן די קינדעריש קול'עכלאַך אדורך אלע 7 הימלען און פּולן אָן אויך אונזער באַהעלטעניש מיט יאָמער.

קומט אויפן פרימאָרגן די קראַנקן־שװעסטער (מיין ברודערס פרוי) פון שפּיטאָל אין אונזער באַהעלטעניש, א װייסע און צעבראָכענע, גיט זי א פאַל אויפן פּאָדלאָגע, װיינט, קרעכצט און דערציילט: זי האָט די נאַכט דינסט געהאַט ביים טראַנספּאָרט, האָט זי דאָס אלץ געמוזט צוזען מיט די אויגן, שלאָגט זי זיך מיט די קולאַקעס אין קאָפּ און האָט טענות צו גאָט, פאַרװאָס איר הארץ האָט ניט געפּלאַצט... זי יאָמערט און דערציילט: דאָקטוירים אין װייסע שירצן מיט אינסטרומענטן האָט מען צום חוזק־שפּיל געבראַכט, כלומרשט "באַגלייטער" פון דעם טראַנספּאָרט; און איינער צװישן זיי איז א "שיכור'לעכער" געגאַנגען, ער האָט זיך א איינשפּריצונג פון גיפט גע־מאַכט. זי האָט אים אין גרויען פאַרטאָג דערקענט – דאָס איז געװען דאָקטאָר קלינגער, באַרימטער געלערנטער און װענעראָלאָג פון לאָדזש, װעמען די מלחמה פון 1939 האָט פאַריאָגט אהער, קיין גראָדנע, און יעצט, א װאַקלענ־דיקער, איז ער זיין לעצטן װעג געגאַנגען.

אויפן פאַרטאָג האָט מען אונזער באַהעלטעניש "דערשמעקט" און מיר האָבן גלייך געמוזט נעלם װערן. דער זעלבסטערהאלטונגס־אינסטינקט האָט רוען ניט געלאָזט, און װי חיות האָבן מיר געלויערט א באַהעלטעניש צו געפונען. צופעליק האָבן מיר אויף אזא זיך אָנגעשטויסן, װעלכע האָט זיך געפונען אין שטאַרק טונקלען קעלער פון דערזעלבער גרויסער שול, װו עס איז געלעגן א גרויסער זאַפּאַס קאַרטאָפל פאַר דער געטאָ־קיך. אין א אָפּגע־צוימט געמויערטער װאַנט איז א גוט מאַסקירטע ציגל־טירל געװען אין

קװאדראט פון 30 X 30 צ"מ, װעלכע האָט זיך אויף אייזערנע שערנירן בא-
װעגט; יודנראט-באאמטע האָבן פון פריער געהאט איר פאר זיך צוגעגרייט.
דורך דער קליינער לאָך, װעלכער האָט זיך געפונען רעכטס ביי דער ערד,
זענען מיר איינציקװייז ארייננעקראָכן אין א געמויערטער קאמער, א
איינגעריכטעטע מיט עלעקטריע, פעלד-בעטלאך, קאָלדרעס און א פולער
װינקל מיט מערן, בוראקעס און טרוקן ברויט... בלויז װאסער האָט געפעלט.

דאָס איז שוין געװען דער צװייטער טאָג פון דער "אקציע". געשטאָפּט
און פאָליציי האָבן נאָך אלץ געװילדעװעט אין די געטאָ-געסלאך און האָבן
שוין געהאט ביי א 6000 מענטשן אָפּגעטראנספּאָרטירט. 15 מענטשן זענען מיר
יעצט אין געהיימען הייל געװען : צװישן אונז דריי דאָקטוירים, א מוטער,
א טאָכטער מיט איר מאן; זייער קוים יאָריקע קינד האָט כסדר געפּישטשעט,
װאָס האָט געדראָט אונזער מעלינע מיט אויפדעקן. די בוטער האָט דאָס לו-
מינאל איינגעגעבן צום שלאָפן און קוים דאָס באַרויקט.

מינוטן האָבן זיך װי שלאנגען געצויגן און שעה'ן װי יאָרן.איבערן
קאָפּ איז דער בעטאָן-באָדן פון שול געװען, איבער װעלכן עס האָט נאָכאנאנד
געפּויקט לויפנדע מענטשן-טריט פון געיאָגטע פארטיעס, געזאמלטע אָדער
אנטדעקטע יידן. די טופּעריי איז מיט אויטאָמאָטן-שאָסן באגלייט געװען,
הינטישע בילעריי און קולות'דיקע זידלװערטער פון זשאנדארמען.

כ'בין ביים טירל פון הייל געלעגן, װי א חיה די אויערן געשפּיצט,
זיך צוגעהערט צו יעדן שאָרך אויף יענעם זייט קעלער, בין צום סוף מיד
געװאָרן פון דער געשפּאנטקייט און מיין ברודער האָט מיר פארביטן. עס
האָבן מענטשלעכע טריט אויף יענער זייט זיך דערהערט, און עלעקטרישע
שטראַלן פון א טאַשן-לעמפּל האָט צװישן שפּעלטלאך פון די ציגל אין דער
פינסטערניש פון אונזער הייל זיך אריינגעשניטן....

באלד איז א פראגע אין דייטש געקומען : "איסט היר נימאנד דא?"
דאָס בלוט האָט א פריר געטון – א צװייטע שטים האָט געענטפערט : "היר
איז דער קארטאָפל-קעלער דעס יודנראטעס"... די טריט האָבן זיך דערװיי-
טערט און עס איז רואיק געװאָרן. דערװייל זענען מיר געראטעװעט – האָבן
מיר אלע פארשטאנען, אָבער נים געקענט קומען צו זיך פון שרעק. די
הארץ האָט געקלאַפּט װי קלעפּ אין א בוים. ארויסגיין פון הייל האָט מען
נאָך אלץ נים געקענט, עס האָבן נאָך אלץ אויטאָמאטן-סעריעס געטראסקעט
און פיל מענטשן זיך באװעגט. עס איז שוין באלד דריי מעת-לעת װי מיר
זענען געלעגן אין אונזער באהעלטעניש. כאָטש מיר זענען געװען 15 מענטשן
האָט אָבער זעלטן װער צום צװייטן גערעדט; פארשלאָסענע אין זיך איז יעדער
איינער געװען פארטיפט אין זיין "װעלטל", געסן-הכל'ס פארגאנגענע
יאָרן פון פרייד און פרייהייט, און אפילו מיט בענקשאפט דערמאנט אין
זכרון יאָרן ניט קיין "פויגלדיקע", אָבער מען האָט זיך פארט אין אזא
לאָגע נים געפונען.

יעדער וואָרט איז שטיל אַרויסגערעדט געוואָרן ווי ביי אַ חולה צוקאַפּנס, ווייסנדיק אַז מען הימ אזא טייערע זאַך ווי לעבן. די שרעק, אויפגערעגט־קייט און נערוואַזיטעט האָט אַ שלאָף אַנגעוואָרפן, מיט וועלכן מען האָט גע־דאַרפט קעמפן, כדי ביים שלאָפן ניט צו כראָפן. איז מיר שטאַרק ניט ליב געווען דער עטלעכע־און־זעכציק־יאָריקער דאָקטאָרין כסדר וועקן, דאָס זי זאָל ניט כראָפן.

מיר האָבן צום עסן געהאַט אַ בלעכן שאַכטל האָניג און ברויט, וועלכע איז שוין ביי מיר פון פריער געווען גרייט אויף "הלוואי זאָל מען ניט באַדאַרפן" צו נעמען אין מעלינע, — איז אַ שטאַרקער דורשט באַפאַלן פון די זיסקייט און עס איז קיין לעק וואַסער געווען אים צו לעשן. אונזער 5־יאָריקע טאָכטער האָט געקרעכצט, זיך געשליידערט אין אַלע זייטן, טרינקען געמאָנט אָבער זי האָט פאַרשטאַנען די געפאַר און קיין קולות ניט געמאַכט. אַרויס־גיין פון מלינה האָט קיין רייד ניט געקענט זיין.

כ'האָב פון קעשענע ערגיץ אַ טשוואָק אַרויסגעגראַבלט, אין בלעכענעם דעקל פון דער האָניג־כלי עטלעכע לעכלאַך אַדורכגעקוועטשט, צעריבן דאַרויף עטלעכע רויטע בוראַקעס און מיטן זאַפט געלאַשן דעם קינדס דורשט.

עס איז אויפן גאַס אַביסל רואיקער געוואָרן, די שיסערייי האָט זיך איינגעשטילט, די באַוועגונג פון מענטשן איז שוואַכער געוואָרן. לויטן זייגער האָבן מיר זיך אָריענטירט, אַז עס איז שוין 10 פרי. שוין העכער דריי מעת־לעת ווי מיר זענען פאַרשטעקט געלעגן. מיר האָבן זיך געקלוגט וואָס צו טון : פון איין זייט האָט אונז געשראָקן, טאָמער האָט מען אַלעמען פון געטאָ אַרויסגעפירט, און בלויז מיר זענען אַליין געבליבן, טאָ — ווי וועט זיין אונזער ווייטערדיקער לעבן, וואָס וועלן מיר טון ? פון צווייטן זייט זענען מיר ניט זיכער געווען, צי די "אַקציע" האָט זיך שוין איינגעשטילט, — אפשר איז דאָס אַ שפּיצל פון דער פּאָליציי, דאָס די באַהאַלטענע זאָלן זיך אין גאַס באַווייזן ? — האָבן מיר זיך געישובט און צו גאָרניט דערטראַכט זיך.

— כ'וועל אַרויסקריכן "אַ שמעק" טון — האָב איך זיך שטילערהייט אָנ־גערופן; כ'האָב גלייך אויסגעטון די שיך, כדי קיינער זאָל מיין שאָרך ניט הערן און גרייט געווען פון הייל אַרויסקריכן; מיין טאָכטערל האָט מיר אָבער פאַר די פיס אָנגעכאַפּט, זיך צו מיר געטוליעט, מיטן גאַנצן גופל געציטערט און נאָכאַנאַנד געבעטן : "פּאַפּעלע, גיי ניט אַוועק, גיי ניט אַוועק ! זי איז גרייט געווען קולות צו מאַכן און מיר פון זיך ניט אָפּלאָזן. כ'האָב געמוזט רעזיגנירן פון דעם פּלאַן, און ווידער האָט אַ טויט־אַנגסטלעכע שטילקייט באַהערשט אונזער פינסטערן הייל. ביים דאָקטאָר אויפן האַנט האָט אַ האַנט־זייגערל געטיקעט און געפּיצלט שעה'ן און סעקונדען וועלן ניט וועט האָט זיך עמיצער איבערגעדרייט פון איין זייט אויפן צווייטן זייט, כדי אַ ביסל אים אויסרוען פון די שטיינדלאַך

און שטיקלעך ציגל, װאָס איז געלעגן אויף דער ערד, און װאָס האָט דורך די קליידער אין די זייטן געשטאָכן. (װי שוין פריער דערמאָנט, איז אויך געװען אין הייל עטלעכע בעטלאַך מיט קאָלדרעס, האָבן מיר דאָס אָפּגעגעבן צו דער דיספּאָזיציע פון די מאַמעס מיט די עופּה'לעך).

עס האָט זיך אויף יענער זייט טירל טריט דערהערט פון אייניקע מענטשן; באַלד האָט אויך א סקריפּע געטון די הילצערנע קאַסטן װאָס האָט מאַסקירט דעם צוגאַנג צו אונזער הייל. עמיצער האָט גענומען שפּאַרן די טירל... די בלוט ■אָט א גליװער געטון, מען האָט זיך איינגעקװ■רטשעט, קלענער געװאָרן און דאָס האַרץ טאַרמאָזיל(ט). כ'האָב ביי זיך מאַמענטאַל אָפּ-געפּסקנ'ט "איך גיי ניט ערגיץ – מעג דאָ זיין דער קבר"! עמיצער האָט נאָכאַנאַנד דאָס טירל עקשנות'דיק געשפּאַרט און עטלעכע מאָל אויסגערופן : "עפנט ! האָט ניט קיין מורא, מיר זענען יידן !"

אוי יידן, יידן, האָט איינער צום צװייטן פאַר פרייד געשעפּטשעט, פילנדיק מיטן אינסטינקט, אז אויף יענער זייט הייל איז טאַקע אמת'דיקע יידן. כ'האָב די טירל אָפּגעשפּאַרט, עלעקטריע אָנגעצונדן, און א עלטערער ייד האָט די קאָפּ אין אונזער מלינה אריינגערוקט, אָנזאָגנדיק אונז א בשורה : "גייט ברודער, איר זענט שוין פריי, שוין נאָך אַלעמען".
יעדער איינער פון אונז איז גרייט געװען פאַלן אויפן האַלז דעם ראַזיקן מלאך-הגואל און אים קושן פאַר דער פריילעכער בשורה, דאָס ענדלעך זענען מיר "פריי" און פאַרלויפיג געװונען דעם לעבן.

אונזער ערשטע בקשה איז געװען אונז צו ברענגען א עמער װאַסער, װאָס איז טאַקע באַלד באַשאַפן געװאָרן. מיר האָבן זיך אַלע צום װאַסער געכאַפּט דעם דורשט געלאָשן און תיכף דעם עמער ליידיק געמאַכט. די יידן האָבן זיך געװונדערט, װיאַזוי מיר האָבן זייער מלינה "דערטאַפּט". "אייער מעלינע איז װערט גאָלד, ברודער" – האָב איך פריילעך זיי געענטפערט און יישר-כוח געגעבן.

זיי האָבן אונז באַלד דערציילט די"לעצטע נייעס", דאָס עס איז פון געטאָ אָפּגעטראַנספּאָרטירט געװאָרן די לעצטע דריי מעת-לעת (10,000) צען-טויזנט יידן. פיל ליגן דערשאָסענע אין די גאַסן און הייזער און װאַרטן אויפן לעצטן חסד. און אין געטאָ איז געבליבן ביי (4000) פיר-טויזנט יידן פון די סאַמע נויטיקסטע אַרבייטן. "מען האָפט, אז מער קיין טראַנספּאָרטן װעט שוין ניט זיין" – האָבן זיי פאַרענדיקט דעם באַריכט מיט א האָפנונגס-פולן װונטש.

מיר זענען פאַרזיכטיק פון דער מעלינע אַרויסגעקראָכן, איר גוט פאַרמאַסקירט אויף "הלװאי זאָל מען ניטש באַדאַרפן" און דערזען די ליכטיקע שיין. די פרישע דרויסנדיקע לופט האָט זיך אין די טוכלע לונגען אריינ-געכאַפּט, דעם אָרגאַניזם אָפּגעפרישט און געמאַכט אָטעמען מיטן פולן ברוסט-קאַסטן. די טאָג-ליכט האָט די אויגן געבלענדעט, געשטאָכן און מען האָט

געמוזטשמורען די אויגן, כדי װידער צו קענען פאַרדייען די טאָגליכט.

א נאַסער קלעביקער שניי איז שטיקערװייז אויף דער ערד געפאַלן, געדעקט דעם שװאַרצן פאַרבלאָטיקטן ברוק, און בשום אופן די קאַלוזשעס בלוט ניט געקענט פאַרדעקן, װעלכע זענען פון אונטערן נאַסן שניי אַרויס-געקראָכן און צום הימל געשריגן. געטאָ-יידן האָבן אײליק די הרוגים צונויפגעקליבן און אויפן אלטן, קרוב 300-יאָריקן בית-עלמין געפירט, װעלכער האָט זיך אין געטאָ געפונען. ערגיץ-װו ביי א פאַרקאַן האָט זיך נאָך א פאַרגעסענער נפטר געװאַלגערט, די הענט צעשפּרייט װי ביים שװימען איז ער אויף א זייט געלעגן, דער פנים בלייך-פאַרשטײנט, מיט אָפענע אויגן און פאַרבלוטיקטן שלײף, האָט דער נאַסער שניי בשום אופן זיין פנים ניט געדעקט, װעלכער האָט אלץ ענטבלויזטערהיים טויט-שרעק אויס-געדריקט.

אויף שטיינערנע טרעפּ איז א געשאָסענער יינגל געלעגן אין א גראַנאַטן שילער-מאַנטל מיט גלאַנציקע קנעפּ; ער איז אויפן רוקן אין א פלאַכע קאַלוזשע בלוט געלעגן, װעלכע איז קרום-ליניק פאַרגליװערט געװען אַרום, א װייס-שאַרפע נאָז, עטװאָס אויפגעמאַכטע אויגן און װייסע קינדע-רישע מיין האָבן שטאַר צום באַלקן געקוקט. דער פּאָסער איז איבער אים געשטאַנען, האָט װאָס מיט די ליפּן געפּרעפּלט, א גרימאַסע צום װיינען גע-מאַכט, אָבער זיינע אויגן זענען טרוקן געװען. די מאַמע, װי א פאַרװונ-דעטע חיה, האָט זיך אַרום קרבן געדרייט, די הענט געבראָכן, געװורבנט איבער איר קינד, װאָס האָט זיך "ניט געהיט" און אומגעקומען.

אין די שמאָלע געסלאַך האָט זיך געװאַלגערט הורמעס צעפּליקטע קישנס, פּערענעס און קאָלדרעס, א געמיש פון פעדערן און שניי, שטרויזעק, אלטע מאַטראַצן מיט אַרויסגעקראָכענע פּרוזשינעס.

די טירן פון פיל װוינונגען זענען אָפן געװען, מאָדנע צו זיך גערופן און פון זיך געטריבן, געשראָקן מיט פּוסטקייט און דערציילט װעגן די פאַרשװונדענע בני-בית.

אומעטיק האָט א פייער אין א קאַכל-אויװן געצאַנקט, איבער פאַר-ברענטן האָלץ מיט בלויע צונגען די אויװן-טירל געלעקט און װאָס געטאָנט. אין א װינקל איז א זייעשקע מיט געזויערטן טייג געשטאַנען – משמעות עמיצער האָט געװאָלט א ברויט אויסבאַקן אין װעג צו נעמען, אָבער ניט באַװיזן. די איבערגעזויערטע טייג האָט "געסיקעט און געקרעכצט", װאָס מען זעצט דאָס ניט אין אויװן. די צעשליידערטע בעטן, צעטרענטע קישנס, אויפגעמאַכטע שענק און טיש-קעסטלאַך האָט עדות געזאָגט, אז עס שמעקט מיט גזילה און פראָפאַנאַציע פון פרישע קברים.

װעש, ליילעכער, קליידער, געפעס, פאַרצעלאַנענע לאַלקעס און בילקער שמוק האָט זיך אין אָפענע קאָמאָד-שופלאַדן געװאַלגערט און אויפן פּאָל צעטראָטן געלעגן.

א אלט-מאָדישער װאַנט-זייגער האָט א מאַנאָטאָנעם טיק-טאַק געזונגען, אונטער װעמענס אומרו (פּאַמפּעדיקל) עס איז א בילד פון א שטיפנדער, נאַקעטער קינד געהאַנגען.

א צעשאָטענער אלבום מיט בילדער אויפן טיש האָט דערציילט װעגן דריי דורות, באָבעס אין פּערוקעס, זיידעס אין יארמולקעס, מיט גרויסע ספרים און ביינערדיקע פינגער, זענען אויף גלאַנציק געטאָקטע שטולן געזעסן און מיט פאַרמעט-געזיכטער גלייכגילטיק געקוקט. יונגע מענטשן מיט שמייכלענדע געזיכטער, "אויפגעכאַפּטע" אין גאַנג, געאָרעמט אויף פּאַרק-בענק, אָדער גליקלעכע אין זאַמד ביים ברעג ניעמען, קינדערלאַך לאַכנדיקע, שפּילנדיקע, רואיקע סטאַטיקלאַך מיט װעלאָסיפּעדן, מיט שולביכער, גרופּעס מיט לערערס בעת חנוכה, פּורים-פאָרשטעלונגען אין אָריגינעלע טעאַטער-קליידונג, האָבן פון די אלבום-זייטן אראָפּגעשריגן מיט קולות "מיר זענען דאָ אָט ערשט געװען !"

אומהיימלעך איז געװען קוקנדיק אויף די באַקאַנטע פּנימער, װעלכע האָבן װי פון דער פּאָטאָ געפרעגט : "פאַרװאָס דו ניט, און מיר יאָ ?" דער טויער פון אלטן בית-עלמין איז ברייט אויפגעמאַכט געװען און "פאַרבעטן" נייגיריקע דורכלויפער אַנקוקן א טשיקאַװע זאַך.

דער שניי האָט אויפגעהערט צו שיטן און דער אראָפּגעפאַלענער האָט זיך אין װאַסער צעשמאָלצן. װי פאַרשידענע קאָלירענע פּעקלאַך זענען מענטשן אויפן בית-עלמין געלעגן, אויפגעלייגט אין דער רייע, אין אָרדנונג, װי לויט א שנור - מיט עכט דייטשער גענויאיקייט. באַלד פאָרנט ביים טויער זענען כאָטיש עטלעכע-צענדליק גופים געלעגן מיט צעריסענע קעפּ, װעמענס שאַרבן-ביינער עס האָבן אויף שטיקער האַריקן קאָפּ-פלייש געהאָנגען. דאָס זענען געװען געשאָסענע מיט דום-דום-קוילן, װעמענס נעמען עס איז אומ-מעגלעך געװען פעסטצושטעלן, אָבער לויט דער קליידונג האָבן די לעבעדיקע װעלכע האָבן זייערע קרובים צװישן די הרוגים געזוכט, פאַרשידענע השערות ארויסגעזאָגט װעגן דער אויטענטישקייט פון דעם און דעם הרוג, לויט דער װאַטאַװקע, הויזן און שיך.

װייטער זענען געלעגן גופים "נאָרמאַל"-געשאָסענע, װעמענס אויגן קראָען האָבן שוין באַװיזן אויסצופּיקן, און ארויסשלעפּן אויף דער זייט פון די אויגן-לעכער, װייסע שטיקער פלייש.

ביים ערשטן קרבן האָט מיר א קער געטון צום ברעכן, און איך האָב זיך אויפגעטרייסלט קוקנדיק אויף דעם, אָבער די מענטשלעכע אויג גע-װוינט זיך צו, און װאַרשיינלעך װערן אויך געפילן פאַרהאַרטעװעט.

זענען די אָן-אויגיקע הרוגים אויפן רוקן געלעגן און מיט גרויסע אויגן-לעכער אין גרויען הימל געקוקט.

גאַנץ נאָנט, זייט ביי זייט, איז א יונג פּאָרל געלעגן, מאַן און װייב אין עלטער פון א פּאָר-און-צװאַנציק יאָר; לייטיש געקליידעט זענען

זיי געװען, ערגיץ-װו געשאָסן אין קערפּער. זי איז צוגעטוליעט צום מאַנס זייט געלעגן, דער פּנים לעבעדיק ראָזע, די אויגן שװאַרצע אָפן, האָבן פון אונטער העלע אײדלע פרויען-ברעמען ארויסגעקוקט, װי זי װאָלט די װאָלקנס אין הימל געציילט. אין נייע פרויען-שניי-שטיװל, זיידענע זאָקן, רונד-געטאָקטע פיס, האָבן פון אונטער א קורצן שװאַרצן מאַנטל ארויסגעקוקט, האָט זי זיך צום מאַנס זייט געטוליעט, װי זי װאָלט געװאָלט פון נאָך א שפּאַציר. זיין פּנים איז קאַלך-װייס געװען מיט שפּעלט-לאַך אָפענע אויגן און אייַנגעצויגענע באַקן, האָט בולטער געמאַכט די קאָנטורן פון די באַקן-ביינער און אונטערשטן קייער. אין א טונקלען האַרבסט-אַנצוג, געלע האַלבשוך און װינטערמאַנטל, אָן לאַטעס, האָט עדות געזאָגט, אַז מען האָט דעם פּאָרל אין שטאָט געכאַפּט אויף פאַלשע פּאַפּירלאַך און פּוילישע פּאָליציי האָט זיי דעם געשטאַפּאָ-שעף פון געטאָ הײַזע אויס-געליפערט.

װייטער איז א גרופּע זעלבסטמערדער געלעגן, געסמ'טע װאָס האָבן ניט געװאָלט פאַרװאָגלט װערן פון זייערע עלטערן'ס געביין און געבורט-שטאָט - האָבן א סוף געמאַכט צו זייער לעבן מיט ציאַנקאַלי און לומינאַל. דאָס זענען געװען דאָס רוב אינטעליגענץ - דאָקטוירים אין די עלטערע יאָרן. א צאָן-דאָקטאָר איז געלעגן אין זיין בעסטן אַנצוג, צעקנייטשטע לאַקירענע שיך, אונטערן רעקל א װייסע פּאַרצייטיקע מאַנישקע מיט א שװאַרץ שלייפל, האָט מיט א געלן פּנים, פאַרשטשימעטע ציין און אויגן-שפּעלטלאַך אין הימל געקוקט.

א אַקושער-דאָקטאָרין (גערשונע), א עלנטע, אָן א פאַמיליע, איז אין א ליילעך געלעגן איינגעניייט ביז אין דער העלפט, ד.ה. דעם אונטערשטן האַלבן קערפּער ביזן ברוסט, די הענט איז אין ליילעך געלעגן און מיט א שפּילקע איז א צעטעלע געװען צוגעשפּילעט צו די אליין-גענייטע און ניט פאַרענדיקטע תכריכים, מיט בלויען טינט און אין יידיש געשריבן געװען : "איך בעט מיר קובר זיין לויט דער יידישער רעכט". א פאַרגיפטעטע איז זי געלעגן אין אליין-גענייטן, אייביקן קלייד און געבעטן דעם לעצטן חסד.

װייטער זענען געלעגן בראַדע שורות מיט הרוגים געלעגן װי קלעצער אין א זעגמיל-הויף : פרויען, מענער, קינדער, יונג און אַלט - געלעגן און געװאַרט דאָס לעצטע מענטשן זאָלן די געפרוירענע ערד פון אַלטן בית-עולמין אויפרייסן און זיי באַהאַלטן אין אייביקער רו - איבערגעקומענע, אויס-געלייזטע מענטשן.

די לעבנגעבליבענע יידן, װאָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן און יעצט "טריפה" געװען, די נויטיקסטע און בעסטע בעלי-מלאכות, װאָס די געשטאַ-פּאָ האָט פאַרלויפיג לעבן געלאָזט, האָבן צעטומלט אין געטאָ ארומגעשמייעט

און איינער דעם צווייטן ניט דערקענט; האָבן בעטן, אלמערס און בעבעכעס געשלעפּט אין די לעגאלע 2 געסלאך וואָס איז נאָכן טראנספּאָרט באשטימט געווען פאר די לעבן געבליבענע צו וווינען, און וואָס איז שנעל מיט א פארקאָן אָפּגעצוימט געוואָרן פון די איבעריקע אויסגעליידיקטע גאסן.

עלטערן האָבן שטילערהייט געקרעכצט נאָך צוגעגזל'טע קינדער און קינדער האָבן באדויערט זייערע פארשוווּנדענע עלטערן.

אין דעם טראנספּאָרט איז אויך פארשלעפּט געוואָרן מיין שוועסטערס מאן, לייב רייזער, וועלכער איז אויך מיר א קוזין געווען. ער איז א טעטיקער מיטגליד געווען אין דער אומלעגאלער פּועלי-ציון ארגאניזאציע, אין געטאָ א באקאנטער פילאנטראָפּישער עסקן, האט אין דער צייט פון אָקופּאציע אין געטאָ א ברייט-פארצווייגטע הילפס-באוועגונג געשאפן צו שטיצן די הונגעריקע און עלנט-געבליבענע פרויען און קינדער, וועלכע האָבן געשטאמט פון מזרח-רוסלאנד, וועמענס מענער עס זענען ארעסטירט גע-וואָרן פון דער געסטאפּאָ, אדער זענען אנטלאָפן און האָבן צוליב דעם בליץ-קריג קיין צייט געהאט זיך צו עוואקואירן.

האט די שוועסטער געקלאָגט אויפן אומגליק פון אוועקגערויבטן מאן און וויינענדיק די קינדער פארזאָגט - דעם טאַטן צו געדענקען, כדי צו וויסן, ווען יאָרצייט איז... כ'האָב דער שוועסטער געמוזט טרייסטן מיט גאנץ ברוטאלע ווערטער, דאס זי זאל ניט קלאָגן, ווייל מיר זענען אויך ניט קיין געראטעוועטע און וועלן אויך פריער צי שפּעטער דערטרונקען ווערן אין די שטורמישע כוואליעס פון דער צייט.

דער לעבן האָט אינגאנצן זיין גלאנץ פארלוירן. עס האט זיך אלץ גענומען אויסדוכטן, אז עס איז לגמרי ארויסגעוואָרפן דער שווערער קאמף פארן לעבן, אז אלצאיינס וועלן מיר ניט אויסמיידן דעם גורל פון די איבעריקע, און עס לוינט טאקע אפשר אויך ניט צו שלעפּן די אזוי-שווערע לאסט וואָס הייסט לעבן.

דער לאגער קעלבאסין, וואָס האט זיך געפונען 6 ק"מ פון גראָדנע, וווּ עס געאָרודעוועט דער עס-עס-באנדיט רינצלער, האט זיך שוין מיט זיינע 24-טויזנט יידן פון פראווינץ געהאט "ליקווידירט" - ד.ה.פארשיקט אין די קאלך-אויוונס פון טרעבלינקע און אוישוויץ, און טיילווייז אויפן אָרט דערמאָרדעט.

צוליב ביז היינט אומבאקאנטע סיבות האט די געסטאפּאָ די לעצטע עטלעכע-הונדערט יידן אָפּגעשיקט אין געטאָ. ווי לעבעדיקע סקעלעטן זענען זיי הונגעריקע, האלב-נאקעטע אין געטאָ ארומגעבלאָנקעט, ווו נאָר א מיסטקאסטן זענען זיי אים באפאלן, און מיט שפּענדלאך אין די מיסט עסן געזוכט.

די הונגעריקע געטאָ-יידן האָבן מיט זייערע אומגליקלעכע ברודער דעם לעצטן ברעקל ברויט געטיילט און "א ברעג בעט" צום שלאָפן - זענען א טייל פון די געוו.קעלבאסינער שוין אינגאנצן אויסגעשעפּט און נידער-

געשלאָגענע פרײװיליק אװעק אין טראַנספּאָרט, און די שטאַרקערע, עקשנים, האָבן זיך נאָך געראַנגלט און זענען שפּעטער, גרופּקעס-װײַז אין װאַלד אַנטלאָפן צו פּאַרטיזאַנער.

ביי הונדערט אַרבייטער, די סאַמע נויטיקסטע, האָבן נאָך אויך יעצט, נאָכן גרויסן טראַנספּאָרט, ביי די 4000 לעבן-געבליבענע טעגלעך דעם געטאָ-טױער פּאַרלאָזן – צו דער אַרבעט אין שטאָט.

אויך איך בין געװען צװישן די "גליקלעכע" און מיט אַ צענדליק בעלי-מלאכות אַלע טאָג אָפּגעמאַרשירט אין מיליטער-שפּיטאַל, װאָס האָט זיך טאַקע געפונען האַרט ביים פאַרקאָן פון געטאָ. אַ גאַנצן טאָג האָט מען געהערט, װי אויף יענער זייט פאַרקאָן פון געטאָ טרעשטשעט װיזע׳ס אויטאָמאַט.

נאָכן גרויסן טראַנספּאָרט האָט װיפּע כמעט אַלע טאָג "טרענירט" זיין אויג און געװער אויף די רעשטלאָך לעבנגעבליבענע יידן. אין גרעסטן טייל האָט ער אַ "פּרעטעקסט" געהאַט דערצו : ביי דעם קרבן איז געװען אַ קליינער מגן-דוד, ביים צװייטן – אַ גרויסער; איינער איז אים אויסגעקומען פאַרדעכטיק, איינער חוצפה׳דיק – הכלל, אין גרעסטן טייל איז געװען אַ "סיבה" דערצו.

עס איז אויך געװען פאַלן, װען װיזע פלעגט שיסן אָן אַ פּאַרװאָס. דאָס איז געװען יענע פּרימאַרגנס, װען דעם אַלפּן-יעגער װיזע פלעגט באַפאַלן אַ בענקשאַפט צו גיין אויף יאַגד... דעמאָלט פלעגט ער זיך שטילערהייט אַריינגנבענען אין געטאָ, זיך מאַסקירן אונטער די ליידיקע געטאָ-מויערן און שיסן צום ערשטן-בעסטן קרבן אויף אַ שטח פון 40–50 מעטער. ער פלעגט דאָס רוב טרעפן פּונקט אין צװישן די אויגן – דער קרבן פלעגט אַװעקפאַלן אַפילו אָן אַ קרעכץ. האָט ער אַמאָל ניט געטראָפן, איז ער מלא-רציחה געװען, פלעגט שפּייען, זיך שעלטן :"סאַקראַמענט, דאָנערװעטער" – און שוין דעם נעכסטן יידן גלייך אין נאָז אַריינשיסן.

האָבן די יידן געהיט זיך פאַר װיזע׳ן װי פאַר פייער, האָט מען אים פון װייטן נאָר באַמערקט, זענען אַלע באַלד אין געטאָ נעלם געװאָרן, און די געסלאָך אויסגעליידיקטע.

מיין סטאָליער-מייסטער, יעשיע קאַגאַנאָװיטש האָט שטאַרק געיאָגט די אַרבעט אין שפּיטאָל.

די היטלעריסטן האָבן ליב געהאַט מעבל פון פעאודאַלן, פּריצישן סטיל האָבן זיי פון די האַלב-הונגעריקע יידישע בעלי-מלאכות פיל געפאָדערט מעבלירן זייערע צימערן, "צוזאַמנדיק" דעם מייסטער, אַז זיי װעלן שױך מיען דאָס מען זאָל אונז ניט אַרויסשיקן. דער מייסטער האָט דאָס פאַר אַ כשרע מטבע אָנגענומען און געיאָגט שנעלער די אַרבעט. פלעג איך אים אָפּט אָפּקילן : "יעשיע, איילט זיך ניט און טרייבט ניט אַזוי גיך די אַרבעט, אַלצאיינס װעלן מיר די באָד ניט אויסמיידן". איך אַזוינע מאָמענטן פלעגט ער דעם העבל אַװעקלייגן, בלייבן אַ רגע פאַרגליװערט שטיין, אַרויסקוקן

דורכן פענסטער אויפן שפּיטאַל-הויף און זיך אָפּרופן װי צו זיך אַליין: – איז דאָס טאַקע אמת װאָס מען זאָגט – מען דערשטיקט מיט גאַז און מען פאַרברענט אין א אויװן ?

ערב נ״י-יאָר 1943.

איינמאָל אין א פראָסטיקן פרימאָרגן האָט זיך די טיר פון װאַרשטאַט האַסטיק אויפגעמאַכט און דער װירטשאַפטס-אָפיציר פון שפּיטאָל איז אַריין מיט א װאָלקן פראָסט. ער האָט מיר געהייסן זאָפאָרט 2 טרומנעס מאַכן און זיי ברענגען אין מתים-שטיבל.

כ׳האָב זיך פליסיק צו דער"מצװה" גענומען, און זיי זענען טאַקע באַלד פאַרטיקע געשטאַנען אין מתים-שטיבל. אויף דער ערד איז געלעגן צװיי הרוגים, דייטשע זעלנער, מגרא׳דיק צעמזיק׳טע מיט אָפּגעריסענע הענט און פיס, זענען געװען געקליידעט װי פראָנט-זעלנער, און ביי איינעם אויפן אָרעם איז געװען א אויפשריפט "צוגס-פירער".

"פון א באַן-קאַטאַסטראָפע" ! – האָט דער אָפיציר פילדייטיק א זאָג געטון צו א זעלנער, װאָס איז ביי זיין זייט געשטאַנען.

כ׳האָב פליסיק די טרומנע-דעקן פאַרקלאַפּט און אין האַרצן פאַראַנאַנדער-געשיפּירט די באַן-קאַטאַסטראָפע, װאָס איז פאַקטיש געװען א אונטערגעריסע-נער דורך פאַרטיזאַנער מיליטער-צוג, װאָס איז געלאָפן צום פראָנט קיין מזרח.

כ׳בין א פריילעכער אין װאַרשטאַט אַריין און איבערגעגעבן די חברים דעם "לעבעדיקן גרוס", װאָס כ׳האָב יעצט פון די פאַרטיזאַנער אָפּגענומען. מיר האָבן צו-ביסלאַך פון פאָליטור-ספּירט "לחיים" געטרונקען, און זיך געװונטשן צו האָבן אָפטע אַזוינע גרוסן.

כ׳פלעג קוים דעם אָװנט דערציען כדי װידער אין געטאָ זיך אַריינ-כאַפּן און זען, צי איז נאָך מיין פרוי און קינד צװישן די לעבעדיקע. די קאָפּ האָט אַלץ נאָך "געטריקנט" און געטראַכט װעגן עפּעס אַזוינס, אַז איך זאָל קענען מיט פרוי און קינד ניצול װערן פון גיהנום.

א צװייטן מאָל איז דערזעלבער אָפיציר געקומען אין סטאָלאַרניע, מיר געהייסן די געצייג מיטנעמען, אַװעקגעפירט מיר אין קליידער-מאַגאַזין פּאָליצעס מאַכן. ער אַליין האָט אויפגעשלאָסן א שאַפע, אויף װעמענס פּאָליצעס עס איז געלעגן רעװאָלװערן... ער האָט יעדן איינעם אין האַנט גענומען, געפּרוװט דעם שלאָס, פאַרזעצט מאַגאַזינען, און די נומערן פון זיי אין א נאָטיץ-ביכל אָפּגעצייכנט.

כ׳האָב בגניבה אהין א בליק געװאָרפן, צו די בלישטשעדיקע רעװאָל-װערן און א געדאַנק װי א בליץ איז דורכן מוח אַדורכגעלאָפן. די האַרץ האָט גענומען האַסטיק קלאַפּן, און אויפן מאָמענט א ביסל מיר צעטומלט. כ׳האָב זיך אָבער תיכף באַהערשט, פריילעך צוגעקלאַפּט מיטן האַמער איבער

די ברעטער, און געפילט, אז דאָרט אין דער פּאַרמאַכטער שראַנק געפינט זיך דער "נס", וואָס קען ראַטעווען מיין יעצטיקע סיטואַציע.

דער אָפיציר האָט דעם צימער פאַרלאָזן און איך האָב באַטראַכט דעם שלאָס פון שראַנק, די זאַוויאַסעס, און אַרויס אין דרויסן באַטראַכטן דעם געבוי פון די פענסטער. דער סוד וועט זיכער צונוץ קומען — האָב איך אין האַרצן באַשלאָסן, און קיינעם דערפון אַ וואָרט ניט דערציילט.

צו יענער צייט איז שוין גאַנץ פּאָפּולער געווען די פּאַרטיזאַנער-באַוועגונג; די האָבן טויט-שרעק ביי די ברוינע אַרויסגערופן. עס פלעגט אָנקומען אין געטאָ שטילע גרוסן, דאָס פויערן האָבן דערציילט, אַז זיי האָבן "זייי" אליין געזען, דאָס "זייי" קומען מייסטנס ביינאַכט צו די פויערן נעמען לעבנסמיטל. דאָס זענען געווען אָבער אַלץ געהערטע מעשות, און קיינער האָט ניט געוווסט, וויאַזוי מען קען קומען מיט זיי אין קאָנטאַקט.

גאַנץ צופעליק און בסוד האָב איך זיך דערוווסט, דאָס מיינער אַ באַקאַנטער איז געווען אין "יענע מקומות", אַז ער האָט דאָרט מיט עמיצן גערעדט, און ער ווייסט עפּעס.

דאָס איז געווען אַ יונגער בחור, אַ קצב, וואָס האָט געקענט דעם גאַנצן געגנט ווי זיינע פינגער; ער מיט נאָך אַ צווייטן האָבן ריזיקירט, זיך מאַסקירט פאַר שקצים, און אַ "שפּאַציר" געמאַכט איבער די וועלדער און דערפער און זיך טאַקע געטראָפן מיט "זייי" פנים-אל-פנים.

לכתחילה האָט מיין בחור ניט געוואָלט ריידן, אָבער איך האָב אים "אַריינגעקראָכן טיף אין די ביינער", האָט ער גענומען געבן לשון: דאָס ביי 100 קילאָמעטער פון שטאָט, אין די טיפענישן פון דער נאַטשער פּושטשע אין אַ ווייסרוסישן דערפל, האָט ער גערעדט מיט "אים אַליין" — דעם אָרגאַניזאַטאָר פון אַ גרופּע רוסישע און יידישע פּאַרטיזאַנער, קאָסטיע בוסקאָ, און ער האָט אים געהייסן ברענגען מערער מענטשן פון געטאָ, וועלכע מוזן אויך האָבן געווער !!!

— פאַרשטייסט שוין ? — האָט ער צו מיר פּילדייסיק אַ מורמל געטון, -דער עיקר איז "קלאַפּערס" — חברה האָבן מיר שוין גענוג.

— "קלאַפּערס" גיב איך ! — האָב איך צו זיין גרויס איבעראַשונג אויפן שטעל אַ זאָג געטון, בעטנדיק אים, ער זאָל מיר זאָפאָרט קאָנטאַקטירן מיטן אָנפירער פון דער גרופּע. דער טעכנישער אָרגאַניזאַטאָר איז צו מיין פרייד — אויך געווען מיינער אַ חבר, חנן עלגין.

אין אַ קליינער שטיבל, ביי אַ טונקלעם נאַפט-לעמפּל און גוט-מאַסקירטע פענסטער האָבן מיר געניי דעם פּלאַן געמאַכט, אַרויסצובאַקומען געווער פאַר דער גרופּע, פאַר וואָס איך האָב פאַרלאַנגט, דאָס צו דער גרופּע זאָל צוגעשלאָסן ווערן אויך מיין פרוי און קינד.... אין וועג האָבן זיך פאַרלויפיג געקליבן 24 פּערזאָן, וואָס האָבן דיספּאָנירט מיט 2 גרויסע בעל-עגלה'שע שליטנס און קרעפטיקע פערד. בלית ברירה — פאַרן פרייז פון געווער איז

מען מיט מיר מסכים געװען, און מיר האָבן באַלד טאַקע צוגעטראָטן געבױי דעם פּלאַן צו באַאַרבעטן, װעלכער האָט טאַקע דיזעלבע נאַכט געמוזט װערן רעאַליזירט.

כ'האָב באַדאַרפט האָבן 2 יונגע דרייסטע חברה. באַלד טאַקע איז מיין בקשה ערפולט געװאָרן; אין האַלב-טונקלען צימערל זענען אריין צװיי בחורימלעך, האָבן מיט דרך-ארץ מיר באַטראַכט, און זיך אװעקגעזעצט קעגנ-איבער מיר ביים טיש. דאָס זענען געװען 2 יונגע, קוים 18-יאָריקע, אויף װעמען די גרויזאַמע צייט האָט איר אייגנאַרטיקן שטעמפּל געלייגט פון דרייסטקייט און הפקרות, מיט יונגן, נאַטירלעכן לעבנסמוט "געצױי-גענע" פון טראַנספּאָרטן, און אויף "זייער גוט" אָפּגעגעבן דעם עקזאַמען פון קאַמף פאַרן לעבן.

איינער װאָס איז געזעסן נאָנט ביי מיין זייט, א סמאַגלער, מיט א דרייסטן בליק, האָט מיר די האַנט דערלאַנגט, זיך פאָרשטעלנדיק "בערל". ער האָט זיך געפּלייסט א ענגלישע לולקע צו רויכערן, כדי פאַרטרייבן דעם ריח פון "סאַמאַגאָן", װאָס האָט שטאַרק פון זיין מויל געשלאָגן.

– ביסט שיכור און װעסט ניט פאַרשטיין װאָס איך רעד ! – האָב איך אים מיט פאַרװורף געזאָגט.

– רעדט, רעדט, מיר פאַרשטיין אַלצדינג – האָט זיך דער צװייטער אָנגערופן, א נידריקער בחור'ל מיט א װייסן געזיכט און יידישער נאָז, װאָס האָט געהייסן פיניע. – א ביסל שנאַפּס גיט צו מוט – האָט ער זאָג געטון, און געדרייט אין א שטיקל צייטונג א סיגאַרעט.

) אלזא גוט, געדענקט אָבער, אז מיר גייען מאַכן א ערנסט שטיקל "אַרבעט", װאָס שמעקט מיט טויט, און מען מוז האָבן די קאָפּ אויפן קאַרק – האָב איך געהאַט פאַר נויטיק זיי װאָרענען. כ'האָב אויף א שטיקל פּאַפּיר דעם פּלאַן געמאַכט פון שפּיטאַל און זיי געצייגט, װו די פענסטער געפינט=זיך, װו די שראַנק מיט געװער שטייט א.ד.ג. – האָב אַלץ זיי געגױי "פאַראַנאַנדער-געקייט". זיי האָבן מיט יינגלישן נייגיר אויף דעם שטיקל פּאַפּיר גע-קוקט, און לסוף זיך אָפּגערופן : "װאָס טויג אונז פּלענער, קומט װייזט אונז דעם אָרט און פּטור". "גוט !" – האָב איך מסכים געװען, געהייסן זיי אָנגרייטן א בייס-צװענגל, א דלאָטע, און בין אװעק פאַרבאַרייטן מיין פרוי צום װעג.

דאָס האָב איך געמוזט דעם גאַנצן אמת באַהאַלטן, כדי זי זאָל זיך ניט אָפּשרעקן מיין משוגעם פּלאַן, װאָס האָט געהאַט מער שאַנסן אדורכ-צופאַלן. כ'האָב איר בלויז געזאָגט, דאָס זי זאָל מיט דעם קינד זיין גרייט ביי די דראָסן, זיי זאָלן זיך אָנטון װאַרעם און װאָס-עפּעס אין א קוישל נעמען צום עסן.

מיין פרוי האָט די דעצידירטע האַלטונג מיינע באַמערקט און האָט ניט געפּרוװט פרעגן װאָס און װען.

די מענטשן וואס האבן מיט אונז אין איין צימער געלעבט, האבן בא-מערקט אונזער סוד'ן זיך, און נאכאנאנד געבעטן דאס איך זאל זיי אויך זאגן דעם סוד... פילייכט איז ווידער די נאכט א טראנספארט און מען באדארף זיך באהאלטן ? א עלטערע פרוי האט געוויינט און ביי מיר רחמים געבעטן, דאס איך זאל איר זאגן דעם גאנצן אמת, וואס איך האב מיין פרוי פארטרויט... כ'האב זיך געמוזט מיט אלע שבועות שווערן, דאס דער סוד האט ניט קיין שייכות צו א טראנספארט און דאס איז בלויז א פאמיליע-ענין.

כ'בין אריינגעגאנגען אין צימערל וו מיין שוועסטער און ברודער האבן געוווינט מיט זיינע פאמיליעס; כ'האב זיך כלומערשט געפארעט אין א ווינקל, אויף די ליבע און טייערע קינדערלאך געקוקט, וואס זענען מיר טיף אין הארצן איינגעבאקן געווען, און האב צו מיין גרויסן ווייטאג זיי/מיט גארניט געקענט העלפן, אליין ניט וויסנדיק ווי מיין פלאן וועט זיך אויס-לאזן, - האב געקוקט אויף זיי, און קוקנדיק זיך מיט זיי געזעגנט.

מיין איבערגעגעבענע שוועסטער האט געזען, אז איך טויש די שיך אזוי שפעט אין אוונט, באמערקט מיין צוטראגנקייט, האט ווארשיינלעך עפעס-וואס זיך אנגעשטויסן, האט מיר דערלאנגט א פאר וואלענע סקארפעטן, גע-הייסן אנטאן און ווייטער קיין איבעריקן ווארט ניט געפרעגט.

אין פינסטערן דרויסן האב איך דער פרוי א קוש געגעבן, געהייסן זיין גרייט און שנעל אוועק צו די חברה.

דער געטא איז פאר די לעצטע צייט שטרענג באוואכט געווארן; ווי ארום א תפיסה פון געפערלעכע פארברעכער, איז אויף יענעם זייט דראטן זשאנ-דארמען מיט אויטאמאטישן געווער ארומגעגאנגען און כסדר בליקן געווארפן צום געטא-צוים, וועלכער האט זיך געפונען אין דער הויך אויפן בארג. פון ווייטן האט זיך דער פארפרוירענער טייך ניעמען געזען און די הייז-לאך פון די פישער אין שניי געהילטע, מיט ליכטיקע פענסטערלאך האבן געוווינקען, געהערט און גערופן צו זיך אין דער גליקלעכער וועלט.

אין שיין פון עלעקטרישן לאמטערן האט לאנגזאם א זשאנדארם ארום-געגאנגען, טריט ביי טריט, מיט די באשטעקלטע שטיוול איבערן געפרוירע-נעם ברוק געפויקט און אפט צום געטא געקוקט.

מיר האבן א רעכטע ווייל אבסערווירט דעם שטח פון זעלנערס מארשרוט. האבן די מגן-דודס פון זיך אראפגעפליקט, און ווען דער זשאנדארם האט זיך געפונען צו אונז מיטן רוקן, זיך שנעל פון בארג אראפגעלאזט, כמעט אים אונטער דער נאז אויסגעוואקסן מיט פייפערייען און שקאצישע זידלווערטער דער זשאנדארם האט זיך געמוזט אוודאי וונדערן איבער דער הוצפה פון די פוילישע יונגען, וואס טומלען אזוי שפעט אין אוונט. גרינג האבן זיך די פיס געהויבן ווי צום טאנץ, א געפיל פון זיכערקייט האט געמוטיקט און באהערשט די הארץ.

באלד זענען מיר ביים שפיטאל-צוים געשטאנען, און מיט א ביסצװענגל געפיקט די געפלאכטענע דראטן פון צוים; יעדער דראט האט מיט א פייף געפלאצט און גרעסער געמאכט די דורכגאנגס-לאך. אין אונזער רוקן זענען ציװיליסטן און דייטשן אדורכגעגאנגען, האבן קיין איבריקן אכט ניט געלייגט אויף די "שפיטאל-ארבייטער", װאס ארבייטן היינט אזוי שפעט ביים פארקאן פון שפיטאל.

מיינע יונגע "מיטארבייטער"* זענען ביי א שנעפסל געװען, און האבן װארשיינלעך ניט דערשאצט די ערנסטקייט פון מאמענט. מיר דאקעגן איז די פאר מינוט אויסגעקומען שרעקלעך לאנג און כ'האב ניט װילנדיק א רעג א ציטער געטאן....פארװאס דער יונגערער בערל האט מיר "דערמוטיקט" מיט א רוסישן "מי-שברך"....

באלד זענען מיר ביים פענסטער געשטאנען, און שנעל אויפגעמאכט די דומערדיקע פליגל (פורטקעס); שװערער איז געװען אויפצומאכן די װינטערדיקע - דא האט מען געמוזט א שויב אויסקיטעװען, װעלכע האט געפלאצט אינמיטן דער ארבעט, און די אראפגעפאלענע גלאז האט זיך צעקלונגען מיט א פארעטערישן "דזשום" אין דער נאכטיקער שטילקייט.

פלינק װי מזיקעס זענען בערל און פיניע געװען אין צימער, א שארפער קרעכץ פון האלץ האט מיין סטאלערישן אויער ניט אפגענארט, דאס זיי האבן ריכטיק געטראפן. ארום אין האלב-טונקלען שפיטאל-הויף האבן עלעקטרישע טאשן-לעמפלאך זיך געצונדן, דייטשן האבן צװישן זיך גערעדט; אין א שפיטאל-צימער האבן סאלדאטן גארגלדיק געלאכט, נאנט האט זיך געהערט די טריט פון װאך-פאסטן, װאס האט "װאכזאם" די קראנקע געהיט אין דער פיינדלעכער זאנע....

די חברה האבן דורכן פענסטער מיר א שװערע ציגארן-קעסטל דערלאנגט און זענען נאכדעם שנעל פון צימער ארויסגעשפרונגען.

אין א דערבייאיקער שמאלער געסל האבן מיר אונזערע טראפייען באקוקט : 2 פיסטאלעטן, 1 פאראבעלום און קארגע 200 שטיק רעװאלװער- קוילן מיט מאגאזינען. - "איז מער ניט געװען ?" - האב איך מיט פארדרוס די חברה בעפרעגט. אבער די יינגלעך האבן זיך געצאצקעט מיט די "קלאפערס", ממש זיי געקושט און מיר גארניט געענפערט.

איינער איז באלד אװעק א סיגנאל געבן אין געטא, דאס אלץ איז אין ארדנונג און מען קען ארויס.

באלד זענען די רעשט פון אונזער גרופע געקומען, זענען געשטאנען פארשטעקט אהן די שאטנס פון דער שמאלער געסל - צװישן זיי אויך מיין פרוי און טאכטער, װעמען זיי האבן געהאלפן בזכות די "קלאפערס" זיך פון געטא ארויסשלייכן.

[illegible] מיר זענען געװען 13 פערזאן; נאך 13 האבן אויף אונז באדארפט װארטן אונטערן שטאט צום שאסיי, װאס פירט קיין מזרח.

פאראנאנדערגערוקטע װייט איינער פון צװייטן האָבן מיר שנעל גע-
גאנגען צו יענעם אָרט, װאָס איז געװען ביי א צװיי קילאָמעטער גאנג,
װעלכע מיר האָבן געמוזט אויך אדורכגיין די שטאָט. מען האָט פיל אומװעגן
באדארפט מאכן, כדי זיך ניט אנשטויסן מיט פאליציי. כ'האָב מיין טאָכטער
אויף די הענט גענומען, שטרענג איר פארזאָגט ניט צו רעדן, האָב "איינגע-
נורעט" מיין ספעציפישן יידישן נאָז אין אירע מלבושים'לעך, און מיט
גאנץ גיכע טריט באַגעהאלטן מיינע חברים, װעלכע זענען געלאָפן ממש װי
געיאָגטע.

אין די גאסן איז געװען האלב-טונקל, פראָסטיק; מענטשן זענען פארביי-
געגאנגען איינגעטוליעטע אין אייגענעם בגד, און עס איז װארשיינלעך זיי
אין קאָפּ ניט געלעגן נאָכקוקן אונזער שנעלן טריט.

א עלעקטרישער לעמפל האָט עטלעכע מאָל אין אונזער ריקן אויפגעשיינט,
װאָס אויפן פלייצע געטאפט...און לסוף נעלם געװאָרן אין א צװייטער גאס.
מיר האָבן דעם באַן-פלאַנט איטערגעשניטן קעגנאיבער דעם װאָקזאל;אויף
רעלסן זענען ליכטיקע װאַגאָנען מיט זעלנער געשטאַנען, באַלד זיך פארנומען
װידער אין זייטיקע געסל, האַרט ביים גרעניץ פון שטאָט און כמעט שוין
געלאָפן צום ציל.

מיר איז שרעקלעך שװער געװען דאָס קינד צו טראָגן אזא שטח מיט אזא
שנעלן טעמפּאָ, כ'האָב שװער געסאָפּעט און געראָפן "כלאָפּצי" ניט אזוי גיך
צו לויפן, עס האָט אָבער גאָרניט געהאָלפן; די מענטשן זענען געלאָפן װי
געיאָגטע פון הינט און זיך געמאַכט ניט הערנדיק.

אויפן װייסן פעלד האָבן זיך 2 שליטנס באַװיזן - אונזער צװייטע
גרופּע, װאָס איז צוזאַמען מיט די פערד און שליטנס געװען עטלעכע טעג
באַהאַלטן אין א דערפל, האָבן יעצט פּונקטלעך צום אָפּגערעדטן אָרט אָנגע-
קומען. מען האָט זיך א רגע די הענט געדריקט, זיך געזעצט אין די שליטנס
און אָפּגעפאָרן.

דאָס איז געװען דעם 7 פעװראַל 1943 יאָר, שפּעטער אָװנט. די נאַכט
איז געװען א אויסגעשטערנטע און פראָסטיקע. דער פראָסט האָט אונטער דער
מאַסע פון באַזעצטן שליטן געסקריפּעט; די פערדלאַך האָבן פריילעך די פיס
געהויבן און אין גאַלאָפּ אונז געטראָגן װייטער פון געטאָ.

אָפּפאָרנדיק דריי קילאָמעטער, זענען מיר שטיין געבליבן ביי א גרויסע
גרוב, װאָס איז אַמאָל געװען א פּערדישער בית-עלמין. חברה האָבן פריילעך
פון די שליטנס אַראָפּגעשפּרונגען, אריין אין גראָבן, גענומען פארלאָדן
די פּיסטאָלעטן. צום אומגליק האָבן די קוילן אין די פיסטאָלעטן ניט גע-
פּאַסט - זיי זענען גרעבער געװען, - בלויז צום פּאַראַבעליום האָבן מיר
עטלעכע מאַגאַזינען צוגעקליבן. ביי דער געלעגנהייט האָט איינער פון דער
גרופּע זיך אָנגערופן, דאָס מיר זאָלן אויסװיילן א קאָמאַנדיר, װעלכן אלע
זאָלן פאָלגן זיינע באַפעלן, און גלייך טאַקע אויפן אָרט האָט ער צו מיין

איבערראשונג פארגעלייגט מיין קאנדידאטור.

כ'האב אין דער האלב-טונקלער נאכט נאכאמאל באטראכט די געזיכטער פון מיינע חברים, וועלכע זענען צום גרעסטן טייל געווען עמך'ניקעס, פאלקס-מענטשן, פון וועלכע א טייל זענען אויפגעוואקסן אין א קליינבירגער-ליכער דיסציפלינלאזער סביבה, א עם-קשה-עורף, וועלכע עס איז שווער אונטער-צוווארפן א דיסציפלין, אבער דערשאצנדיק די ערנסטקייט פון מאמענט און די געוועגדעטע בליקן פון די אויפריכטיקע חברים, האב איך זאפארט מסכים געווען, און זיי ערקלערט :

"חברים, מיר פארן יעצט אויף אומבאשטימטע וועגן צו זוכן אונזערע פריינט, פארטיזאנער; דער וועג איז א געפערלעכער, דעריבער נעם איך אייער פארשלאג מיט איין באדינג, דאס איר זאלט אלץ פאלגן וואס איך וועל הייסן. כ'האף, אז אויף וויי טער ווי ביז יעצט וועל איך אויך ניט פארפירן".

– "מסכים, מסכים !" – האבן אלע אין איין קול געגומען ברומען. און איינער האט זיך אפילו אנגערופן : – ווער עס וועט ניט פאלגן, זאלסטו שיסן !...

– שנעל אין די שליטנס ! – איז דאס מאל מיין ערשטער באפעל געווען. מיר האבן זיך פארנומען פארן מיטן טראקט, כדי ניט האבן קיין ערנסטע באגעגענישן אויפן שאסיי; אבער אפפארנדיק א צענדליק קילאמעטער, האבן מיר געמוזט ארויף אויפן שאסיי, ווייל די טראקטוועג איז געווען ניט קיין אויסגעפארענע און שווערע.

די שטימונג ביי חברה איז געווען א פריילעכע און מונטערע. מיטן גאנצן ברוסט האבן מיר געשעפט די פרישע ~~אני~~ קאלטע לופט פון פעלד. דער פראסט האט געקנייפט די באקן און געגליווערט די פינגער, א מילדער ווינטל האט נאכאנאנד צוגעפייפט און אין די אויערן אריינגעזשומעט א סוד – "ס'איז גוט". די פערדלאך האבן גיכער געלאפן ווי מיטן טראקט, און מיר האבן מיט די בליקן שארף אין דער נאכט-טונקלקייט אריינגעשניטן, צי עס קומט ניט קיינער קעגן אונז.

דער שאסיי איז געלעגן א גלאטער און ליידיקער. מיין סאכטערל איז געלעגן איינגעטולעט אין דער מוטער, א פארשיכור'טע פון דער פרישער לופט, געשמאק געשלאפן.

עמיצער האט פון אונטער די שטרוי אין שליטן א גרויסע פלאש "סאמא-גאן" ארויסגעשלעפט, און יעדן איינעם מכבד געווען מיט א "לחיים". כ'האב זאפארט פראטעסטירט, דאס יעצט איז ניט די ריכטיקע צייט צו שכורן. דער האט גאנץ קאלטבלוטיק געענטפערט : "ווער עס טרינקט ניט קיין בראנפן, זאל טרינקען פעך", – טאקע דערזעלבער וואס האט פריער פארגע-לייגט – פאר ניט-פאלגן – שיסן... כ'האב געמוזט א שווייג מאכן און אין הארצן באשלאסן – זאל גיין ווי עס גייט, און מער קיין באפעלן ניט געבן די וואס האבן פיינט דיסציפלין.

װאָס װײַטער פון שטאָט מיר זענען געפאָרן, אַלץ לײַכטער איז די געפאָר געװאָרן, כאָטש פאַר אונדז איז נאָך געשטאַנען א ריזיקע געפאַר – די גרענעץ פון דריטן רײַך קײַן װײַסרוסלאַנד איבערשנײַדן, װאָס איז געלעגן 50 קילאָמעטער װײַט, און מיר האָבן געמוזט נאָך הײַנט בײַנאַכט איר איבער≠ טרעטן, און מיטן פאַרטאָג צו זײַן גאַנץ װײַט אויף יענער זײַט. האָבן אונדזערע בעלי-עגלות טאַקע ניט געזשאַלעװעט קײַן שמיץ די פערד און די האָבן געפאָלגט און "געמאַכט" קילאָמעטערס.

דער פאַקטישער אָרגאַניזאַטאָר פון אונדזער גרופּע חנן עלגין, האָט אויך זײַן מוטער, א עלטערע פרוי פון קרוב 60 יאָר, אַרויסגענבעט פון געטאָ, װעלכע איז אויך צוזאַמען מיט אונדז אין שליטן געזעסן. האָבן די ברודער אַברהמ'ל, שלמה און װעלװל פּאַװע, די בעלי-בתים פון דער פור, פאַרװאָרפן אים, חנן'ען געמאַכט, הלמאַי ער שלעפּט מיט זיך זײַן מאַמען, װען יונגע-רע זענען אין די טראַנספּאָרטן אַװעק... די אַלטע איז געזעסן שטילערהײט גאָרניט געענפערט, און איך האָב זײ געמוזט געבן צו פאַרשטײן, אַז אַלטע װילן לעבן גלײַך מיט יונגע.

די דרײ בְרודער פאַװע זענען געװען פּשוטע, גוטהאַרציקע עמך'ניקעס בעלי-עגלות, װאָס האָבן שפּעטער זיך אויסגעצײכנט אין פּאַרטיזאַנקע און זײער יונגן לעבן האָבן זײ אַלע דרײ מפקיר געװען אויפן מזבח פון דער פרײהײט, האָבן אָבער יעצט בשום אופן ניט געקענט פאַרשטײן, פאַרװאָס א אַלטע װיל דװקא אויך לעבן....

פון װײַטן די זײַטן שאָסײ האָבן זיך געשװאַרצט יעדע 8–10 קילאָמעטער א דערפל און װו-ניטװו האָט אין א פענסטערל א פלעמל געפלאַמט.

בײ 3 שעה פאָרן זענען מיר געװען בײ סקידל – 32 קילאָמעטער פון אונדזער שטאָט. פון װײַטן האָבן זיך געזען לינקס פון שאָסײ די טונקלע קאָנטורן פון דער שטעטל, פאַרבײ װעלכע איך בין מיט קאַרגע 2 יאָר צוריק אין מינסק געלאָפן. מען האָט געמוזט רעכט "שנײַדן" די פערד, כדי שנעל אַדורכפליען דעם געפערלעכן שטח און ניט טרעפן זיך מיט קײַן "שד" אויפן שאָסײ. אין װײַטערדיקן װעג זענען אונדז אַנטקעגנגעקומען פוירן אין שליטנס, װאָס האָבן אָפּגעליפערט דעם תבואה-שטײער אין די אָקופּאַנטישע מאַגאַזינען אין שטאָט; זײ האָבן פאַרװונדערט אויף אונדז די אויגן געגלאָצט, און מיר האָבן געדיכט צוגעפּגעלײגט די קעפ אײנער צום צװײטן, כדי פאַרצושטעלן מיט זיך אין דער טונקלקײט גרויסע פּעק... די פוירן האָבן פאַרדעכטיק צו אונדז געבליקט, שנעל געטריבן זײערע פערדלאָך, פילנדיק משמעות, אַז אין אונדזערע שליטנס איז ניט קײַן גלאַטע סחורה....

מיט יעדן קילאָמעטער װעג, װאָס איז הינטער אונדז פאַרשװונדן, איז קלענער געװאָרן "אויפן רוקן" דער פּאַק זאָרגן, װאָס יעדער לעבעדיקער ייד האָט געטראָגן אין געטאָ, און אויף דער נשמה אַלץ גרינגער און גרינגער

דאָס סוף כל סוף זענען מיר אין א װעלט אָן דראָטן.

די פאַרשנייטע קוסטאַרניקעס און װעלדער ביי די זייטן פון שאָסיי האָבן האָפנונג אין האַרצן געװעקט, דאָס מיר װעלן צװישן זיי אויסגע- לייזט װערן פון בלוטיקן געיעג אויף אונז.

עס איז שוין געװען נאָך א האַלבע נאַכט עטלעכע קילאָמעטער פון גרעניץ װי עס האָט זיך פון װייטן דערטראָגן א גלעקלאַך-קלינגעריי פון א יאַג-שליטל, װאָס איז מיט יעדער סעקונדע דייטלעכער געװאָרן. באַלד האָבן מיר אויך באַמערקט די קאָנטורן פון 2 װייסע פערד, װאָס זענען געלאָפן קעגן אונזער ריכטונג. מיר האָבן זיך ניט באַװיזן צו אָריענטירן װי דער שליטל איז נאָנט פאַרביי אונז דורכגעפאָרן, אין װעלכן עס זענען געזעסן 2 זשאַנ-דאַרמען מיט אויטאָמאַטן - משמעות גרעניץ-היטער. איינער פון זיי האָט צו אונז אין א שלעכטן רוסיש א געשריי געטון : "קודא װ'י יעדעטע"; אָבער באַלד איז אויך אַנגעלאָפן אונזער צװייטער פול-באַזעצטער שליטן. די יעקעס האָבן משמעות א ציטער געכאַפּט פאַר דער גרויסער צאָל מענטשן שפּעט ביינאַכט אין דער נאָענט פון גרעניץ, האָבן האַסטיק א שניט געטון זייערע פערד און פאַרשװונדען. מיר - פאַרשטייט זיך - האָבן אויך דאָס-זעלבע געטון.

באַלד טאַקע האָבן מיר פאַרקירעװעט די שליטנס אין פעלד צו דער גרעניץ. די שליטנס האָבן פּלוצלעם געזונקען אין טיפן שניי, װעלכער האָט דערגרייכט כמעט ביזן בויך פון די פערד. די געטרייע פערדלאַך האָבן בע-שװיצט, געסאָפּעט, געמאַכט מיט די זייטן און שנעל איבערן געפערלעכן װעג אונז געפירט. ערגער איז געװען, װאָס דער גרעניץ-שטח איז געװען א "נאַקעטער", אָן װעלכע ניט-איז קוסטעס, אונזער טונקלע קליידונג און ברוינע פערד האָבן אויפן װייסן שניי גאַנץ לייכט געקענט אונז אפילו פון װייטן מסרן.

אין דער מיט האָט זיך געזען די גרויסע געמויערטע "צאָל-אַמט"-הויז, װאָס איז העל געװען באַלויכטן און ביי אונז א װילן אַרויסגערופן װאָס גיכער איר פון אויג פאַרלירן. מען האָט געמוזט פון די שליטנס אַראָפּ-גיין, כדי די פערד גרינגער צו מאַכן און זיך האַלטן פעסט ביי די לייסטן פון שליטן, כדי ניט בלייבן הינטערשטעליק פון די איבעריקע. עס איז שװער איבער די כוחות געװען צו קעמפן מיט די הורמעס שניי, אין װעלכע מען איז - אָן א גוזמה - ביזן העלפט געזונקען. א הייסער שװייס האָט דעם פּנים און לייב באַדעקט, און די העמד צום גוף געקלעבט; קורץ און שװער האָבן חברה געסאָפּעט און דעם גרעניץ "צװישן טויט און לעבן" געגנבעט.

צװיי זענען פאַרויסגעגאַנגען און כסדר געפּיקט די שטאַכל-דראָטן װאָס האָבן אָפּגעצוימט װייסרוסלאַנד פון דריטן רייך. און - אַט-אַט - שעפּסל און פּישקע האָבן א זאָג געטון, אז מיר זענען שוין אין װייסרוסלאַנד.

(פּישקע - סוף)

באלד זענען מיר אריינגעפארן אין א געדיכטן וועלדל און מיט פארגעניגן
אין שניי זיך געווארפן אפרוען, ווי אויך די פערדלאך א קיי געבן.
פיישקע איז געווען דער בעל-הבית און בעל-עגלה פון דער צווייטער פור.
א געזונטער, קרעפטיקער יונג, מיט א פאר בעל-עגלה'שע ידים, איז ער
געווען ווי די ברודער פאווע, א גוט-הארציקער עסן'ניק מיט געוואלדיקע וועג-
אריענטאציע. ערשט שפעטער האט זיך ארויסגעוויזן, מיט וואס פאר א טייערע
זאך פיישקע איז באשאנקען פון דער נאטור; זיין אריענטאציע אויף וועגן
און אין וואלד, האט קיינמאל ניט פארפירט - פונקט ווי א קאמפאס....
ער איז געפארן מיט זיין פרוי און א דריי-יעריקע טאכטער. ווייטער זענען
געווען אין אונזער גרופע : בערל ליפסקי (א פעטער פון דעם בערל, וואס
האט מיר געהאלפן באארבעטן דעם שפיטאל), א געזונטער יונג מיט ביינער,
א טראנספארט-ארבייטער, א קרעפטיקער און פלינקער, פאר וועמענס פויסטן
א וואזשנע ביסל יונגווארג האבן זיך געשראקן... ער איז שפעטער א העלדי-
שער פארטיזאן געווען, מיט וועמען דער אטריאד האט זיך "געצאצקעט".
א טאטע מיט א זון, אברהם'ל מיט הירשעלען, א קצב וואס האט ליב געהאט
דעם ביטערן טראפן, אבער האט אויך געשלאגן נאכדעם "לייטיש" די דייטשן;
זיין יונגל, א 14-יעריקער גיבעך'ל, האט אין א קורצער צייט שפעטער
אויפגערודערט "א קאנט" און טיפע אנערקענונג ארויסגערופן ביי אלעמען
מיט זיין געוואגטקייט, העלדישקייט און גרויסע צאל דייטשן, וועלכע ער
האט געהאט "געמאכט" אויף זיין "חשבון".

שעפסל גארבולסקי, משה קיילעס, זיידקע אש, לייזער סיטון,
לייבע מאנעס, קאדיק עפשטיין, יענקל לעווין, חנן עלגין - האבן שפעטער
זייער טרייסט אין פארטיזאנער-ביקס געפונען, און א בלוטיקע נקמה גע-
נומען פאר זייערע אומגעבראכטע אייגענע, פון וועלכע א טייל האט דעם
יונגן לעבן געאפפערט אין דאזיקן גרויזאמען קאמף.

עס איז אויך אין אונזער גרופע געווען פיר פרויען, נעמלעך : מיין
פרוי, חנן'ס מוטער, א געוועזענע חנה לאה בערלין פון סקידל און סאניע
עפשטיין, פיישקעס שוועסטער און קאדיקס עפשטיינס פרוי. די לעצטע
איז שוין איינמאל צוזאמען מיט פיישקען טאקע אין דיזעלבע וועלדער ווו
מיר פארן יעצט, געווען, אפגעוועזן צען טעג אין וואלד אין שרעקלעכע פרעסט,
קיין קאנטאקט ניט געקענט געפונען, זענען זיי פארביטערטע צוריק אין
געטא געקומען, און זי סאניע, מיט אפגעפרוירענע פינגער פון די פיס,
וועלכע האבן יעצט געפוילט.

איז מען געלעגן אין וועלדל, זיך אויסגערוט, שטילערהייט געשמועסט
און הויפן מאכארקע גערויכערט און געפלאנעוועט וועגן א ארט, ווו ערגיץ
איבערטאגן. דער הימל האט זיך ביסלעכווייז גענומען אויסבלייכן, די
שטערן לאנגזאם אויסלעשן, פון ווייטן האט זיך געהערט א קרייען פון
הענער, און מיר האבן באדארפט וואס גיכער זיך פארשטעקן, כדי אויסצומיידן

די אוריג פון א זייטיקן מענטשן.

מיר האבן אפגעפארן נאך עטלעכע קילאמעטער און אריינגעפארן אין א געדיכטן סאסנע-וואלדל. עס איז שוין גוט ליכטיק געווען, ווען מיר האבן אנגעבראכן טרוקענע צווייגן און א פייער געלייגט, כדי זיך א ביסל דער-ווארעמען. איין זאך האט אונז אלעמען געערגערט : די טיפע איינשניטן פון די שליטנס אין שניי, וואס האט געקענט דערפירן צו אונז אומגעבעטענע געסט. צוויי פאסטנס מיט געווער האבן מיר ביי די עקן וואלד אוועקגעשטעלט דאס זיי זאלן אכטונג געבן ארום אונז. מען האט געשמאק צוגעביסן, געטון א טרינק בראנפן, און געפילט דאס מען האט אפגעטון גאר א גרויסע זאך, אנטלויפנדיק פון פארטיזאן קבר.

ארום א האלבן טאג האבן די פאסטנס אונז א סיגנאל געגעבן. מיר זענען צו, און געטראפן פון אונזער אפרו-פלאץ א פאלאק, וואס איז געווען בלייך און נערוועז. ער האט דערציילט, דאס ער איז דער וואלד-וועכטער, - ער האט באמערקט די שפורן אין שניי און איז געקומען זען וואס דא טוט זיך. פון זיכערקייטס-וועגן האבן מיר זיין פאספארט גענומען, אפגע-שריבן זיין נאמען און הויז, און אים שטרענג פארזאגט טאמער פארגלוסט זיך אים גיין מעלדן זשאנדארמעריע, וועלן מיר זיך מיט אים גאנץ "לייטיש" אפרעכנען. דער האט זיך געצלם'ט, געקוקט מיט שרעק אויף געווער און פארזיכערט אונז, אז ער וועט מאכן א שווייג.

עס האט גענומען טונקל ווערן און אונז פריילעכער אויף די הערצער, וואס מיר ווערן פטור פון דער טאגליכט און קענען ווייטער פארזעצן דעם וועג. די נאכט איז שוין געווען א פינסטערע, א שנייעלע האט "געזיפט" און נאך געדיכטער געמאכט דעם ארום.

די פערדלאך אויסגערוטע און זאטע, האבן מיט לוסט געמאכט קילא-מעטערס און אונז נענטער צים ציל געפירט. חברה זענען אויף די שליטנס אביסל פריילעכער געווארן, און א ניגון "געצויגן"; עס האט זיך לעבן פארוואלט, פריילעכע געדאנקען האבן די מרה-שחורה פארטריבן און גוטעס פארויסגעפילט. דאך זענען מיר גאנץ פארזיכטיק געווען, אויסגעמיטן צו פארן נאנט פון גארניזאנען, - ערטערווייז צוגעלייגט קילאמעטערס, אבי זיכערן די וועג. ערטערווייז איז די וועג גאנץ פארשאטן, און ביי קרייץ-וועגן האט מען געמוזט די הויפטוועג מיט די פינגער אין שניי אויסטאפן, לויט די טיף פון די "קאליע" שוועבעלאך געצונדען, זיך געאמפערט צווישן וועגן דער ריכטיקייט פון דער ריכטונג. פיישקע האט אלעמאל דעם "וועטא", געלייגט וועגן, דער ריכטונג א שניט געטאן מיט דער האנט - לינקס אדער רעכטס - אין דער פינסטער און מיט זיכערקייט זאגן "פאר אזוי"; אלעמאל איז ער גערעכט געווען און מיר זענען ריכטיק אנגעקומען וו מען האט גע-דארפט. פרעגן ביי פויערן די וועג, האבן מיר אויסגעמיטן, כדי קיין חשד נים ארויסרופן ביים אלעמאל נייגיריקן און כיטרען פויער, וועלכע

װאַלטן ניט געזשאַלעװעט און אונזער שפּור אָנגעװיזן זשאַנדאַרמען. פיל פּױלישע פּױערן האָבן א האַנט "צוגעלײגט" צו פאַרניכטן די פראַװינצער ײדן, און האָבן געהאָלפן דער זשאַנדאַרמעריע לױערן אױף די װעגן און פאַרפאָלגן לױפנדע ײדן, פאַר װעמענס קעפּ זײ פלעגן באַקומען פון דער זשאַנדאַרמעריע עטלעכע קילאָ זאַלץ.... (דאָס איז געװען א פּאָפּולערע טאַק-טיק פון דער געשטאַפּאָ אין פיל ערטער פון װײסרוסלאַנד).

אמאָל אין א אָװנט, װען מען האָט שױן געמוזט בײ א פּױער פרעגן, האָט מען דאָס געדאַרפט מאַכן אזױ קונציק, ד.ה. אױספרעגן בײ אים אלע װעגן צו װעלכער ריכטונג זײ פירן, כדי אים צעטומלען און אַרױס-נעמען פאַר זיך די װיכטיקסטע ריכטונג װו מען באַדאַרף פאָרן, און דער פּױער זאָל זיך ניט אָריענטירן, װעלכער װעג אונז אינטערעסירט.

מיר האָבן שױן אָפּגעפאָרן בײ 8-צענדליק קילאָמעטערס און זענען געװען נאָנט בײ דע|שטעטעלע װאָסילישאָק. עס האָט שױן בלײכן דער הימל גענומען, װען מיר האָבן אױפן האָריזאָנט באַמערקט דעם קלױסטער-צלם פון שטעטל. דאָס האָט מען באַדאַרפט פאָרזיכטיק די שטעטל אױסמײדן צוליבן גרױסן פּאָליצײאישן גאַרניזאָן, װאָס האָט סטאַציאָנירט אין שטעטל און ספּעציעל געלױערט אױף װאָגלענדע ײדן, װאָס האָבן א רעטונג געזוכט אין די שכנישע װעלדער פון דער נאָענטער פושטשע.

באַלד איז דער קלױסטער-צלם װידער פאַרשװונדן און מיר זענען געבליבן אױף א פרײעם, שנײאיקן שטח, אָן א סימן פון װאַלד און קוסטעס. דער פרימאָרגן האָט אַלץ מערער גענומען העלן, און װי אױפן "דלאָניע" זענען מיר געװען אױפן װײסיקן אַרום, פון װאַנען מיר האָבן געדאַרפט אַפּאָרט נעלם װערן. פון װײסן האָבן מיר א כוסאָר דערזען און שנעל גענומען טרײבן די פערד אַהין – עס איז קײן אַנדערע ברירה ניט געװען און מען האָט געמוזט בײם אומבאַקאַנטן פּױער זוכן א פאַרשטעקונג.

אין כאַטקע איז געװען א פּױערטע אײנע אַלײן; זי האָט פאַר שרעק זיך געטרײסלט, קוקנדיק אױף אונז. זי האָט קײן זאַך ניט געפרעגט און אױף אַלעס מסכים געװען; געהײסן די שליטנס אַרײנשלעפּן אין די גרױסע תבואה-שטאַלן, און אַלײן זאָלן מיר אַרײנקריכן אין די טיפענישן פון הײ, װאָס איז געלעגן פול ביזן סופיט אין דער סטאָדאָלע.

די שטוביקע װאַרעמקײט פון דער פּױערישער כאַטע האָט מחיה'דיק אַרומגענומען, צעװאַרעמט די דערפרױרענע גלידער, מיט כוח אין כאַטקע געהאַלטן, נאָך אביסל, נאָך אביסל געניסן פון נאָרמאַלער געזונטער פּױערי-שער אַטמאָספער, װאָס װמעקט מיט ברױט און זאַרגלאָזיקײט.

די פּױערטע האָט גלײך עפּעס װאַרעמס אָפּגעקאָכט, װאָס מיר האָבן מיט אַפּעטיט געגעסן. האָבן פאַסטנס אױסגעשטעלט און זענען אַרײנגעקראָכן אין טיפן שמעקעדיקן הײ.

זײענדיק קאַרגע דרײ מעת-לעת באַכאַנאַנד אין דער קעלט, איז

גאַנץ שווער געווען צו דערוואַרעמען זיך, ווי אויך די איבערלעבונגען פאַר די לעצטע טעג, די לעצטע בילדער פון געטאָ האָט פון די אויגן ניט אָפּגעטראָטן, און ווי א ווידיע פון חורבן האָט זי כסדר פאַרפאָלגט. אָבער די איבערמעסיקע מידקייט האָט גובר געווען און געבראַכט דעם אמת'ן געזונטן שלאָף. זיך אויפגעכאַפּט שפּעט נאָך א האַלבן טאָג, איז שוין אינדרויסן גאַנץ טונקל געווען, עס האָבן זיך שוין שטערן געצונדן און מיר האָבן זיך געאײַלט, געמאַכט אַלע הכנות צום ווייטערדיקן וועג.

פאַר דער צייט איז דער פויער געקומען צו-פאָרן פון דער דערביי-איקער שטעטל לידע. ער האָט זיך לכתחילה פאַר אונז שטאַרק דערשראָקן, אָבער ווען מיר האָבן אים ערקלערט, אַז מיר זענען ניט קיין רויבער און וועלן ביי אים גאָרניט נעמען, האָט ער זיך באַרואיקט, אונז אַלעמען מכבד געווען מיט אייגענעם געזייטן טאַבאַק, און געראָטן אונז צו פאָרן אין פאַדוביטשער וואַלד, ביי 40 קילאָמעטער וועג, פאַרזיכערנדיק אונז, אַז דאָרטן איז דאָ ביי 5000 אונזעריקע....

מיר האָבן אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מיר פאָרן דווקא אין א "קעגנזעצלעכע" ריכטונג, און דערביי צוגעשמייכלט, ווי דער פויער האָט קיין טעות ניט, און ער מאַלט אונז טאַקע די ריכטונג וווהין מיר באַדאַרפן. אין דער נאַכטיקער פינסטערניש זענען מיר טאַקע אין דער ריכטונג פאַרשוונדן. וואָס ווייטער מיר זענען געפאָרן, אַלץ מערער וועלדער זענען אונז אַנטקעגן געקומען, און זעלטן וווּ עס האָט זיך שוין געזען א מענטשלעכער יישוב.

מיר האָבן זיך נאָך ביי עטלעכע רייכע הייזער פון פויערן אָפּגעשטעלט, אויפגעקלאַפּט די שלאָפנדע עטלעכע פון אונז, זענען אינעווייניק אַריין, פּראָוויאַנט געפאָדערט. די פויערן האָבן ניט אָנטזאָגט - מיטן דרך-ארץ פאָרן געווער - געגעבן ברויט, חזיר-פעטס א.ד.ג. אין איין אָרט האָבן חברה אפילו א קאַלב באַקומען, האָבן עס באַלד אויפן שניי אָפּגעשאָכטן און אין שליטן פאַרפאַקט. ווי אויך ביי א פויער א גאַנצן עמער חלב (כיילעב) באַקומען. מיר האָבן אויך ניט פאַרגעסן א זעג און האַק ביי א פויער "באָרגן", כדי אין וואַלד א הייזל זיך צו מאַכן.

מיטן פאַרטאָג זענען מיר אין פּוסטע געווען . פון ביידע זייטן וועג איז א געדיכטער וואַלד געשטאַנען. איינגעהילטע אין שניי, ריזן-סאָסנעס און יאָלקעס האָבן די וואַלדוועג געבילדעט, ווי א לאַנגער, אומענדלעכער קאָרידאָר, אין וועלכן מיר האָבן יעצט א "זייטיקן צימער" געזוכט. עס איז שוין גוט טאָג געווען. די זון האָט איבערן וואַלד געגלאַנצט און מיט שטראַלן-שפּילקעס אין געזיכט געשטאָכן, ווען מיר זענען אַראָפּ פון וואַלד-טראַקט, און אַריינגעפאָרן צווישן די ביימער זיך אויסרוען.
באַלד האָט א מעכטיקער שייטער אויפגעפלאַקערט, די האַלץ האָט פרייליך געטראַסקעט אין פלאַקער און געטיילט וואַרעמקייט מיט א ברייטער האַנט.

מען האָט ברויט מיט חזיר אפעטיטלעך געגעסן, גערויכערט, זיך געטײלט מיט די נײַע אײַנדרוקן, װי אויך געמאכט פּלענער אויף װײַטער – ד.ה. זוכן דעם קאָנטאַקט מיט די פּאַרטיזאַנער, די הויפּטזאַך – זיך טרעפן מיט בוטשקען – װי שוין פריער דערמאָנט, איז בוטשקע געװען דער "סאַטע" פון די פּאַרטיזאַנער אין נאַטשער פּושטשע, צװישן װעלכע עס האָבן זיך געפונען פיל יידן פון די דערבײַיאיקע שטעטלאך.

די חברה האָבן מיט זיך אין שליטן געפירט א מתנה בוטשקען, א פירקאַנטיקע פלאַש פּסח'דיקן שפּירט, און א קאָטקינעם פוטער פאַר זײַן טאָכטער..

ארום א האַלבן טאָג זענען מיר פּלוצלינג איבעראַשט געװאָרן פון א העפטיקער שיסערײַ, װאָס איז געװען פון אונז בײַ א צװײ קילאָמעטער װײַט. עס האָבן געאַרבעט קוללן-װאַרפער, אויטאָמאַטן, אײַנצל-ביקסן און האַנט-גראַנאַטן. מיר האָבן בשום אופן ניט פאַרשטאַנען די אורזאַכע פון דער פּלוצלינגער שיסערײַ און איר סיבה. אין א האַלבע שעה שפּעטער, נאָך דער שיסערײַ האָבן מיר דערהערט א באַװעגונג פון מענטשן אויפן װאַלדטראַקט, און גלײַך צװישן די ביימער באַמערקט זשאַנדאַרמען אויף שליטנס, װאָס האָבן זיך געאײַלט צוריק פון װאַלד.

אונזער איבעראַשונג איז געװען אָן א גרענעץ. מיט די עטלעכע רעװאָלװערן האָבן מיר אונטער די ביימער פּאָזיציעס פאַרנומען און געװאַרט. די אויפרעגונג האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע מינוטן און די דײַטשן, װי געיאָגטע דורך װעמען, האָבן שנעל אונז פאַרבײַגעפאָרן, ניט לײגנדיק קײן אכט אויף אונז.

אז עס איז נאכט געװאָרן, זענען מיר דרײַ מאַן געפאָרן צו בוטשקען אהײם, װעלכער האָט געװוינט אין א כוטאָר, פאַרװאָרפן טיף אין װאַלד, װי אויך די מתנות אים איבערגעבן.

עס איז געװען א פראָסטיקע און ליכטיקע נאכט. די לבנה האָט אין געדיכטן װאַלד אַרײַנגעקוקט און העל-בלוילעכן שײַן אויפן שנײ געװאָרפן, מאכנדיק אים פונקלדיק, װי געברעקלטן גלאָז. די שאַרף-אויסגעשליפענע שטאָל-פלאָסעס פון שליטן, האָבן געפײַפט, געסקריפּעט איבערן פראָסטיקן שנײ, און דער שליטן װי א שיפל האָט זיך שנעל איבער אים געגליטשט.

די שײנע װאַלדיקע נאכט-פּײזאַזשן אין שײַן פון לבנה האָט מײַן פאַנטאַזיע אויפגעװעקט און דערמאָנט זיסע קינדער-מעשה'לעך פון דער יוגנט װעגן װאַלד, פראָסט, לבנה, און...גזלנים.

און אָט זענען מיר אַרויסגעפאָרן אויף א ברײטע, װײַסע װאַלדפּאַלאַנע, װעלכע איז געלעגן אינמיטן װאַלד װי א מעכטיקער פירעק. מיר האָבן זיך פאַרנומען רעכטס צו אונזער אָנגעצײכנטן װעג. דער פערד איז געלאָפן גאַלאָפּ, און אונז שטיקער שנײ מיט די קאָפּיטעס אין שליטן געשמיסן

אויפן שנייאיקן פעלד האָבן מיר באמערקט א שווארצן פלעק, וואָס האָט זיך באוועגט קעגן אונז. גרייטע מיט די רעוואָלווערן האָבן מיר פארלאנגזאמט דעם טעמפא פון פאָרן און זיך דערנענטערט צו א מענטשלעכער קאָנטור, וואָס איז שוין גאנץ נאָנט פון אונז געווען. פאר אונז איז געשטאנען א ווייסרוסישע פויערטע אין די מיטעלע יאָרן, מיט א שטעקן אין האנט.

מיר זענען פון דעם שליטן אראָפגעשפרונגען, צוגעגאנגען נאָנט צו איר, ביים לבנה-שיין איר געזיכט באטראכט, ווי שעפסל מיט בערלען, מיינע מיטפאָרער, האָבן אזש אונטערגעשפרונגען אויסשרייענדיק : "אוי, ס'איז בושקעס פרוי !" – און איר די הענט אויסגעשטרעקט ווי אלטע באקאנטע. די אלטע האָט זיך פריינטלעך געגרוסט און אויך זיי דערקענט, דאָס מיט א קורצע צייט צוריק זענען זיי ביי איר אין כאטע געווען.

– "אך, מיינע קינדער,–האָט זי פאר פרייד אויסגערופן – איך דערמאָן מיך שוין, איר זענט פון גראָדנע, איר זענט געפאָרן נאָך מענטשן ברענגען מיט געווער, יאָ, יאָ,– איך דערמאָן מיר.

די חברה האָבן שנעל דעם פוטער מיט דעם שנאפס איר צוגעטראָגן , וועלנדיק איר דערפרייען מיט די מתנות, ווי גרויס איז אָבער געווען אונזער איבעראשונג, ווען זי האָט דאָס אפילו אין האנט ניט געוואָלט נעמען, און האָט גאנץ דייטלעך ארויסגערעדט :"מיר באדארפן האָבן נאָר געווער, דאָס איז נארישקייטן...."

ווען זי האָט אונזערע רעוואָלווערן דערזען, איז זי געווען אויסער זיך פון פרייד. זי האָט מיט די גלאנציקע רעוואָלווערן אין שיין פון דער לבנה ווי א קינד זיך געשפילט, און כסדר איבערגעחזרט : אָ, דאָס באדארפן מיר...

מאָדנע גרויס איז ביי מיר אין די אויגן יענע נאכט די איינפאכע ווייסרוסישע פויערטע אויפגעוואקסן, וועלכע האָט אזוי מאנסביליש געשאצט דעם גרויסן ווערט פון געווער. זי האָט נאָך אלץ אין שפיגלדיקן שטאָל פון די רעוואָלווערן געקוקט, געוואלן, באוואונדערט זייער שיינקייט און נאָכאנאנד געמורמלט – דאָס טייערינקע באדארפן מיר !.

זי האָט אונז אויך דערציילט דאָס זייער דערפל איז היינט בייטאָג דייטשן באפאלן, איר מאן, קאָסטיע, איז ביי צייטנס אנטלאָפן אין וואלד, דאקעגן האָבן די דייטשן געכאפט איר שוואָגער ד.ה. קאָסטיעס ברודער – סערגייען, אים געצוואונגען מיטן טויט, ער זאָל זיי ווייזן דעם פארטיזאנער לאגער אין וואלד. סערגיי האָט קיין אנדערע ברירה ניט געהאט, איז מיט זיי אין וואלד מיטגעגאנגען; זיי זענען געווען 13 זשאנדארמען. ער האָט זיי נאָנט צו די פארטיזאנער ערד-שטיבלעך צוגעפירט און האָט זיי געעצה'ט געבן א שאָס אין דער לופטן, וואָס וועט זיין א סיגנאל פאר די פארטיזאנער, וועלן זיי פון די ערד-הייזלעך ארויסגיין און זען די דייטשן, – דעמלט וועלן זיי זיך צו זיי איבערגעבן....

די נארישע דייטשן האבן געפּאָלגט די "עצה" פון כיטרען פויער, האבן א שאָס דערלאנגט אין דער לופטן, װאָס האָט אלארמירט די פּארטיזאנער װעלכע האָבן באלד זיך אָריענטירט װאָס דאָ קומט פאָר און זיי אויפ־גענומען מיט א בכבודיקן פייער. סערגיי איז אין טומל אנטלאָפן און די זשאנדארמען האָבן באלד פארלוירן 6 טויטע. זיי זענען אין איילעניש אנטלאָפן, מיטנעמענדיק זייערע פארװונדעטע און איבערלאָזנדיק די 6 פגרים מיט זייער באװאפנונג, שטיװל און פעלצן פאר די פּארטיזאנער.

די אלטע האָט ניט באהאלטן איר פרייד, דאָס די פּארטיזאנער איז צוגעקומען 6 ביקסן, 6 פּאראבעלן און אסך קוילן.

זי האָט זיך מיט אונז הארציק געזעגנט, געפרעגט װו מיר "זיצן" און צוגעזאָגט, אז קאַסטיק װעט װארשיינלעך מאָרגן ביי אונז זיין.

מיר זענען צוריקגעקומען און דערציילט די באגעגעניש מיט בוטשקעס פרוי. חברה זענען ארום קאָסטיאר געזעסן, אויסגעשטרעקט די הענט צום פלאם, האָבן זיך מיט דער בשורה דערפרייט, דאָס מיר װעלן באלד זוכה זיין צו זען די "װאלד־מאכט", װעלכע װעט אונז געבן "װאלד־בירגערשאפט" און "לעבנסרוים".

מיט זיסע טרוימען האָט מען געדרימלט ארום קאָסטיאר, האָפנדיק מאָרגן צו זען מיט די אייגענע אויגן די, נאָך װעלכע מיר, געטאָ־יידן, האָבן אזוי שטארק געבענקט און זייער הונדער געהערט – די לעגענדארע פּארטיזאנער.

אויף מאָרגן, װען מיר זענען געזעסן ארום פייער און פריילעך גע־לארמט, איז װי פון אונטער דער ערד, לעבן אונזער קאָסטיאר אויסגעװאקסן א ריזן־מענטש װי א סאָסנע מיט א האלבן־אויטאָמאט אויפן רוקן.

– אס־אָ איז בוטשקע ! – האָט װער פון די חברה אויסגעשריגן. מיר זענען אלע פון קאָסטיאר אויפגעשפרונגען, גרייט געװען דעם אומבאקאנטן װייס־רוסישן פּארטיזאנער־העלד אויפן האלז צו פאלן. ער האָט אונז פריינטלעך די הענט געדריקט, געהייסן ניט זארגן, עס װעט אלץ גוט זיין – האָט ער אונז פאָטערלעך געטרייסט – און איר װעט דאָ האָבן מעגלעכקייט אפּרעכ־נען זיך מיטן פיינט פאר דער בלוטיקער עװלה, װאָס ער האָט אייך געטון. אויס דאנקבארקייט האָבן מיר אים אָנגעשאָטן א פולע היטל קוילן צו זיין פּיסטאָלעט. ער איז געװען איבערגליקלעך און װי א קינד אין היטל גע־שמייכלט. ער האָט אונז אויך מכבד געװען באלד מיט א פרישע "סמאָדקע" פון סאָװיעטישן ראדיאָ, װעלכע ער האָט אונז אויסגעליינט פון א העפט װאָס ער האָט געהאלטן אין בוזעם, האָט געפרעגט, צי מיר האָבן עסן און שפּעט ביינאכט האָט ער אונז צוגעשיקט א מתנה – יידישע פּארטיזאנער. די האָבן אונז אויף א זיכערן אָרט "אָװעקגעזעצט" און מיר זענען געװאָרן מיט מזל – װאלד־בירגער.

דאָס איז געװען אינמיטן מאָנאט פעװראל 1943 יאָר.

לייב רייזער.